STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10745

# DER IMPERYALIZM ALS HEKHSTE STADYE FUN KAPITALIZM

Vladimir Ilich Lenin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאריער פונ אלע לענדער, פאראייניקט זיכ !

וו. אי. לענינ

# דער אימפעריאליזמ אלס העכסטע סטאדיע פונ קאפיטאליזמ

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1935

# פאָרוואָרט

די בראָשור, וואָס ווערט פאָרגעלייגט דער אויפמערקזאמקײַט פונעם לייענער, האָב איך געשריבן אין פרילינג 1916 אין ציריך. בא די דאָרטיקע באדינגונגען פון ארבעט איז מיר, נאטירלעך, אויסגעקומען צו פילן א געוויסן מאנגל אין פראנצויזישער און ענגלישער ליטעראטור און גאָר א גרויסן מאנגל אין רוסישער ליטעראטור. דאָך, דאָס ענגלישע הויפּט-ווערק וועגן אימפּעריאַליזם — דאָס בוך פון דזש. א. האָבסאָן — האָב איך אויסגענוצט מיט דער אויפמערקזאמקײַט, וואָס דאָס ווערק פארדינט, לויט מײַן אײַבערצײַגונג.

די בראָשור איז געווען געשריבן פאר דער צארישער צענזור. איך בין דעריבער ניט בלויז געווען געצווונגען גאָר שטרענג צו באגרענעצן זיך אויסשליסלעך מיטן טעאָרעטישן — באזונדערס מיטן עקאָנאָמישן — אנאליז, נאָר אויך צו פאָרמולירן די נייטיקע ניט-פּילצאָליקע באמערקונגען וועגן פּאָליטיק מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקײַט, מיט אָנדײַטונגען, אין דער עזאָפּישער — דער פארשאָלטענער עזאָפּישער — שפּראך, וואָס דער צאריזם האָט געצווונגען אָנקומען צו איר אלע רעוואָליוציאָנערן, ווען זיי פלעגן נאָר נעמען די פען אין האנט אפ צו שרײַבן א „לעגאַל“ ווערק.

ס'איז שווער איצט, אין די טעג פון פרײַהײַט, ווידער צו לייענען אָט די ערטער פון דער בראָשור, וואָס זײַנען פארקריפּלט געוואָרן צוליב דער זאָרג וועגן דער צארישער צענזור, צונויפגעדריקט, צונויפגעפרעסט געוואָרן אין אן אײַזערנעם קלעם. וועגן דעם, אז דער אימפּעריאַליזם איז דער ערעוו פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, וועגן דעם, אז דער סאָציאַל-שאָוויניזם (סאָציאַליזם אפּן וואָרט און שאָוויניזם אין טאט) איז א פולער פאראט קעגן דעם סאָציאַליזם, א פולער איבערגאנג אפ דער זײַט פון דער בורזשואזיע, אז די דאָזיקע שפּאלטונג אין דער ארבעטער-באוועגונג איז פארבונדן מיט די אָביעקטיווע באדינגונגען פונעם אימפּעריאַליזם אדג. — איז מיר אויסגעקומען צו ריידן מיט א „קנעכטישן“ שפּראך, און איך בין געצווונגען אָפּצושיקן דעם לייענער, וואָס אינטערעסירט זיך מיט דער פראגע, צו דער נײַער אויפלאגע פון מײַנע אויסלענדישע ארטיקלען פון די יאָרן 1914—1917, וואָס וועט אינגיכן ארויסגיין.[2] באזונדערס ליגט

צו פארצייכנענע אײנ אָרט אפ דער זײַט 119—120:* קעדיי צו דערקלערנ דעמ לייענער אינ א צענזור-פאָרמ, ווי אומפארשעמט עס לײַגנ די קאפיטאליסטנ אונ די סאָציִאַל־שאָוויניסטנ (מיט וועלכע קאוטסקי קעמפט אזוי ניט קאָנסעקווענט), וואָס זײַנענ אריבער אפ זייער זײַט, אינ דער פראגע וועגנ אנעקסיעס, ווי אומפארשעמט זיי דעקנ צו די אנעקסיעס פונ זייערע קאפיטאליסטנ, בינ איכ געווענ געצוווּנגענ צו נעמענ פאר א בײַשפּיל... יאפּאָניע! דער אופמערקזאמער לייענער וועט אָנשטאָט יאפּאָניע גרינג אונטערשטעלנ רוסלאנד, אונ אָנשטאָט קאָרייע — פינלאנד, פוילנ, קורלאנד, אוקראִינע, כיווע, בוכארע, עסטלאנד אונ די איבעריקע געגנטנ, וואָס זײַנענ באזעצט ניט מיט קיינ גרויסרוסנ.

איכ וואָלט וועלנ האָפנ, אז מײַנ בראָשור וועט מיטהעלפנ זיכ פאנאנדערקלײַבנ אינ דער עקאָנאָמישער גרונט־פראגע, וואָס, ניט דערלערנענדיק זי, קאָנ מענ גאָרנישט ניט פארשטיינ אינ דער אָפּשאצונג פונ דער איצטיקער מילכאָמע אונ פונ דער איצטיקער פאָליטיק, נעמלעכ: אינ דער פראגע וועגנ דעמ עקאָנאָמישנ טאָכ פונ אימפעריִאליזמ.

דער אווטער

פעטראָגראד, 26 אפּרעל 1917 י.

## פאָרוואָרט צו דער פראנצויזישער אונ דײַטשישער אופלאגע[3]

### I

דאָס דאָזיקע ביכל איז געווענ אָנגעשריבנ, ווי עס איז אָנגעוויזנ אינעמ פאָרוואָרט צו דער רוסישער אויסגאבע, אינ 1916 יאָר פאר דער צארישער צענזור. איכ האָב ניט די מעגלעכקײַט איבערצומאכנ אצינד דעמ גאנצנ טעקסט, אונ דאָס וואָלט עפשער געווענ ניט צוועקמעסיק אויכ, ווײַל די גרונט-אופגאבע פונ דעמ בוכ איז געווענ אונ בלײַבט: באווײַזנ, לויט די פאראייניקטע אָנגאבנ פונ דער אומבאשטרײַטלעכער בורזשואזער סטאטיסטיק אונ לויט די אנערקענונגענ פונ די בורזשואזע געלערנטע אינ אלע לענדער, ווי עס האָט אויסגעזענ אינ לעצטנ סאכאקל די אלוועלטלעכע קאפיטאליסטישע ווירטשאפט, אינ אירע צווישנפעלקערלעכע קעגנזײַטיקע פארהעלטענישנ, אָנהייב XX יאָרהונדערט, ערעוו דער ערשטער אימפעריִאליסטישער וועלט־מילכאָמע.

---

* זע ווײַטער ז. 116—117. רעד.

טיילווייז וועט אפילע ניט אומנוציק זיין פאר א סאכ קאמוניסטנ אינ די פארגעשריטענע קאפיטאליסטישע לענדער, אפנ ביישפיל פונ דעמ דאזיקנ, פונעמ שטאנדפונקט פונ דער רוסישער צענזור לעגאלנ, ביכל, צו איבערצייגנ זיכ אינ דער מעגלעכקייט — אונ נייטיקייט — אויסצונוצנ אפילע יענע שוואכע רעשטנ פונ לעגאלקייט, וואס בלייבנ נאכ פאר די קאמוניסטנ, לאמיר זאגנ, אינ דער הייניטיקער אמעריקע אדער פראנקרייכ נאכנ קימאט דורכויסיקנ ארעסט פונ קאמוניסטנ, וואס איז דארט ניט לאנג פארגעקומענ, קעדיי אופצוקלערנ די גאנצע פאלשקייט פונ די סאציאל-פאציפיסטישע אנשויונגענ אונ פונ זייערע האפענונגענ אפ דער „אלוועלטלעכער דעמאקראטיע". אונ די סאמע נייטיקסטע דערגאנצונגענ צומ דאזיקנ ביכל, וואס איז געווענ אונטער צענזור, וועל איכ זיכ פרווונ געבנ אינעמ איצטיקנ פארווארט.

II

אינעמ ביכל איז דערוויזנ געווארנ, אז די מילכאמע פונ די יארנ 1914—1918 איז פונ ביידע צדאדימ געווענ אנ אימפעריאליסטישע (דה. א פארכאפערישע, א רויבערישע, א מערדערישע) מילכאמע, א מילכאמע פאר דער פארטיילונג פונ דער וועלט, פאר דער פארטיילונג אונ איבער־פארטיילונג פונ די קאלאניעס, פונ די „ווירקונג־ספערעס" פונ פינאנצ-קאפיטאל אאוו.

ווארעמ דער באווייז פונעמ עמעסדיקנ סאציאלנ, אדער ריכטיקער: פונעמ עמעסדיקנ קלאסעוונ כאראקטער פונ דער מילכאמע, געפינט זיכ, זעלבסטפארשטענדלעכ, ניט אינ דער דיפלאמאטישער געשיכטע פונעמ קריג, נאר אינעמ אנאליז פונ דער אביעקטיווער לאגע פונ די קאמאנדיר־קלאסנ אינ אלע מילכאמע־האלטנדיקע מעלוכעס. קעדיי צו שילדערנ די דאזיקע אביעקטיווע לאגע, דארפ מענ נעמענ ניט קיינ ביישפילנ אונ ניט קיינ באזונדערע אנגאבנ (בא דער גוואלדיקער קאמפליצירטקייט פונ די דערשיינונגענ אינעמ געזעלשאפטלעכנ לעבנ קאנ מענ שטענדיק אפזוכנ וויפל מע וויל ביישפילנ אדער באזונדערע אנגאבנ אפ צו באשטעטיקנ וועלכע האנאכעס מע וויל), נאר אומבאדינגט דעמ גאנצנ סכומ אנגאבנ וועגנ די יעסוידעס פונעמווירטשאפטלעכנ לעבנ אינ אלע מילכאמע־האלטנדיקע מעלוכעס אונ אינ דער גאנצער וועלט.

טאקע אזוינע פארייניקטע אנגאבנ, וואס קאנענ ניט אפגעפרעגט ווערנ, ברענג איכ אינ דעמ בילד וועגנ דער פארטיילונג פונ דער

וועלט אינ די יאָרנ 1876 אונ 1914 (אינעמ VI §) אונ וועגנ דער פארטיילונג פונ די אײַזנבאנענ פונ דער גאנצער וועלט אינ די יאָרנ 1890 אונ 1913 (אינעמ VII §). די אײַזנבאנענ, — דאָס זײַנענ די סאכאקלענ פונ די סאמע וויכטיקסטע צווײַגנ קאפּיטאליסטישער אינדוסטריע, פונ דער שטיינקוילנ-אינדוסטריע אונ אײַזנ-אינדוסטריע, די סאכאקלענ — אונ די סאמע אָנשוילעכע צײַגער פונ דער אנטוויקלונג פונעמ וועלט־האנדל אונ פונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער ציוויליזאציע. ווי זײַנענ די אײַזנבאנענ פארבונדנ מיט דער גרויס־פּראָדוקציע, מיט די מאָנאָפּאָליעס, סינדיקאטנ, קארטעלנ, טרעסטנ, בענק, מיט דער פינאנצ-אָליגארכיע, — דאָס איז באוויזנ אינ די פריקע קאפּיטלענ פונעמ בוכ. די פארטיילונג פונ דער אײַזנבאנ־נעצ, די ניט-גלײַכמעסיקײַט פונ דער דאָזיקער פארטיילונג, די ניט-גלײַכמעסיקײַט פונ איר אנטוויקלונג — דאָס זײַנענ די סאכאקלענ פונעמ הײַנטצײַטיקנ, מאָנאָפּאָליסטישנ קאפּיטאליזמ אינעמ אלוועלטלעכנ מאסשטאב. אונ די דאָזיקע סאכאקלענ באווײַזנ די אבסאָליוטע אומפארמײַדלעכקײַט פונ די אימפּעריאליסטישע מילכאָמעס אפ אזא וווירטשאפטלעכער באזע, קאָלזמאנ עס עקזיסטירט דאָס פּריוואט-אײגנטומ אפ די פּראָדוציר־מיטלענ.

די בויונג פונ אײַזנבאנענ זעט אויס צו זײַנ א פּאָשעטע, נאטירלעכע, דעמאָקראטישע, קולטורעלע, ציוויליזאטערישע אונטערנעמונג: אזוי זעט זי אויס אינ די אויגנ בא די בורזשואזע פּראָפעסאָרנ, וואָס קריגנ באצאָלט פארנ צופוצנ די קאפּיטאליסטישע קנעכטשאפט, אונ אינ די אויגנ בא די קליינבירגערלעכע פיליסטערס. פאקטיש האָבנ די קאפּיטאליסטישע פעדעמ, וואָס פארבינדנ מיט טויזנטער נעצנ די דאָזיקע אונטערנעמונגענ מיטנ פּריוואט־אײגנטומ אפ די פּראָדוציר-מיטלענ ביכלאל, פארוואנדלט די דאָזיקע בויונג אינ א געווער צו אונטערדריקנ א מיליארד מענטשנ (די קאָלאָניעס פּליוס האלב־קאָלאָניעס), דה. העכער העלפט באפעלקערונג פונ דער וועלט אינ די אָפּהענגיקע לענדער אונ די לוינ־שקלאפנ פונעמ קאפּיטאל אינ די „ציוויליזירטע" לענדער.

דאָס פּריוואט-אײגנטומ, וואָס איז באזירט אפ דער ארבעט פונעמ קליינוווירט, די פרײַע קאָנקורענצ, די דעמאָקראטיע, — אָט די אלע לאָזונגענ, מיט וועלכע די קאפּיטאליסטנ אונ זייער פּרעסע נארנ די ארבעטער אונ פּויערימ, זײַנענ געבליבנ ווײַט פונ הינטנ. דער קאפּיטאליזמ איז אריבערגעוואָקסנ אינ אנ אלוועלטלעכער סיסטעמ פונ קאָלאָניאלע אונטערדריקונג אונ פינאנציעלער דערשטיקונג פאר דער ריזיקער מערהײַט באפעלקערונג פונ דער ערד מיצאד א הײַפל „פאָרגעשריטענע" לענדער. אונ די פארטיילונג פונעמ דאָזיקנ „רויב" קומט פאָר צווישנ א 2—3 אלוועלטלעכ־מעכטי-

קע, פון קאַפּ ביז די פּיס באַוואָפנטע רויבער (אַמעריקע, ענגלאַנד, יאַפּאַניע), וואָס ציִען אַרײַן די גאַנצע וועלט אין זייער מילכאָמע פאַר דער פאַרטיילונג פון זייער רויב.

## III

דער בריסקער שאָלעם,[4] וועלכן דאָס מאָנאַרכיסטישע דײַטשלאַנד האָט דיקטירט, און שפּעטער דער נאָך מער כײַישער און געמיינער ווערסאַלער שאָלעם [5], וועלכן עס האָבן דיקטירט די „דעמאָקראַטישע" רעפּובליקן, אַמעריקע און פראַנקרײַך, ווי אויך דאָס „פרײַע" ענגלאַנד, — זיי האָבן דער מענטשהײַט געבראַכט די גרעסטע נוצן, ווײַל זיי האָבן דעמאַסקירט סײַ די פאַרקויפטע טינט־קוליס פונעם אימפעריאַליזם און סײַ די רעאַקציאָנערע באַלעבעסלעך, — אויב אפילו יענע רופן זיך פּאַציפיסטן און סאָציאַליסטן, — וואָס פלעגן באַזינגען דעם „ווילסאָניזם" און דערווײַזן די מעגלעכקײַט פון שאָלעם און רעפאָרמעס באַם אימפעריאַליזם.

די צענדליקער מיליאָנען טויטע קערפּערס און קאַליקעס, וואָס זײַנען געבליבן פון דער מילכאָמע, — אַ מילכאָמע, וואָס האָט זיך געפירט צוליב דעם, צי זאָל די ענגלישע אָדער די דײַטשישע גרופּע פינאַנציִעלע רויבער באַקומען מער רויב, און דערנאָך די צוויי „שאָלעם־אָפּמאַכן" — זיי עפענען די אויגן מיט אַ פריִער אומגעזעענער גיכקײַט באַ מיליאָנען און צענדליקער מיליאָנען מענטשן דערשלאָגענע, דערדריקטע, אָפּגענאַרטע און פאַרפירטע דורך דער בורזשואַזיע. אַפן באָדן פון דעם אַלוועלטלעכן חורבן, וואָס די מילכאָמע האָט געשאַפן, וואַקסט אַפ אַזאַ אויפן דער אַלוועלטלעכער רעוואָליוציאָנערער קריזיס, וואָס וועלכע לאַנגע און שווערע פּעריפּעטיעס ער זאָל ניט דורכגיין, קאָן ער זיך ניט ענדיקן אַנדערש, ווי נאָר מיט דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע און מיט איר ניצחון.

דער באַזעלער מאַניפעסט פונעם II אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט אין 1912 יאָר געגעבן אַן אָפּשאַצונג טאַקע דער מילכאָמע, וואָס איז אָנגעקומען אין 1914 יאָר, און ניט סטאַם אַ מילכאָמע (מילכאָמעס זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע, פאַראַן אויך רעוואָליוציאָנערע), דער דאָזיקער מאַניפעסט איז געבליבן ווי אַ דענקמאָל, וואָס דעמאַסקירט דעם גאַנצן שענדלעכן קראַך, די גאַנצע רענעגאַטישקײַט פון די העלדן פונעם II אינטערנאַציאָנאַל.

דעריבער דרוק איך איבער דעם דאָזיקן מאַניפעסט אין דער בײַלאַגע צו דער איצטיקער אויסגאַבע* און איך ווענד נאָך און נאָך אַ מאָל די אויפ־

* זע. ווערק ב. XVIII, ז. 408—411. ר ע ד.

טערקזאמקײַט פונ די לײענער אפּ דעם, וואָס די העלדנ פונעם II אינטערנאַציאָנאַל מײַדנ פּונקט אזוי זאָרגזאם אויס יענע ערטער פונעם דאָזיקנ מאַניפעסט, ווו עס רעדט זיכ גענוי, קלאָר, דירעקט וועגנ דער פאַרבינדונג טאקע פונ אָט דער קינפטיקער מילכאָמע מיט דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע, — זיי מײַדנ עס פונקט אזוי זאָרגזאם אויס, ווי א גאנעוו מײַדט אויס דאָס אָרט, ווו ער איז באגאנגענ א גנייווע.

## IV

א באזונדערע אויפמערקזאמקײַט ווערט אינעם דאָזיקנ ביכל געשענקט דער קריטיק פונ דעם „קאוטסקיאניזם“, יענער אינטערנאַציאָנאַלער אידייִשער ריכטונג, וואָס איז פאָרגעשטעלט אינ אלע לענדער פונ דער וועלט דורכ די „אָנגעזעענסטע טעאָרעטיקער“, די פירער פונעם II אינטערנאַציאָנאַל (אינ עסטרײַכ — אָטאָ באוער עט קאָמפּ., אינ ענגלאנד — ראמזיי מאקדאָנאלד אא., אינ פראנקרײַכ — אלבער טאָמא אאוו. אדג.). אונ דורכ דער מאסע סאָציאַליסטנ, רעפאָרמיסטנ, פּאציפיסטנ, בורזשואזע דעמאָקראטנ, גאלאָכים.

די דאָזיקע אידייִשע ריכטונג איז, פונ איינ זײַט, א פּראָדוקט פונ צעלייגונג, צעפוילונג פונעם II אינטערנאַציאָנאַל אונ, פונ דער צווייטער זײַט — אנ אומפארמײַדלעכע פרוכט פונ דער אידעאָלאָגיע פונ די קליינבורזשוא, וואָס די גאנצע לעבנ-סיטואציע האלט זיי אינ געפאנגענשאפט בא די בורזשואזע אונ דעמאָקראטישע פאָרורטיילנ.

בא קאוטסקינ אונ זײַנ גלײַכנ זײַנענ אזעלכע אָנשויונגענ א פולקומער אָפּזאָג טאקע פונ יענע רעוואָליוציאָנערע יעסוידעס פונעם מארקסיזם, וועלכע דער דאָזיקער שרײַבער האָט צענדליקער יאָרנ פארטיידיקט, אגעוו, ספּעציעל אינ קאמפ קעגנ דעם סאָציאַליסטישנ אָפּאָרטוניזם (בערנשטיינס, מילעראנס, הײַנדמאנס, גאָמפּערס אדג.). ס'איז דעריבער ניט צופעליק דאָס, וואָס אינ דער גאנצער וועלט האָבנ די „קאוטסקיאנער“ איצט פּראקטיש-פּאָליטיש זיכ פאראייניקט מיט די עקסטרעמע אָפּאָרטוניסטנ (דורכנ II אָדער געלנ אינטערנאַציאָנאַל) אונ מיט די בורזשואזע רעגירונגענ (דורכ די בורזשואזע קאָאַליציע-רעגירונגענ מיטנ אָנטייל פונ די סאָציאַליסטנ).

די וואקסנדיקע אינ דער גאנצער וועלט פּראָלעטארישע רעוואָליוציאָנערע באוועגונג ביכלאל, די קאָמוניסטישע באזונדערס, קאָנ זיכ ניט באגיינ אָנ אנ אנאליז אונ דעמאסקירונג פונ די טעאָרעטישע פעלערנ פונעם „קאוטסקיאניזם“. נאָכ מער איז עס אזוי, ווײַל דער פּאציפיזם אונ „דעמאָקראטיזם“ ביכלאל, וואָס פרעטענדירנ לאכלוטנ ניט אפּ מארקסיזם, נאָר וואָס פארטושירנ,

פונקט ווי קאַוטסקי עס קאַמפּ. די טיפקייט פון די ווידערשפרוכן אינעם אימפעריאַליזם און די אומפארמיידלעכקייט פון א רעוואָליוציאָנערן קריזיס, וועלכן ער רופט ארויס, — ווייל די דאָזיקע שטרעמונגען זיינען נאָך אויסערגעוויינלעך שטארק פארשפרייט אין דער גאנצער וועלט. און דער קאמף קעגן די דאָזיקע שטרעמונגען איז א מוז־זאך פאר דער פארטיי פונעם פראָלעטאריאט, וועלכע דארף אָפּשלאָגן בא דער בורזשואזיע די דורך איר אָפּגענארטע דריבנע באַלעבעסלעך און די מיליאָנען ארבעטנדיקע, וואָס זיינען אוועקגעשטעלט אין מער אָדער ווייניקער קליינבירגערלעכע לעבנ־באדינגונגען.

## V

ס'איז נייטיק צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם קאפיטל VIII : „דער פאראזיטיזם און די פארפוילונג פונעם קאפיטאליזם". ווי עס איז שוין פארצייכנט אינעם טעקסט פונעם בוך, האָט הילפערדינג, דער געוועזענער „מארקסיסט" און איצט קאַוטסקיס מיטקעמפער און איינער פון די הויפּט־פּאָרשטייער פון דער בורזשואזער, רעפאָרמיסטישער פּאָליטיק אין דער „אומאָפּהענגיקער סאָציאַל־דעמאָקראטישער פארטיי פון דייטשלאנד", געמאכט אין דער דאָזיקער פראגע א שריט אפ צוריק אין פארגלייך מיטן אָפענעם פאציפיסט און רעפאָרמיסט — מיטן ענגלענדער האָבסאָן. די אינטערנאציאָנאַלע שפּאלטונג פון דער גאנצער ארבעטער־באוועגונג האָט זיך איצט שוין פולשטענדיק אנטפּלעקט (דער II און III אינטערנאציאָנאַל). ס'האָט זיך אנטפּלעקט אויך דער פאקט פון באוואָפנטן קאמף און פון בירגערקריג צווישן די ביידע ריכטונגען: דאָס אונטערשטיצן קאָלטשאקן און דעניקינען אין רוסלאנד מיצאד די מענשעוויקעס און „סאָציאַליסטנ־רעוואָליוציאָנערן" קעגן די באָלשעוויקעס, די שיידעמאנער און נאָסקע עט קאָמפּ. אין דייטשלאנד אינאיינעם מיט דער בורזשואזיע קעגן די ספּארטאקיסטן, דאָס זעלבע אין פינלאנד, פוילן, אונגארן אאוו. אין וואָס־זשע באשטייט דער עקאָנאָמישער יעסאָד פון אָט דער אלוועלטלעך־היסטאָרישער דערשיינונג?

טאקע אינעם פאראזיטיזם און אין דער פארפוילונג פונעם קאפיטאליזם, וואָס זיינען אייגנטימלעך פאר זיין העכסטער היסטאָרישער סטאדיע, דה. פארן אימפעריאַליזם. ווי עס איז דערוויזן אינעם דאָזיקן ביכל, האָט דער קאפיטאליזם אויסגעטיילט איצט א הייפל (ווייניקער ווי איין צענטל באפעלקערונג אפ דער ערד און באם סאמע „ברייטהארציקן" און גוזמעדיקן כעזשבן ווייניקער פון איין פינפטל) באזונדערס רייכע און מעכטיקע מעלוכעס, וואָס בארויבן די גאנצע וועלט, פּאַשעט „שערנדיק קופּאָנעס". דער עקספּאָרט

פון קאפיטאל טראָגט איין בא 8—10 מיליארד פראנק רעוועך א יאָר, לויט די פארמילכאָמעדיקע פרייזן און לויט דער פארמילכאָמעדיקער בורזשואזער סטאטיסטיק. איצט, פארשטייט זיך, א סאך מער.

ס'איז פארשטענדלעך, אז פון אזא ריזיקן איבער־רעוועך (ווייל ער באקומט זיך העכער פון דעם רעווער, וואָס די קאפיטאליסטן פרעסן אויס פון די ארבעטער אינעם „אייגענעם" לאנד) קאָן מען אונטערקויפן די ארבעטער־פירער און דעם אויבערשיכט פון דער ארבעטער־אריסטאָקראטיע. און אים טאקע קויפן אונטער די קאפיטאליסטן פון די „פאָרגעשריטענע" לענדער — זיי קויפן אונטער מיט טויזנטער מיטלען, דירעקטע און אומדירעקטע, אָפענע און פארשטעלטע.

דער דאָזיקער שיכט פארבורזשואזעווטע ארבעטער אָדער „ארבעטער־אריסטאָקראטיע", וואָס איז גאנץ באלעבעסלדיק לויט זיין לעבנשטייגער, לויט דער גרייס פון זיינע פארדינסטן, לויט זיין וועלט־אָנשויונג — ער איז דער הויפט־אָנשפאר פון דעם II אינטערנאציאָנאל, און בא היינטיקן טאָג איז ער דער סאָציאלער (ניט דער מיליטערישער) הויפט־אָנשפאר פון דער בורזשואזיע. ווייל דאָס זיינען די עמעסע אגענטן פון דער בורזשואזיע אין דער ארבעטער־באוועגונג, די ארבעטער־מעשאָרסים באם קלאס קאפיטאליסטן (labor lieutenants of the capitalist class), די עמעסע דורכפירער פונעם רעפאָרמיזם און שאָוויניזם. אינעם בירגערקריג צווישן פראָלעטאריאט מיט דער בורזשואזיע שטעלן זיי זיך אומפארמיידלעך, ניט אין קיין קליינער צאָל, אפ דער זייט פון דער בורזשואזיע, אפ דער זייט פון די „ווערסאלער" קעגן די „קאָמונארן".[6]

ביז מע פארשטייט ניט די עקאָנאָמישע וואָרצלען פון דער דאָזיקער דערשיינונג, ביז מע שאצט ניט אָפ איר פאָליטישע און געזעלשאפטלעכע באדייטונג, קאָן מען קיין טראָט ניט מאכן אין געביט פון לייזן די פראקטישע אופגאבעס פון דער קאָמוניסטישער באוועגונג און פון דער קינפטיקער סאָציאלער רעוואָליוציע.

דער אימפעריאליזם איז דער ערעוו פונעם פראָלעטאריאטס סאָציאלער רעוואָליוציע. דאָס האָט זיך באשטעטיקט, אָנהייבנדיק פונעם 1917 יאָר, אין אלוועלטלעכן מאסשטאב.

6 יול 1920 י. — נ, לענין

פאַר די לעצטע 15—20 יאָר, באַזונדערס נאָכ דער שפּאַניש-אמעריקאַנישער (1898) [7] אונ נאָכ דער ענגליש-בורישער (1899—1902) מילכאָמעס, [8] שטעלט זיכ אָפּ די עקאָנאָמישע, ווי אויכ די פּאָליטישע, ליטעראַטור פונ דער אַלטער אונ דער נײַער וועלט אַלצ אָפטער אונ אָפטער אָפּ דעמ באַגריפ „אימפּעריאַליזמ", קעדײַ צו כאַראַקטעריזירנ די עפּאָכע, וועלכע מיר לעבנ איבער. אינ 1902 יאָר איז אינ לאָנדאָנ אונ ניו-יאָרק אַרויס דאָס ווערק פונעמ ענגלישנ עקאָנאָמיסט דזש. א. האָבסאָנ: „אימפּעריאַליזמ". דער אווטער, וואָס שטייט אָפּנ שטאַנדפּונקט פונ בורזשואַזנ סאָציאַל-רעפאָרמיזמ אונ פּאַציפיזמ, — וואָס איז, אינ טאָכ גענומענ, פונ אײנ מינ מיט דער איצטיקער פּאָזיציע פונעמ געוועזענעמ מאַרקסיסט ק. קאַוטסקי, — האָט געגעבנ זייער א גוטע אונ אויספירלעכע באַשרײַבונג פונ די גרונטיקע עקאָנאָמישע אונ פּאָליטישע באַזונדערקײַטנ פונעמ אימפּעריאַליזמ. אינ יאָר 1910 איז אינ ווינ אַרויס דאָס ווערק פונ דעמ עסטרײַכישנ מאַרקסיסט רודאָלפ הילפערדינג: „דער פינאַנצ-קאַפּיטאַל" (רוסישע איבערזעצונג: מאָסקווע, 1912 י.). ניט געקוקט אָפּ דעמ מאַכאַבערס פעלער אינ דער פראַגע וועגנ דער געלט-טעאָריע [9] אונ אָפּ א געוויסער גענייגטקײַט צו מאַכנ א פּשאָרע צווישנ מאַרקסיזמ אונ אָפּאָרטוניזמ, שטעלט דאָס דאָזיקע ווערק מיט זיכ פאָר א העכסט ווערטפולנ טעאָרעטישנ אַנאַליז פונ דער „נײַסטער פאַזע אינ דער אַנטוויקלונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ" — אַזוי הייסט דאָס אונטערקעפּל פונ הילפערדינגס בוכ. אינ טאָכ גענומענ, איז דאָס, וואָס איז פאַר די לעצטע יאָרנ געזאָגט געוואָרנ וועגנ אימפּעריאַליזמ, — באַזונדערס אינ דער קאָלאָסאַלער צאָל אַרטיקלענ אָפּ דער דאָזיקער טעמע אינ זשורנאַלנ אונ צײַטונגענ, ווי אויכ אינ רעזאָליוציעס, ווי, לעמאָשל, פונ כעמניצער אונ באַזעלער קאָנגרעסנ, וואָס זײַנענ פאָרגעקומענ אינ האַרבסט 1912 יאָר, — קוימ אַרויסגעגאַנגענ פונ דעמ קרײַז אידייענ, וואָס זײַנענ אַרויסגעזאָגט אָדער, ריכטיקער, סומירט געוואָרנ בײַ דיביידע אָנגערופענע אווטערס...

ווײַטער וועלנ מיר זיכ פּרוּוונ בעקיצער, אינ א ווי ווײַט מעגלעכ פּאָפּולערער פאָרמ, איבערגעבנ דעמ צוזאַמענהאַנג אונ די קעגנזײַטיקע באַציִונג צווישנ די ג ר ו נ ט י ק ע עקאָנאָמישע באַזונדערקײַטנ פונעמ אימפּעריאַליזמ. אָפּ דער ניט-עקאָנאָמישער * זײַט פונעמ איניענ וועט אונדז

* דה. אָפּ דער פּאָליטישער. ר ע ד.

ניט אויסקומענ אפצושטעלנ זיכ, וויפל זי זאל דאס ניט פארדינענ*. דאס פארופנ זיכ אפ דער ליטעראטור אונ אנדערע באמערקונגענ, וואס קאנענ אינטערעסירנ ניט אלע לייענער, לאזנ מיר איבער אפנ סאפ פונ דער בראשור**.

## I. די קאנצענטראציע פונ דער פראדוקציע אונ די מאנאפאליעס

דער קאלאסאלער וווקס פונ דער אינדוסטריע אונ דער מערקווירדיק גיכער פראצעס פונ קאנצענטרירנ די פראדוקציע אינ אלצ גרעסערע אונטערנעמונגענ זיינענ איינע פונ די אמערסטנ כאראקטעריסטישע באזונדערקייטנ פונעמ קאפיטאליזמ. די פולסטע אונ פינקטלעכסטע אנגאבנ וועגנ דעמ דאזיקנ פראצעס גיבנ די מאדערנע אינדוסטריעלע ציילונגענ.

אינ דייטשלאנד, למשל, איז פונ יעדע טויזנט אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ געווענ גרויסע, דאס הייסט, אזעלכע, וואס האבנ מער פונ 50 לוינ־ארבעטער, אינ 1882 יאר — 3; אינ 1895 יאר — 6 אונ אינ 1907 יאר — 9. פונ יעדע 100 ארבעטער איז אפ די דאזיקע אונטערנעמונגענ אויסגעקומענ: 22, 30 אונ 37. נאר די קאנצענטראציע פונ דער פראדוקציע איז א סאכ שטארקער, איידער די קאנצענטראציע פונ די ארבעטער, ווייל אינ גרויסע אונטערנעמונגענ איז די ארבעט א סאכ פראדוקטיווער. אפ דעמ ווייזנ אנ די אנגאבנ וועגנ דאמפ־מאשינעס אונ וועגנ עלעקטרישע מאטארנ. אויב מע זאל נעמענ דאס, וואס מע רופט אינ דייטשלאנד אינדוסטריע אינ ברייטנ זינ, דאס הייסט, אייַנשליסנ אויכ דעמ האנדל, די פארקער־וועגנ אדג., באקומענ מיר אזא בילד. גרויסע אונטערנעמונגענ 30 588 פונ 3 265 623, דאס הייסט, סאכאקל 0,9%. ארבעטער בא זיי — 5,7 מיליאנ פונ 14,4 מיליאנ, דאס הייסט 39,4%; דאמפ־קראפט — 6,6 מיליאנ פערדקראפט פונ 8,8, דאס הייסט 75,3%; עלעקטרישע — 1,2 מיליאנ קילאוואט*** פונ 1,5 מיליאנ, דאס הייסט 77,2%.

* מאכמעס דער בוכ איז געווענ באשטימט פאר א לעגאלער אויסגאבע אינ דער צארישער צייט, וואס האט געדארפט דורכגיינ א צענזור (זע לענינס פארווארט, ז. 3 פונעמ דאזיקנ בוכ). רעד.

** די דאזיקע פארופונגענ אונ באמערקונגענ זיינענ אינ דער דאזיקער אויסגאבע אינגאנצנ אדורכגעלאזנ. רעד.

*** א קילאוואט איז דער איינס אפ צו מעסטנ עלעקטרישע ענערגיע. דאס איז 1,36 פערד־קראפט אדער 31,2 דורכשניטלעכע מענטשנ־קראפט. די מעכטיקייט פונ מעכאנישע באוועגונגענ מעסט מענ אינ פערדקראפט, ווייל אינ אנהייב קאפיטאליזמ פלעגט מענ אינ א ברייטער מאס באנוצנ פערד, אלס א באוועג־קראפט. רעד.

ווייניקער ווי א הונדערטסטעלעק פונ די אונטערנעמונגענ פארמאָגנ מ ע ר ווי 3/4 פונעמ אלגעמיינעמ סכומ דאמפקראפט אונ עלעקטרישע קראפט! אפנ כיילעק פונ 2,97 מיליאָנ דריבנע אונטערנעמונגענ (ביז 5 לוינ־ארבעטער), וואָס מאכט אויס 91% פונ דער גאנצער צאָל אונטערנע־מונגענ, קומט אויס סאכאקל 7% פונ דער דאמפישער אונ עלעקטרישער קראפט! צענדליקער טויזנטער גרעסטע אונטערנעמונגענ זיינענ — אלצ; מי־ליאָנענ דריבנע — גאָרנישט.

אונטערנעמונגענ, וואָס האָבנ צו 1000 אונ מער ארבעטער, איז אינ 1907 יאָר אינ דייטשלאנד געווענ 586. בא זיי האָט זיכ געפונענ קימאט א צ ע נ ט כ י י ל ע ק (1,38 מיליאָנ) פונ דער אלגעמיינער צאָל ארבעטער אונ ק י מ א ט א ד ר י ט ל (32%) פונ דעמ אלגעמיינעמ סכומ דאמפישער אונ עלעקטרישער קראפט. דער געלט־קאפיטאל אונ די בענק מאכנ, ווי מיר וועלנ זענ, נאָכ מער דערדריקנדיק אָט די איבערוואָג פונעמ הייפל גרעס־טע אונטערנעמונגענ, דערביי טאקע אינ סאמע בוכשטעבלעכנ זינ פונ וואָרט, דאָס הייסט, מיליאָנענ קליינע, מיטלע אונ אפילע א טייל גרויסע „באלע־באטימ" ווייזנ זיכ ארויס אינ דער ווירקלעכקייט פולשטענדיק פארקנעכטעט בא עטלעכע הונדערט מיליאָנערנ — פינאנסיסטנ.

אינ א צווייט פאָרגעשריטנ לאנד פונ מאָדערנעמ קאפיטאליזמ, אינ די פאראייניקטע שטאטנ פונ צאָפנ־אמעריקע, איז דער וווקס פונ דער קאָנצענטראציע פונ דער פראָדוקציע נאָכ שטארקער. דאָ טיילט אויס די סטאטיסטיק די אינדוסטריע אינ ענגנ זינ פונ וואָרט אונ גרופירט די אונ־טערנעמונגענ לויט דער גרייס פונעמ ווערט פונ יערלעכנ פראָדוקט. אינ 1904 יאָר איז גרעסטע אונטערנעמונגענ, מיט א פראָדוקציע פונ 1 מיליאָנ דאָלער אונ מער, געווענ 1900 (פונ 216 180, דאָס הייסט 0,9%) — זיי האָבנ גע־האט 1,4 מיליאָנ ארבעטער (פונ 5,5 מיליאָנ, דאָס הייסט 25,6%) אונ 5,6 מיליארד פראָדוקציע (פונ 14,8 מיליארד, דאָס הייסט 38%). מיט 5 יאָר שפעטער, אינ 1909 יאָר, זיינענ די אנטשפרעכיקע ציפערנ געווענ: 3060 אונ־טערנעמונגענ (פונ 268 491 — 1,1%) מיט 2,0 מיליאָנ ארבעטער (פונ 6,6; — 30,5%) אונ מיט א פראָדוקציע פונ 9,0 מיליארד (פונ 20,7 מי־ליארד; — 43,8%). *

קימאט א העלפט פונ דער גאנצער פראָדוקציע פונ אלע אונטערנעמונ־גענ אינ לאנד געפינט זיכ אינ די הענט בא א י י נ ה ו נ ד ע ר ט ס ט ע ל ע ק פונ דער אלגעמיינער צאָל אונטערנעמונגענ! אונ אָט די דריי טויזנט אונ־

* א דאָלער איז אנ אמעריקאנישע מאטבייע — 1 רובל מיט 94 קאָפ. רעד.

טערנעמונגענ ריזנ נעמענ ארום 268 אינדוסטריע-צווייגנ. פונדאנענ איז קלאָר, אז אפ א געוויסער שטופע פונ איר אנטוויקלונג ברענגט די קאָנ־צענטראציע, מע קאָנ זאָגנ, פונ זיכ אליינ הארט צו דער מאָנאָפּאָליע. וואָ־רעם פאר עטלעכע צענדליק ריזיקע אונטערנעמונגענ איז גרינג צו קומענ צו אנ אויסגלייכ צווישנ זיכ, און פונ דער אנדערער זייט, ווערט די פארשווע־ריקונג פונ דער קאָנקורענצ, די טענדענצ צו מאָנאָפּאָליע ארויסגערופנ טאקע דורכ דעם גרויסנ מאסשטאב פונ די אונטערנעמונגענ. אָט די פאר־וואנדלונג פונ דער קאָנקורענצ אינ מאָנאָפּאָליע איז איינע פונ די וויכ־טיקסטע — אויב ניט די סאמע וויכטיקסטע — דערשיינונגענ אינ דער עקאָ־נאָמיק פונעם נייסטנ קאפּיטאליזם, און מיר מוזנ זיכ אויספירלעכער אָפּשטעלנ אפ איר. נאָר צוערשט מוזנ מיר באזייטיקנ איינ מעגלעכע מיספארשטייעניש.

די אמעריקאנער סטאטיסטיק זאָגט: 3000 גיגאנטישע אונטערנעמונגענ אינ 250 אינדוסטריע־צווייגנ. עס קומט, קלוימערשט, אויס סאכאקל צו 12 אונטערנעמונגענ פונ גאָר גרויסנ פארנעם אפ יעדנ צווייג.

אָבער דאָס איז ניט אזוי. ניט אינ יעדנ אינדוסטריע־צווייג זיינענ פאַ־ראנ גרויסע אונטערנעמונגענ; און פונ דער צווייטער זייט, א ביז גאָר וויכטיקע באזונדערקייט פונעם קאפּיטאליזם, וואָס האָט דערגרייכט ביז דער העכסטער מאדרייגע פונ אנטוויקלונג, איז די אזויגערופענע קאָמ־בינאציע, דה. דאָס, וואָס אינ איינ אונטערנעמונג ווערנ פארייניקט פארשיידענע אינדוסטריע־צווייגנ, וואָס זיינענ אָדער קעסיידערדיקע שטו־פעס פונ באארבעטנ דעמ רויוואַרג (לעמאָשל, אויסשמעלצנ טשוהונ פונ ארצ און איבערארבעטנ טשוהונ אינ שטאָל און ווייטער, עפשער, פראָדו־צירנ פונ שטאָל די אָדער יענע פארטיקע פראָדוקטנ), — אָדער זיי שפּילנ א באהילפיקע ראָליע איינע בענעגייע דער צווייטער (לעמאָשל, די באארבע־טונג פונ אָפּפאל־פראָדוקטנ אָדער נעבנ־פראָדוקטנ; די פראָדוצירונג פונ פאַק־מאטעריאלנ אדג.).

„די קאָמבינאציע, — שרייבט הילפערדינג, — גלייכט אויס די פארשידנקייטנ פונ דער קאָניונקטור און זיכערט דעריבער פאר דער קאָמבינירטער אונטערנעמונג א גרעסערע באשטענדיקייט פונ דער רעווע־נאָרמע. צווייטנס, ברענגט די קאָמבינאציע צום באזייטיקנ דעמ האנדל. דריטנס, מאכט זי מעגלעכ טעכנישע פארפולקומונגענ, אלזאָ, מעגלעכ צו באקומענ צוגאָב־רעווח אינ פארגלייכ מיט די „ריינע“ (דאָס הייסט, ניט קאָמבינירטע) אונטערנעמונגענ. פערטנס, פארפעסטיקט זי די פּאָזיציע פונ דער קאָמבינירטער אונטערנעמונג אינ פארגלייכ מיט דער „ריינער“, — זי מאכט זי שטארקער אינעם קאָנקורענצ־קאמפ אינ א צייט פונ א שטארקער דעפּרעסיע (אָפּ־פאל אינ די געשעפטנ, קריזיס), ווענ דאָס פאלנ פונ די פרייזנ אפ רויוואַרג שטייט אָפּ אנטקעגנ דעמ פאלנ פונ די פרייזנ אפ פאבריקאטנ“.

דער דײַטשישער בורזשואַזער עקאָנאָמיסט הײמאַן, װעלכער האָט גע־װידמעט אַ ספּעציעלע װערק דער באַשרײַבונג פון די „געמישטע“, דה. קאָמבינירטע, אונטערנעמונגען אין דער דײַטשישער אײַזן־אינדוסטריע, זאָגט: „די רײנע אונטערנעמונגען גײען אונטער, זײ װערן דערשטיקט דורך די הויכע פּרײַזן אַפן מאַטעריאַלן, בא נידעריקע פּרײַזן אַפן פאַרטיקע פּראָדוקטן“ עס באַקומט זיך אַזאַ בילד:

„פאַרבליבן זײַנען, פון אײן זײַט, די גרױסע שטײנקױלן־קאָמפּאַניעס, װאָס באַקומען אַרױס עטלעכע מיליאָן טאָן קױלן און זײַנען פעסט אָרגאַניזירט אין זײער שטײנקױלן־סינדיקאַט; און דערנאָך די ענג־פאַרבונדענע מיט זײ גרױסע שטאָלגוס־זאַװאָדן מיט זײער שטאָל־סינדיקאַט. אָט די גיגאַנטישע אונטערנעמונגען מיט אַ פּראָדוקציע פון 400 000 טאָן (אַ טאָן האַלט 60 פּוד) שטאָל אַ יאָר, מיט אַ קאָלאָסאַלער אַרױסבאַקומונג פון ערץ און שטײנקױלן, מיט אַ פּראָדוקציע פון פאַרטיקע פאַבריקאַטן פון שטאָל, מיט די 10 000 אַרבעטער, װאָס װױנען אין די קאַזאַרמעס פון די זאַװאָדישע אַרבעטער־ישוּװים, טײלמאָל מיט אײגענע אײַזנבאַנען און האַפנס, — דאָס זײַנען די טיפּישע פאַרשטײער פון דער דײַטשישער אײַזן־אינדוסטריע. און די קאָנצענטראַציע גײט אַלץ װײַטער און װײַטער פאָרױס. באַזונדערע אונטערנעמונגען װערן אַלץ גרעסער; אַלץ מער אונטערנעמונגען פון אײן און דעם זעלבן צװײַג אָדער פון פאַרשײדענע אינדוסטריע־צװײַגן פאַראײניקן זיך אין גיגאַנטישע אונטערנעמונגען, װעלכע װערן געשטיצט און אָנגעפירט דורך אַ האַלב טוץ גרױסע בערלינער באַנקן. די ריכטיקײט פון קאַרל מאַרקס לערע װעגן קאָנצענטראַציע איז פּינקטלעך דערװיזן גע־װאָרן בענוגע דער דײַטשישער באַרג־אינדוסטריע; עמעס, דאָס באַציט זיך צו אַ לאַנד, װוּ די אינדוסטריע איז באַשיצט דורך פּראָטעקציאָניסטישע גרענעץ־אָפּצאָלונגען און דורך טראַנספּאָרט־טאַריפן. די באַרג־אינדוסטריע אין דײַטשלאַנד איז צײַטיק גע־װאָרן אַפן עקספּראָפּרירן זי“.

צו אַזאַ אױספיר האָט געמוזט קומען אַ בורזשואַזער עקאָנאָמיסט, אַלס אױסנאַם אַ געװיסנהאַפטיקער. מע דאַרף פאַרצײכענען, אַז ער טײלט עפּעס אױס דײַטשלאַנד באַזונדער, מאַכמעס דעם, װאָס די דײַטשישע אינדוסטריע איז באַשיצט דורך הױכע פּראָטעקציאָניסטישע גרענעץ־אָפּצאָלונגען. אָבער דאָס האָט בלױז געקאָנט פאַרגיכערן די קאָנצענטראַציע און אױסבילדונג פון מאָנאָפּאָ־ליסטישע אונטערנעמער־פאַרבאַנדן, פון קאַרטעלן, סינדיקאַטן אדג. ס'איז אומגעהײער װיכטיק, װאָס אין ענגלאַנד, אין אַ לאַנד פון פרײַען האַנדל, פירט די קאָנצענטראַציע אױך צו מאָנאָפּאָליע, האַגאַם עטװאָס שפּעטער און, מעגלעך, אין אַן אַנדער פאָרם. אָט װאָס עס שרײַבט דער פּראָפעסער הערמאַן לעװי אין אַ ספּעציעלער אױספאָרשונג װעגן „מאָנאָפּאָליעס, קאַר־טעלן און טרעסטן“, לױט די אָנגאַבן װעגן דער עקאָנאָמישער אַנטװיקלונג פון גרױסבריטאַניע:

„אין גרױסבריטאַניע איז גראַד דער גרױסער מאַסשטאַב פון די אונטערנע־מונגען און זײער הױכער טעכנישער ניװאָ פאַראַן אין זיך די טענדענץ צו מאָנאָ־

פּאָליע. פֿון איין זייט, האָט די קאָנצענטראַציע געבראַכט צו דעם, אַז אויף אַן אונטערנעמונג קומט אויס אויסצוגעבן גוואַלדיקע סומען קאַפּיטאַל; די נייע אונטערנעמונגען שטייען דעריבער פֿאַר אַלץ העכערע פֿאָדערונגען בנוגע דער גרייס פֿונעם נייטיקן קאַפּיטאַל, און דאָס מאַכט שווער זייער אויפֿקומען. פֿון דער אַנדערער זייט, אָבער (און אָט דעם פּונקט האַלטן מיר פֿאַר אַ מער וויכטיקערן), דאַרף יעדע נייע אונטערנעמונג, וואָס וויל זיך שטעלן אויף איין הייך מיט די גיגאַנטישע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען געשאַפֿן דורך דער קאָנצענטראַציע, אויסאַרבעטן אַזאַ קאָלאָסאַלע צאָל איבעריקע פּראָדוקטן, וועלכע מע קאָן פֿאַרקויפֿן מיט רעווח נאָר באַ אַן אויסערגעוויינלעכן פֿאַרגרעסערטן נאָכפֿרעג אויף זיי, אַנדערש וועט אָט דער פּראָדוקטן־איבערפֿלוס אַראָפּשטויסן די פּרייזן אויף אַזאַ ניוואָ, וואָס וועט ניט לוינען ניט פֿאַר דעם נייעם זאַוואָד, ניט פֿאַר די מאָנאָפּאָליסטישע פֿאַרבאַנדן". אין ענגלאַנד קומען אויף מאָנאָפּאָליסטישע אונטערנעמער־פֿאַרבאַנדן, קאַרטעלן און טרעסטן דאָס רוב בלויז דאַן, ווען די צאָל קאָנקורירנדיקע הויפּט־אונטערנעמונגען ווערט דערפֿירט „צו אַ צוויי טוץ", — צום אונטערשייד פֿון אַנדערע לענדער, ווו די פּראָטעקציאָניסטישע גרענעץ־אָפּצאָלונגען פֿאַרגרינגערן די קאַרטעליזירונג. „די ווירקונג פֿון דער קאָנצענטראַציע אויף דעם אויפֿקום פֿון מאָנאָפּאָליעס אין דער גרויס־אינדוסטריע ווייזט זיך דאָ אַרויס מיט דער גרעסטער קלאָרקייט".

מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, ווען מאַרקס האָט געשריבן זיין „קאַפּיטאַל", האָט זיך דער מערהייט עקאָנאָמיסטן אויסגעוויזן, אַז די פֿרייע קאָנקורענץ איז אַ „נאַטור־געזעץ". די אָפֿיציעלע וויסנשאַפֿט האָט געפּרוווט דורך אַ פֿאַרשווערונג פֿון שווייגן אַוועקהאַרגענען דאָס ווערק פֿון מאַרקסן, וואָס האָט מיט אַ טעאָרעטישן און היסטאָרישן אַנאַליז פֿונעם קאַפּיטאַליזם דערוויזן, אַז די פֿרייע קאָנקורענץ ברענגט צו קאָנצענטראַציע פֿון דער פּראָדוקציע און די דאָזיקע קאָנצענטראַציע פֿירט, אויף אַ געוויסער שטופֿע פֿון איר אַנטוויקלונג, צו מאָנאָפּאָליע. איצט איז די מאָנאָפּאָליע געוואָרן אַ פֿאַקט. עקאָנאָמיסטן שרייבן בערג מיט ביכער, זיי באַשרייבן באַזונדערע אַנטפּלעקונגען פֿון מאָנאָפּאָליע און טײַנען נאָך אַלץ אין איין קאָל, אַז „דער מאַרקסיזם איז צעקלאַפּט". נאָר פֿאַקטן זיינען אַקשאָנים — זאָגט אַן ענגליש ווערטל, און ווילנדיק ניט ווילנדיק מוז מען זיך מיט זיי רעכענען. די פֿאַקטן באַווייזן, אַז די אונטערשיידן צווישן באַזונדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, צום ביישפּיל, אין הינזיכט פֿון פּראָטעקציאָניזם אָדער פֿון פֿרייען האַנדל, פֿאַרורזאַכן בלויז ניט־וועזנטלעכע אונטערשיידן אין דער פֿאָרם פֿון די מאָנאָפּאָליעס אָדער אין דער צייט פֿון זייער אויפֿקומען, אָבער אַז די קאָנצענטראַציע פֿון דער פּראָדוקציע ברענגט צו מאָנאָפּאָליע — דאָס איז בכלל אַן אַלגעמיינער געזעץ, דער גרונט־געזעץ פֿון דער איצטיקער סטאַדיע פֿון אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם.

פֿאַר אייראָפּע קאָן מען גאַנץ פּינקטלעך פֿעסטשטעלן די צייט, ווען

**דער אַלטער קאַפּיטאַליזם איז ענדגילטיק פאַרביטנ געוואָרנ אַפנ נייעם: דאָס איז, נעמלעכ, דער אָנהייב פונ XX יאָרהונדערט. אינ איינעם פונ די נייסטע זאַמלווערק וועגנ דער געשיכטע „פונ דער אויסבילדונג פונ מאָנאָפּאָליעס“ לייענענ מיר:**

„פונ דער עפּאָכע ביזנ 1860־טנ יאָר קאָנ מענ ברענגענ איינצלנע ביישפּילנ פונ קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָליעס; מע קאָנ אינ זיי אַנטדעקנ שפּראָצונגענ פונ יענע פאָרמענ, וואָס זיינענ איצט געוואָרנ אַזאַ געוויינלעכע זאַכ; אָבער דאָס אַלצ איז בעפירעש די פאָרהיסטאָרישע צייט בענוגע קאַרטעלנ. דער עמעסער אָנהייב פונ די מאָדערנע מאָנאָפּאָליעס איז שוינ, יעדנפאַלס, נישט פריער ווי צו די 1860־ער יאָרנ. דער ערשטער גרויסער אַנטוויקלונג־פּעריאָד פונ מאָנאָפּאָליעס הייבט זיכ אָנ פונ דער אינטערנאַציאָנאַלער דעפּרעסיע אינ דער אינדוסטריע אינ די 70־ער יאָרנ אונ ער ציט זיכ ביזנ אָנהייב פונ די 1890־ער יאָרנ“. „אויב מע זאָל באַטראַכטנ דעמ איניענ אינ אייראָפּעיִשנ מאַסשטאַב, דעמאָלט זיינענ די 60—70־ער יאָרנ דער גרענעצ־פּונקט אינ דער אַנטוויקלונג פונ דער פרייער קאָנקורענצ. דאַנ האָט ענגלאַנד געהאַט פאַרענדיקט די בויונג פונ זיינ קאַפּיטאַליסטישער אָרגאַניזאַציע פונעמ אַלטנ סטיל. אינ דייטשלאַנד איז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע אַריינגעטראָטנ אינ אַנטשיידענעמ קאַמפּ מיט דער האַנטווערקערײַ אונ מיט דער הויז־אינדוסטריע אונ האָט גענומענ שאַפנ אירע עקזיסטענצ־פאָרמענ“.

„אַ גרויסע איבערקערעניש הייבט זיכ אָנ פונעמ קראַכ אינ 1873 יאָר אָדער, ריכטיקער, פונ דער דעפּרעסיע, וואָס איז אָנגעקומענ נאָכ אימ אונ וואָס האָט—מיט אַ קוימ באַמערקלעכנ איבעררייס אינ אָנהייב פונ די 80־ער יאָרנ אונ מיט אַנ אומגעוויינלעכ שטאַרקנ, נאָר קורצנ אויפשטייג, אַרומ 1889 יאָר — פאַרפולט 22 יאָר פונ דער אייראָפּעיִשער עקאָנאָמישער געשיכטע“. „פאַר דעמ קורצנ פּעריאָד פונ אויפשטייג אינ די יאָרנ 1889—1890 האָט מענ זיכ שטאַרק באַנוצט מיט קאַרטעלנ, קעדיי אויסצונוצנ די קאָניונקטור. די נישט־באַקלערטע פּאָליטיק האָט געהויבנ די פּרייזנ נאָכ גיכער אונ שטאַרקער, איידער דאָס וואָלט פאָרגעקומענ אָנ קאַרטעלנ, אונ קימאַט די אַלע קאַרטעלנ זיינענ רומלאָז אומגעקומענ אינ „קייווער פונ קראַכ“. ס'איז אַריבער נאָכ 5 יאָר פונ שלעכטע געשעפטנ אונ נידעריקע פּרייזנ, נאָר אינ דער אינדוסטריע האָט שוינ נישט געהערשט די פריערדיקע שטימונג. די דעפּרעסיע האָט מענ שוינ נישט געהאַלטנ פאַר קיינ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, מע האָט אינ איר אויסגעזעענ בלויז אַ פּויזע פאַר אַ נייער גינסטיקער קאָניונקטור.

„אונ אָט איז די קאַרטעל־באַוועגונג אַריינגעטראָטנ אינ איר צווייטער עפּאָכע. אַנשטאָט צו זיינ אַנ איבערגייענדיקע דערשיינונג ווערנ די קאַרטעלנ איינער פונ די יעסוידעס פונעמ גאַנצנ ווירטשאַפטלעכנ לעבנ. זיי נעמענ איינ איינ אינדוסטריע־געביט נאָכנ צווייטנ אונ, אינ דער ערשטער ריי, די באַאַרבעטונג פונ רוי־מאַטעריאַלנ. שוינ אינ אָנהייב 1890 יאָר האָבנ די קאַרטעלנ אינ דער אָרגאַניזאַציע פונעמ קאָקס־סינדיקאַט, וואָס לויט זיינ מוסטער איז געשאַפנ געוואָרנ דער קוילנ־סינדיקאַט, אויסגעאַרבעט פאַר זיכ אַזאַ קאַרטעל־טעכניק, וואָס ווייטער איז שוינ די באַוועגונג, אייגנטלעכ, מער נישט אַוועק. דער גרויסער אויפשטייג צומ סאָפ XIX יאָרהונדערט אונ דער קריזיס אינ די יאָרנ 1900—1903 שטייענ — יעדנפאַלס, אינ דער בערגאַו־ אונ אייזנ־אינדוסטריע — צומ ערשטנ מאָל אינגאַנצנ אונטערנ צייכנ

פון קארטעלן. און אויב דאן האט עס נאך אויסגעזען ווי א נייע זאך, איז איצטער פארן ברייטן געזעלשאפטלעכן באוווסטזיין געווארן א זעלבסטפארשטענדלעכער עמעס, אז גרויסע טיילן פונעם ווירטשאפטלעכן לעבן זיינען, אלס אלגעמיינער קלאל, ארויס־געשלאסן פון פרייער קאנקורענץ".

אָט דאָס זײַנען, אלזאָ, די גרונט־עטאפּן אין דער געשיכטע פון מאָנאָפּאָליעס: 1) די 1860־ער און 1870־ער יאָרן — די העכסטע גרענעץ-שטופע אין דער אנטוויקלונג פון דער פרײַער קאָנקורענץ. מאָנאָפּאָליעס זײַנען בלויז קוים באמערקלעכע שפּראָצונגען. 2) נאָכן קריזיס פון 1873 יאָר גייט א ברייטער פעריאָד פון אנטוויקלען קארטעלן, אָבער זיי זײַנען נאָך אן אויס־נאם. זיי זײַנען נאָך ניט פעסט. זיי זײַנען נאָך אן איבערגייענדיקע דער־שײַנונג. 3) דער אופשטײַג צום סאָף XIX יאָרהונדערטס און דער קריזיס פון די יאָרן 1900—1903: די קארטעלן ווערן איינער פון די יעסוידעס פונעם גאנצן ווירטשאפטלעכן לעבן. דער קאפּיטאליזם האָט זיך פארוואנדלט אין אימפּעריאַליזם.

די קארטעלן ריידן זיך צונויף וועגן די באדינגונגען פון פארקויפן, וועגן די טערמינען פון צאָלונגען א. א. וו. זיי צעטיילן צווישן זיך די אָפּזאץ-געביטן. זיי באשטימען דעם סכום פּראָדוקטן, וואָס ווערן אויסגעארבעט. זיי שטעלן אײַן די פּרײַזן. זיי פארטיילן דעם רעווע̇ח צווישן באזונדערע אונטערנעמונגען א. א. וו.

אין דײַטשלאנד איז אין 1896 יאָר געווען אנערעך 250 קארטעלן און אין 1905 יאָר — 385; אין זיי האָבן אָנטיילגענומען בא 12 טויזנט אונטערנעמונגען. נאָר אלע אנערקענען, אז די דאָזיקע ציפערן זײַנען פאר־קלענערט. פון די אויבן געבראכטע אָנגאבן פון דער דײַטשישער אינדוס־טריע-סטאטיסטיק אין 1907 יאָר איז צו זען, אז אפילו די 12 טויזנט גרעסטע אונטערנעמונגען קאָנצענטרירן בא זיך געוויס מער ווי א העלפט פון דעם אלגעמיינעם סכום דאמפ־ און עלעקטרע־קראפט. אין די פאראייניק־טע שטאטן פון צפון־אמעריקע זײַנען אין 1900 יאָר געווען 185 טרעסטן; אין 1907 יאָר — 250. די אמעריקאנער סטאטיסטיק טיילט אײַן אלע אינ־דוסטריעלע אונטערנעמונגען אף אזעלכע, וואָס געהערן צו איינצלנע פער־זאָנען, צו פירמעס און צו קאָרפּאָראציעס. צו די לעצטע האָבן אין 1904 יאָר געהערט 23,6%, אין 1909 יאָר — 25,9%, דה. מער ווי א פערטל פון דער אלגעמיינער צאָל אונטערנעמונגען. ארבעטער האָבן זיך אין די דאָזיקע אונטערנעמונגען געפונען: אין 1904 יאָר — 70,6% און אין 1909 יאָר — 75,6%, דרײַ פערטל פון דער אלגעמיינער צאָל; די גרייס פון דער פּראָדוקציע איז געווען: 10,9 און 16,3 מיליארד דאָלער, דה. 73,7% און 79,0% פון דער אלגעמיינער סומע.

אינ די הענט פונ די קארטעלנ אונ טרעסטנ איז ניט זעלטנ קאָנצענטרירט 7—8 צענטל פונ דער גאנצער פראָדוקציע אינ דעמ געגעבענעמ אינדוסטריע-צווײַג. דער „רייניש-וועסטפאלישער שטיינקוילנ-סינדיקאט" האָט באמ גרינדנ זיכ אינ 1893 יאָר געהאט קאָנצענטרירט 86,7% פונ דער גאנצער קוילנ-פראָדוקציע אינ ראיאָנ, אונ אינ יאָר 1910 — שוינ 95,4%. די מאָנאָפּאָליע, וואָס שאפט זיכ אפ אזא אופנ, גאראנטירט גיגאנטישע האכנאָסעס אונ פירט צומ אויסבילדנ אומגעהייער גרויסע טעכניש-פראָדוקציאָנעלע אייננ. דער בארימטער „נאפט-טרעסט" אינ די פאראייניקטע שטאטנ («Standart Oil Company») איז געגרינדעט געוואָרנ אינ 1900 יאָר. „זײַנ קאפיטאל איז באשטאנענ פונ 150 מיליאָנ דאָלער. ס'איז ארויסגעלאָזט געוואָרנ געוויינלעכע אקציעס אפ 100 מיליאָנ אונ פריווילעגירטע אפ 106 מיליאָנ. פאר די לעצטע האָט מענ אויסגעצאָלט דיווידענד אינ מעשעכ פונ די יאָרנ 1900—1907: 48, 48, 45, 44, 36, 40, 40, 40 פראָצענט, סאכאקל 367 מיליאָנ דאָלער. פונ 1882 יאָר ביז 1907 יאָר האָט מענ באקומענ ריינעמ רעווכ 889 מיליאָנ דאָלער; דערפונ האָט מענ 606 מיליאָנ אויסגעצאָלט דיווידענד, אונ דאָס איבעריקע איז ארײַנ אינ רעזערוו-קאפיטאל". „אינ אלע אונטערנעמונגענ פונ „שטאָל-טרעסט" (United States Steel Corporation) איז אינ 1907 יאָר געווענ ניט ווייניקער פונ 210 180 ארבעטער אונ אָנגעשטעלטע. די גרעסטע אונטערנעמונג פונ דער דײַטשישער בארג-אינדוסטריע, די „געלזענקירכנער בארג-געזעלשאפט" (Gelsenkirchner-Bergwerksgesellschaft), האָט אינ 1908 יאָר געהאט 46048 ארבעטער אונ אָנגעשטעלטע". נאָכ אינ 1902 יאָר האָט דער „שטאָל-טרעסט" אויסגעארבעט 9 מיליאָנ טאָנ שטאָל. אינ 1901 יאָר האָט זײַנ שטאָל-פראָדוקציע אויסגעמאכט 66,3%, אונ אינ 1908 יאָר — 56,1% פונ דער גאנצער שטאָל-פראָדוקציע אינ די פאראייניקטע שטאטנ; דער ארצ-ארויסבאקומ האָט אינ די זעלבע יאָרנ אויסגעמאכט 43,9% אונ 46,3%.

דער באריכט פונ דער אמעריקאנער רעגירונג-קאָמיסיע וועגנ די טרעסטנ זאָגט:

„זייער פארצוג אנטקעגנ די קאָנקורענטנ איז באזירט אפ דער קאָלאָסאלער גרויס פונ זייערע אונטערנעמונגענ אונ אפ זייער אויסגעצייכנט-אויסגעשטעלטער טעכניק. דער טאבעק-טרעסט האָט גלײַכ פונ זײַנ גרינדונג געטאָנ אלצ, קעדיי אומעטומ צו פארבײַטנ אינ א ברייטער מאָס די האנט-ארבעט אפ מאשינ-ארבעט. צוליב דעמ צוועק פלעגט ער אופקויפנ אלע פאטענטנ, וואָס האָבנ אוועלכע-ניט-איז שײַכעס צו דער טאבעק-באארבעטונג, אונ האָט אויסגעגעבנ אפ דעמ קאָלאָסאלע סומעס. א סאכ פאטענטנ האָבנ זיכ פונ אָנהייב ארויסגעוויזנ פאר ניט טויגבאר, אונ די אינזשעניערנ, וואָס דינענ באמ טרעסט, האָבנ זיי געמוזט איבערארבעטנ. סאָפ 1906-טנ יאָר

זײַנענ געשאפנ געװאָרנ 2 פיליאלע געזעלשאפטנ אויסשליסלעכ מיטנ צוועק אופצו־קויפנ פאטענטנ. צוליב דעמ צוועק האָט דער טרעסט געגרינדעט זײַנע גיסע־רײַענ, מאשינ־פאבריקנ אונ רעמאָנט־װארשטאטנ. אײנע פונ די דאָזיקע אונטערנע־מונגענ, אינ ברוקלינ, באשעפטיקט דורכשניטלעכ 300 ארבעטער; דאָ װערנ געמאכט עקספערימענטנ איבער די דערפינדונגענ אפ אויסצוארבעטנ פאפיראָסנ, קלײנע ציגארנ, שמעקטאבעק, בלײַ־בלעטער אפ אײַנפאקונג, שאכטלענ אאוו.; דאָ װערנ אויכ די דער־פינדונגענ פארפולקומט". „אויב די איבעריקע טרעסטנ האלטנ בא זיכ אפ שטעלעס אזויגערופענע developping engineers (אינזשעניערנ אפ אנטװיקלענ די טעכניק), װאָס זײער אופגאבע איז צו דערפינדנ נײַע פראָדוציר־מעטאָדנ, אויספרוּװנ טעכנישע אויסבעסערונגענ. דער שטאָל־טרעסט צאָלט זײַנע אינזשעניערנ אונ ארבעטער גרויסע פרעמיעס פאר די דערפינדונגענ, װאָס קאָנענ אופהײבנ די טעכניק אָדער קלענער מאכנ די הוצאָעס".

אפ אנ ענלעכנ אופנ איז אויכ אָרגאניזירט דער אײניענ פונ טעכנישע פאר־בעסערונגענ אינ דער דײַטשישער גרויס־אינדוסטריע, לעמאָשל, אינ דער כימישער, װאָס האָט זיכ אזוי גיגאנטיש אנטװיקלט פאר די לעצטע יאָר־צענדליקער. דער קאָנצענטראציע־פראָצעס פונ דער פראָדוקציע האָט שוינ אינ 1908 יאָר געהאט געשאפנ אינ דער דאָזיקער אינדוסטריע צװײ הויפט־„גרופעס", װאָס זײַנענ אפ זײער שטײגער אויכ צוגעגאנגענ צו מאָנאָפּאָליע. די דאָזיקע גרופעס זײַנענ צוערשט געװענ „צװײ־בונדנ" פונ צװײ פאָר גאָר גרויסע פאבריקנ, מיט א קאפיטאל פונ 20—21 מיליאָנ מארק יעדערע;* פונ אײנ זײַט, מײַסטערס געװעזענע פאבריק אינ האָכסט אונ קאסעלעס אינ פראנק־פורט אפ מײַנ, פונ דער אנדערער זײַט, די אנילינ־אונ סאָדע־פאבריק אינ לודװיקסהאפנ אונ די געװעזענע בײַערס פאבריק אינ עלבערפעלד. דערנאָכ האָט אינ 1905 יאָר אײנ גרופע, אונ אינ 1908 יאָר די צװײטע גע־מאכט אנ אָפּמאכ יעדע מיט נאָכ אײנ גרויסער פאבריק. ס'האָבנ זיכ באקו־מענ 2 „דרײַ־בונדנ", איטלעכער מיט א קאפיטאל פונ 40—50 מיליאָנ מארק, אונ צװישנ די דאָזיקע „פארבאנדנ" האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ א „דערנע־ענטערונג", „אָפּמאכנ" װעגנ פרײַזנ אאוו.

די קאָנקורענצ פארװאנדלט זיכ אינ מאָנאָפּאָליע. ס'באקומט זיכ א גי־גאנטישער פראָגרעס פונ דער פארגעזעלשאפטלעכונג פונ דער פראָדוקציע. אגעװו, װערט אויכ פארגעזעלשאפטלעכט דער פראָצעס פונ טעכנישע דער־פינדונגענ אונ פארפולקומונגענ.

דאָס איז שוינ גאָר ניט דאָס, װאָס די אלטע פרײַע קאָנקורענצ צװישנ די צעברעקלטע באלעבאטימ, װאָס װײסנ גאָרניט אײנער װעגנ דעמ צװײטנ, װאָס פראָדוצירנ פארנ אָפּזאצ אפ אנ אומבאװוסטנ מארק. די קאָנצענטרא־

* א מארק איז א דײַטשישע מאטבײע — 46 קאָפ. רעד.

ציע איז דערגאנגענ דערצו, אז מע קאָנ מאכנ א לעפּערעכדיקנ דיסקאָנט פונ אלע קוואלנ פונ רוימאטעריאלנ (לעמאָשל, פונ ערד, וואָס פאַרמאָגט אייזנ־ארצ) אינ דעמ געגעבענעמ לאנד אונ אפילע, ווי מיר וועלנ זענ, אינ א ריי לענדער, אינ דער גאנצער וועלט. ס'ווערט ניט בלויז געמאכט אזא דיסקאָנט, נאָר די גיגאנטישע מאָנאָפּאָליסטישע פארבאנדנ פארכאפּנ אינ איינע הענט די דאָזיקע קוואלנ. ס'ווערט לעפּערעכדיק דיסקאָנטירט דער פארנעמ פונעמ מארק, אונ די דאָזיקע פארבאנדנ „צעטיילנ" אימ צווישנ זיכ לויט אנ אָפּמאכ. ס'ווערנ מאָנאָפּאָליזירט די קוואליפיצירטע ארבעטקרעפטנ, ס'ווערנ געדונגענ די בעסטע אינזשעניערנ, ס'ווערנ פארכאפּט די קאָמוניקאציע־וועגנ אונ פארקער־מיטלענ — די אייזנבאנענ אינ אמעריקע, די דאמפשיפ־געזעלשאפטנ אינ אייראָפּע אונ אינ אמעריקע. דער קאפּיטאליזמ אינ זיינ אימפּעריאליסטישער סטאדיע פירט צו הארט צו דער סאמע אלזייטיקער פארגעזעלשאפטלעכונג פונ דער פּראָדוקציע, ער שטופּט אריינ, אזוי צו זאָגנ, די קאפּיטאליסטנ, קעגנ זייער ווילנ אונ באוווסטזיינ, אינ עפּעס א נייער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג, אינ אנ איבערגאנג־אָרדענונג פונ פולשטענדיקער קאָנקורענצ־פרייהייט צו פולשטענדיקער פארגעזעלשאפטלעכונג.

די פּראָדוקציע ווערט א געזעלשאפטלעכע, אָבער די צוייגענונג פארבלייבט א פּריוואטע. די געזעלשאפטלעכע פּראָדוציר־מיטלענ פארבלייבנ א פּריוואט־אייגנטומ פונ ניט קיינ גרויסער צאָל פּערזאָנענ. עס פארבלייבנ די אלגעמיינע ראמענ פונ דער פאָרמעל־אנערקענטער פרייער קאָנקורענצ, אונ דער דרוק פונ א קליינער צאָל מאָנאָפּאָליסטנ איבער דער איבעריקער באפעלקערונג ווערט הונדערט מאָל שווערער, מאמאָשעסדיקער, אומדערטרעגלעכער.

דער דייטשישער עקאָנאָמיסט קעסטנער האָט געווידמעט א ספּעציעל ווערק דעמ „קאמפ צווישנ קארטעלנ אונ זייטיקע", דאָס הייסט, די אונטערנעמער, וואָס גייענ ניט אריינ אינ קארטעל. דאָס דאָזיקע ווערק האָט ער א נאָמענ געגעבנ: „דער צוואנג צו אָרגאניזירונג", אינ דער צייט, ווענ מע וואָלט באדארפט ריידנ, געוויינלעכ, אויב ניט צופוצנ דעמ קאפּיטאליזמ, וועגנ דעמ צוואנג אונטערצוווארפנ זיכ צו די פארבאנדנ פונ די מאָנאָפּאָליסטנ. ס'איז באלערנדיק פּאָשעט א קוק צו געבנ כאָטש בלויז אפ דעמ צעטל מיטלענ פונ דעמ מאָדערנעמ, נייסטנ, ציוויליזירטנ קאמפ פאר „אָרגאניזאציע", וואָס עס ווענדנ אָנ די פארבאנדנ פונ די מאָנאָפּאָליסטנ: 1) ניט צולאָזנ קיינ רוימאטעריאלנ („...איינער פונ די וויכטיקסטע מעטאָדנ צו צווינגענ אריינצוטרעטנ אינ קארטעל"); 2) ניט צולאָזנ קיינ ארבעטהענט מיט דער הילפ פונ „אליאנסנ" (דאָס הייסט דורכ אָפּמאכנ צווישנ די קאפּיטאליסטנ מיט די ארבעטער־פאריינענ וועגנ דעמ, אז די לעצטע זאָלנ אָנעמענ ארבעט נאָר אינ קארטעלירטע אונטערנעמונגענ);

3) ניט צולאָזנ קיינ צופיר; 4) אָפּנעמענ דעם אָפּזאַצ; 5) אנ אָפּמאַכ מיטנ קיינע ווענג האנדל־באַציִונגענ אויסשליסלעכ מיט די קאַרטעלנ; 6) פּלאַנמעסיק אראָפּשלאָגנ די פּרייזנ (קעדיי צו רויִנירנ די „זייטיקע", דאָס הייסט, די אונטערנעמונגענ, וואָס ווארפנ זיכ ניט אונטער צו די מאָנאָפּאָליסטנ, ווערנ אויסגעגעבנ מיליאָנענ אָפּ צו פּארקויפנ אינ מעשעכ פונ א געוויסער צייט אונטערנ קערנ (אינ דער בענזינ־אינדוסטריע זיינענ געווענ ביישפּילנ פונ אראָפּזעצנ די פּרייזנ פונ 40 אָפּ 22 מארק, דה. קימאט איינצווייענ!); 7) אָפּנעמענ דעם קרעדיט; 8) דערקלערנ א בויקאָט.

מיר האָבנ שוינ דאָ צו טאָנ ניט מיט קיינ קאָנקורענצ־קאַמפּ צווישנ קליינע און גרויסע, צווישנ די טעכניש־אָפּגעשטאנענע און טעכניש־פּאָרגע־שריטענע אונטערנעמונגענ. דאָ האָבנ מיר צו טאָנ מיט דעמ, וואָס די מאָ־נאָפּאָליסטנ דערשטיקנ יענע, וועלכע ווארפנ זיכ ניט אונטער אונטער דער מאָנאָפּאָליע מיט איר דרוק און איר ווילקיר. אָט ווי דער דאָזיקער פּראָצעס שפּיגלט זיכ אָפּ אינעמ באוווסטזיינ פונ א בורזשואזנ עקאָנאָמיסט:

„אפילע און געביט פונ ריינ־ווירטשאפטלעכער טעטיקייט, — שרייבט קעסט־נער, — קומט פאָר א געוויסער איבעררוק פונ האנדל־טעטיקייט אינ פריערדיקנ זינ צו אָרגאניזאטאריש־ספּעקוליאטיווער טעטיקייט. דעמ גרעסטנ דערפאָלג האָט איצט ניט דער סוחר, וואָס קענ אָפּנ גרונט פונ זיינ טעכנישער און הענדלערישער פּראַקטיק בעסער פונ אלע באשטימענ די באדערפענישנ פונ די קונים, געפינענ און, אזוי צו זאָגנ, „אנטדעקנ" דעמ נאָכפרעג, וואָס געפינט זיכ אינ א פּארבאָרגענעמ צו־שטאנד, נאָר דער ספּעקוליאטיווער געני (?!), דער, וואָס קענ פריער אויסרעכע־נענ אָדער כאָטש דערשפּירנ די אָרגאניזאציאָנעלע אנטוויקלונג, די מעגלעכקייט פונ געוויסע פארבינדונגענ צווישנ איינצלנע אונטערנעמונגענ און בענק..."

אָפּ א מענטשלעכער שפּראַכ באַטייט עס אָט וואָס: די אנטוויקלונג פונ־נעמ קאפּיטאליזמ איז דערגאנגענ דערצו, אז האגאמ די סכוירע־פּראָדוקציע „הערשט" ווי פריער און ווערט גערעכנט פארנ יעסאָד פונ דער גאנצער ווירטשאפט, איז זי אָבער אינדערעמעסנ שוינ אונטערגעריסנ, און די הויפּט־רעוואָכימ פאלנ אריינ צו די „געניִעס" פונ פינאנציעלע קונצנ. אינ גרונט פונ די דאָזיקע קונצנ און שווינדלערייענ ליגט די פארגעזעלשאפטלעכונג פונ דער פּראָדוקציע, נאָר פונעמ גיגאנטישנ פּראָגרעס פונ דער מענטשהייט, וועלכע האָט זיכ ארופגעארבעט צו דער דאָזיקער פארגעזעלשאפטלעכונג, געניסנ... ספּעקוליאנטנ. מיר וועלנ זענ ווייטער, ווי „אָפּ דעמ דאָזיקנ גרונט" טרוימט די קליינבירגערלעכ־רעאקציאָנערע קריטיק פונעמ קאפּיטאליסטישנ אימפּעריאליזמ וועגנ אומקערנ זיכ אָפּ צוריק, צו דער „פרייער", „פריד־לעכער", „ערלעכער" קאָנקורענצ.

„א לאנגדויערנדיקע שטײַגונג פֿון די פּרײַזן, אַלס רעזולטאַט פֿון דער אויסביל־
דונג פֿון קאַרטעלן, — זאָגט קעסטנער, — האָט מען ביז איצט געקאָנט באַמערקן נאָר בענוגײַע די װיכטיקסטע פּראָדוציר־מיטלען, באַזונדערס בענוגײַע שטײנקױלן, אײַזן, קאַלי; און מע האָט, פֿאַרקערט, קײנמאָל עס ניט באַמערקט בענוגײַע פֿאַרטיקע פּראָ־דוקטן. דער װוּקס פֿון דער האַכנאָסעדיקײט, װאָס איז מיט דעם פֿאַרבונדן, האָט זיך אויך באַגרענעצט מיט דער אינדוסטריע, װאָס אַרבעט אויס פּראָדוציר־מיטלען. צו דער דאָזיקער באַאָבאַכטונג דאַרף מען נאָך צוגעבן, װאָס די אינדוסטריע, װעלכע באַ־אַרבעט רױ־מאַטעריאַלן (און ניט קײן האַלב־פֿאַבריקאַטן), איז ניט נאָר זי באַקומט אַהאַנק דער אויסבילדונג פֿון קאַרטעלן גרױסע רעװאַכים צום שאָדן פֿון דער אינ־דוסטריע, װעלכע איז פֿאַרנומען מיט דער װײַטערדיקער איבעראַרבעטונג פֿון האַלב־פֿאַבריקאַטן, נאָר זי האָט זיך געשטעלט מעגוגײַע דער דאָזיקער אינדוסטריע אין א געװיסער הערשאַפֿט־פֿאַרהעלטעניש, װאָס איז ניט געװען בײַ דער פֿרײַ־ער קאָנקורענץ“.

די פֿון אונדז אונטערגעשטראָכענע װערטער באַװײַזן יענעם טאָך פֿון דער זאַך, װעלכן עס אנערקענען אזוי ניט גערן און זעלטן די בורזשואזע עקאָנאָמיסטן און פֿון װעלכן ס'באַמיִען זיך אזוי פֿלײַסיק אַרויסצודרײען זיך און אָפּשאָקלען זיך די איצטיקע פֿאַרטײדיקער פֿונעם אָפּאָרטוניזם מיט ק. קאַוטסקין בעראָש. די פֿאַרהעלטענישן פֿון הערשאַפֿט און די געװאַלט, װאָס איז מיט אזא הערשאַפֿט פֿאַרבונדן — אָט װאָס עס איז טיפּיש פֿאַר דער „נײַסטער פֿאַזע אין דער אַנטװיקלונג פֿונעם קאַפּיטאַליזם“, אָט װאָס עס האָט אומפֿאַרמײַדלעך געמוזט אַרויסקומען און איז אַרויסגעקומען פֿון דער אויסבילדונג פֿון אַלמעכטיקע עקאָנאָמישע מאָנאָפּאָליעס.

מיר װעלן ברענגען נאָך א בײַשפּיל, װיאַזוי ס'באַלעבאַטעװען די קאַר־טעלן. דאָרטן, װוּ ס'איז מעגלעך צו פֿאַרכאַפּן אין די הענט אַלע אָדער די הויפּט־קװאַלן פֿון רױװאַרג, דאָרט איז די אַנטשטײונג פֿון קאַרטעלן און די אויסבילדונג פֿון מאָנאָפּאָליעס באַזונדערס גרינג. ס'װאָלט אָבער געװען א טעות צו מײנען, אז קײן מאָנאָפּאָליעס אַנטשטײען ניט אויך אין די אי־בעריקע אינדוסטריע־צװײַגן, דאָרט, װוּ ס'איז אוממעגלעך צו פֿאַרכאַפּן די קװאַלן פֿון רױװאַרג. אין דער צעמענט־אינדוסטריע איז רױ־מאַטעריאַל פֿאַ־ראַן אומעטום. נאָר אויך די דאָזיקע אינדוסטריע איז שטאַרק קאַרטעלירט אין דײַטשלאַנד. די זאַװאָדן האָבן זיך פֿאַראײניקט אין ראַיאָנישע סינדי־קאַטן: דער דאָרעם־דײַטשלענדישער, דער רײניש־װעסטפֿאַלישער א.אאַז.װ. ס'זײַנען אײַנגעשטעלט מאָנאָפּאָל־פּרײַזן: 230—280 מאַרק פֿאַר א װאַגאָן בײַ א קערנקאָסט פֿון 180 מאַרק! די אונטערנעמונגען גיבן פֿון 12 ביז 16 פּראָצענט דיװידענד, דערבײַ דאַרף מען ניט פֿאַרגעסן, אז די „געניעס“ פֿון דער מאָדערנער ספּעקולאַציע װײסן, װיאַזוי איבערצולײגן אין זײערע קע־שענעס גרױסע סומען רעװאָכים אויסער יענע, װאָס װערן פֿאַנאַנדערגעטײלט

אַלס דיווידענד. קעדייַ צו באַזייַטיקן די קאָנקורענץ פון אַזאַ רעוועכדיקער אינדוסטריע, לאָזן זיך די מאָנאָפּאָליסטן אַפילע אַפּ שווינדל: ס'ווערן פאַר־שפּרייט פאַלשע קלאַנגען וועגן דער שלעכטער לאַגע פון דער אינדוסטריע, ס'ווערן געדרוקט אין די צייַטונגען אַנאָנימע מעלדונגען: „קאַפּיטאַליסטן! היט זיך אַרייַנצולייגן קאַפּיטאַלן אין דעם צעמענט־געשעפט"; לעסאָף, קויפט מען אויף די אונטערנעמונגען בּאַ די „זייַטיקע" (דאָס הייסט, בּאַ די, וואָס נעמען ניט קיין אָנטייל אין די סינדיקאַטן), מע צאָלט זיי „אָפּטרעטגעלט" 60—80—150 טויזנט מאַרק. די מאָנאָפּאָליע שלאָגט זיך דורכ אַ וועג אומעטום און מיט אַלערלייַ מיטלען, אָנהייבנדיק פון דעם „באַ־שיידענעם" צאָלן אָפּטרעטגעלט און ביז אַמעריקאַנישן „אָנווענדן" דינאַמיט צום קאָנקורענט.

אַז די קאַרטעלן באַזייַטיקן קריזיסן—איז אַ באָבעמייַסע פון די בור־זשואַזע עקאָנאָמיסטן, וואָס פּוצן צו דעם קאַפּיטאַליזם אום יעדן פּרייַז. פאַרקערט, די מאָנאָפּאָליע, וואָס ווערט געשאַפן אין א י י נ י ק ע צווייַגן פון דער אינדוסטריע, פאַרשטאַרקט און פאַרשאַרפט די כאַאָטישקייַט, וואָס שטעקט אין דער ג א נ צ ע ר קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע אינגאַנצן גענומען. די ניט־אַנטשפּרעכיקייַט אין דער אַנטוויקלונג פון דער ערדאַרבעט און פון דער אינ־דוסטריע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן קאַפּיטאַליזם ביכלאַל, ווערט נאָכ גרע־סער. די פּריווילעגירטע לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך די אַמערסטן קאַרטע־לירטע אַזויגערופענע ש ו ו ע ר ע אינדוסטריע, באַזונדערס קוילן און אייַזן, פירט דערצו, אַז אין די איבעריקע אינדוסטריע־צווייַגן „פילט זיך נאָכ שאַר־פער דאָס פעלן פון פּלאַנמעסיקייַט", ווי ס'איז זיך מוידע איידעלס, דער אויטער פון איינעם פון די בעסטע ווערק וועגן „דער באַציִונג פון די דייַ־טשישע גרויסע בענק צו דער אינדוסטריע".

„וואָס מער די פאָלקווירטשאַפט איז אַנטוויקלט, — שרייבט ליפמאַן, אַ כרצפעדי־קער פאַרטיידיקער פונעם קאַפּיטאַליזם, — אַלץ מער ווענדט זי זיך צו מער ריזיקאַ־לישע אָדער צו אויסלענדישע אונטערנעמונגען, צו אַזעלכע, וואָס פאָדערן אַ דויערנ־דיקע צייַט פאַר זייער אַנטוויקלונג, אָדער צולעצט צו אַזעלכע, וואָס האָבן בלויז אַן אָרטיקן באַטייַט". די פאַרגרעסערונג פון דער ריזיקע איז סאָפקאָלסאָפ פאַרבונדן מיט אַ גיגאַנטישער פאַרגרעסערונג פונעם קאַפּיטאַל, וואָס רינט, אַזוי צו זאָגן, אי־בער די ברעגן, פליסט אַוועק קיין אויסלאַנד אאַזוו. גלייַכצייַטיק ברענגט מיט זיך דער שטאַרק פאַרגיכערטער וווּקס פון דער טעכניק אַלץ מער עלעמענטן פון ניט־אַנטשפּרעכיקייַט צווישן פאַרשיידענע זייַטן פון דער פאָלקווירטשאַפט, אַלץ מער עלע־מענטן פון כאַאָטישקייַט, פון קריזיסן. „דער מענטשהייַט, — איז געצווּנגען צו אָנערקענען דער זעלביקער ליפמאַן, — שטייען, מיסטאָמע, זיכער פאַר אין דער ניט ווייטער צוקונפט גרויסע איבערקערענישן אין געביט פון טעכניק, וואָס וועלן אַרויס־באַווייזן זייער ווירקונג אויך אויף דער פאָלקווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע"... אַפּ

דער עלעקטרע, לופטפליערײ... געווײנלעכ אונ לויטנ אלגעמײנעמ קלאל אנטוויקלט זיכ אינ אזעלכע צײטנ פונ ראדיקאלע עקאנאמישע ענדערונגענ א שטארקע ספעקולאציע...“

**אונ די קאלעריי קריזיסנ — אפטער פאר אלצ עקאנאמישע, אבער ניט בלויז עקאנאמישע אליינ — פארשטארקנ, פונ זייער זײט, אינ א גרויסער מאס די טענדענצ צו קאנצענטראציע אונ צו מאנאפאליזירונג. אט איז איי־דעלסעס זייער באלערנדיקע כקירע וועגנ דער באדײטונג פונעמ קריזיס פונ 1900 יאר, דעמ קריזיס, וואס האט, ווי מיר ווייסנ, געשפילט די ראליע פונ א קער־פונקט אינ דער געשיכטע פונ די נײסטע מאנאפאליעס:**

„דער קריזיס פונ 1900־טנ יאר האט צוגעלײנ מיט גיגאנטישע אונטערנעמונגענ אינ די הויפט־צווײגנ פונ דער אינדוסטריע געטראפנ נאכ א סאכ אונטערנעמונגענ מיט א פארעלטערטער ארגאניזאציע, לויט די איצטיקע באגריפנ, „ריינע“ אונ־טערנעמונגענ“ (דאס הייסט, ניט קאמבינירטע), „וואס האבנ זיכ אויפגעהויבנ אויפ דער הייכ אפנ רוקנ פונ דער כוואליע פונ אינדוסטריעלנ אויפשטײג. דאס פאלנ פונ די פרײזנ, די פארקלענערונג פונעמ נאכפרעג האבנ געבראכט די דאזיקע „ריינע“ אונטערנעמונגענ אינ אזא קלאגעדיקער לאגע, וועלכע האט אדער גארניט אנגערירט די קאמבינירטע גיגאנטישע אונטערנעמונגענ, אדער זי האט זיי אנגערירט אפ גאר א קורצער צײט. דער קריזיס פונ 1900 יאר האט דעריבער אינ א פיל גרעסערער מאס געפירט צו דער קאנצענטראציע פונ דער אינדוסטריע, איידער דער קריזיס פונ 1873־טנ יאר: דער לעצטער האט אויכ געשאפנ א געוויסנ אפקלײב פונ די בעסערע אונטערנעמונגענ, נאר בא דעמ דעמאלטיקנ ניוואָ פונ דער טעכניק האט דער דאזיקער אפקלײב ניט געקאנט ברענגענ צו דער מאנאפאליע פונ די אונטערנעמונגענ, וואס זײנענ געווענ בעקויעמ מיט ניצאבנ ארויסצוגײנ פונעמ קריזיס. גראד אזא לאנגדויערנדיקע מאנאפאליע, אונ דערבײ פונ א הויכנ גראד, פארמאגנ די גיגאנטישע אונטערנעמונגענ פונ דער איצטיקער אײזנ־ אונ עלעקטרע־אינדוסטריע, אדאנק זייער העכסט קאמפליצירטער טעכניק, זייער ווײטגײענדיקער ארגאניזאציע, דער מעכטיקײט פונ זייער קאפיטאל, דערנאכ, אינ א קלענערער מאס, פארמאגנ אזא מאנאפאליע אויכ די אונטערנעמונגענ פונ דער מאשינבוי־אינדוסטריע, פונ געוויסע צווײגנ אינ דער מעטאלורגישער אינדוסטריע, פונ די פארקער־מיטלענ אאז.וו.“.

**מאנאפאליע — אט דאס איז דאס לעצטע וואָרט פונ דער „נײסטער פאזע אינ דער אנטוויקלונג פונ קאפיטאליזמ“. אבער אונדזער פארשטעלונג וועגנ דער ווירקלעכער קראפט אונ באדײטונג פונ די איצטיקע מאנאפאליעס וואלט זײנ אויסערסט ניט קיינ גענוגנדיקע, ניט פולע אונ פארקלענערטע, ווענ מיר וואלטנ ניט גענומענ אינ באטראכט די ראליע פונ די בענק.**

## II. די בענק אונ זייער נײע ראליע

**די גרונטיקע אונ די אנפאנגלעכע אפעראציע פונ די בענק איז — פארמיטלונג אינ צאלונגענ. אינ צוזאמענהאנג דערמיט פארוואנדלענ די בענק דעמ ניט־פונק־ציאנירנדיקנ געלט־קאפיטאל אינ פונקציאנירנדיקנ, ד.ה. אינ אזא, וואס ברענגט**

רעוועך, זיי קליַיבן אוּפ אַלע פאַרשײדנסטע געלט-האַכנאָסעס און גיבן דאָס איבער אינ רעשוס פונעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן.

באַגליַיך מיט דער אַנטוויקלונג פונ דעם באַנק-וועזנ און זיַינ קאָנצענטרירטקיַיט אינ א קליינער צאָל אַנשטאַלטן וואַקסן די בענק אריבער פונ דער באַשיידענער ראָליע פונ פאַרמיטלער אינ אַלמעכטיקע מאָנאָפּאָליסטן, וואָס האָבן צו שאַפן קימאַט איבערן גאַנצן געלט-קאַפּיטאַל פונ אַלע קאַפּיטאַליסטן און קליינע באַלעבאַטים צוזאַמענ גענומענ, ווי אויך איבערן גרעסטן טייל פּראָדוקציר-מיטלען און קוואַלן פונ רויוואַרג אינ דעם געגעבענעם לאַנד און אינ א גאַנצער ריי לענדער. אָט די פאַרוואַנדלונג פונ דער גרויסער צאָל באַשיידענע פאַרמיטלער אינ א היַיפל מאָנאָפּאָליסטן בילדעט איינעם פונ די גרונט-פּראָצעסן פונעם אריבערוואַקסן פונעם קאַפּיטאַליזם אינ א קאַפּיטאַליסטישן אימפּעריאַליזם, און דעריבער דאַרפן מיר זיך אָפּשטעלן אפ דער קאָנצענטראַציע פונעם באַנק-וועזנ אינ דער ערשטער ריי.

אינ די יאָרן 1907—1908 האָבן די דעפּאָזיטן פונ אַלע אַקציאָנערע בענק אינ דיַיטשלאַנד, וועלכע האָבן פאַרמאָגט א קאַפּיטאַל פונ העכער א מיליאָן מאַרק, באַטראָפן 7 מיליאַרד מאַרק; אינ די יאָרן 1912—1913 — שוינ 9,8 מיליאַרד. דאָס איז א פאַרגרעסערונג אפ 40% פאַר 5 יאָר, דערביַי קומט אויס פונ די דאָזיקע צוגעקומענע 2,8 מיליאַרד 2,75 מיליאַרד אפ 57 בענק, וואָס האָבן פאַרמאָגט העכער 10 מיליאָן מאַרק קאַפּיטאַל. די פאַרטיילונג פונ די דעפּאָזיטן צווישן די גרויסע און קליינע בענק איז געווען אַזא:

דער פּראָצענט פונ אַלע דעפּאָזיטן:

| | בא די 9 גרעסטע בערלינער בענק | בא די איבעריקע 48 בענק מיט א קאַפּיטאַל פונ העכער 10 מי-ליאָנ מאַרק | בא 115 בענק מיט א קאַפּיטאַל פונ 1—10 מיליאָנ מאַרק | בא די קליינע בענק (ווייניקער פונ 1 מיליאָנ) |
|---|---|---|---|---|
| 1907—1908 . . . | 47 | 32,5 | 16,5 | 4 |
| 1912—1913 . . . | 49 | 36 | 12 | 3 |

די קליינע בענק זיַינען אָפּגעשטויסן געוואָרן דורך די גרויסע בענק, וואָס בלויז 9 פונ זיי קאָנצענטרירן בא זיך קימאַט א העלפט פונ אַלע דעפּאָזיטן. נאָר דאָ האָבן מיר נאָך זייער פיל זאַכן ניט גענומען אינ באַטראַכט, ווי, לעמאָשל, די פאַרוואַנדלונג פונ א גאַנצער ריי קליינע בענק אינ פאַקטישע אָפּטיילונגען פונ די גרויסע בענק אאַוו., וואָס וועגן דעם וועלן מיר נאָך ריידן שפּעטער.

סאָפ 1913 יאָר האָט שולצע-געווערניץ אויסגערעכנט, אז די דעפּאָ-

זיטנ פונ די 9 בערלינער גרויסע בענק באטרעפנ 5,1 מיליארד מארק בא אנ אלגעמיינער סומע בעערעכ פונ 10 מיליארד. נעמענדיק אינ באטראכט ניט בלויז די דעפאזיטנ, נאר דעמ גאנצנ באנק־קאפיטאל, האט דער זעלביקער אוטער געשריבנ:

„צומ סאפ 1909־טנ יאר האבנ די 9 גרויסע בערלינער בענק, צוזאמענ מיט די בענק, וואס שליסנ זיכ אנ צו זיי, פארוואלטעט מיט 11,3 מיליארד מארק, דאס הייסט אנערעכ מיט 83% פונעמ גאנצנ דייטשישנ באנק־קאפיטאל. דער „דייטשישער באנק“ („Deutsche Bank“), וואס צוזאמענ מיט די בענק, וועלכע שליסנ זיכ אנ צו אימ, אפערירט ער מיט א סומע פונ אנערעכ 3 מיליארד מארק, איז, באגלייכ מיט דער פרייסישער פארוואלטונג פונ די מעלוכישע אייזנבאנענ, די גרעסטע און דערביי אפ א הויכנ גראד דעצענטראליזירטע קאפיטאל־אנזאמלונג אינ דער אלטער וועלט“.

מיר האבנ אונטערגעשטראכנ די אנווייזונג אפ די בענק, וואס „שליסנ זיכ אנ“, ווייל דאס איז איינער פונ די וויכטיקסטע קענצייכנס פונ דער נייסטער קאפיטאליסטישער קאנצענטראציע. די גרויסע אונטערנעמונגענ, באזונדערס די בענק, ניט נאר זיי שלינגענ דירעקט איינ די קליינע, נאר זיי „שליסנ זיי אנ“ צו זיכ, ווארפנ זיי אונטער צו זיכ, שליסנ זיי איינ אינ „זייער“ גרופע, אינ זייער „קאנצערנ“ — ווי עס הייסט דער טעכנישער טערמינ — דורכ „אנטיילנעמענ“ אינ זייער קאפיטאל, דורכ אופקויפנ אדער אויסבייטנ די אקציעס, דורכ דער סיסטעמ פונ כויוועס־פארהעלטענישנ און דאס גלייכנ און אזוי ווייטער. פראפעסער ליפמאנ האט געווידמעט א גאנצ קאפיטאל „ווערק“ פונ א האלבנ טויזנט זייטנ דער באשרייבונג פונ די מאדערנע „באטייליקונג־און פינאנסירונג־געזעלשאפטנ“ — צומ באדויערנ, האט ער צומ רויענ, אפטמאל ניט איבערגעקאכטנ מאטעריאל צוגעגעבנ „טעארעטישע“ כקירעס פונ זייער א נידעריקנ סארט. צו וואס פאר א סאכאקל אינ זינ פונ קאנצענטראציע עס ברענגט די דאזיקע סיסטעמ פונ „באטייליקונג“, איז בעסער פאר אלצ באוויזנ אינעמ ווערק פונ דעמ באנק־„טוערריסער“ וועגנ די דייטשישע גרויסע בענק. נאר איידער מיר וועלנ איבערגיינ צו זיינע אנגאבנ, וועלנ מיר ברענגענ איינ קאנקרעטנ ביישפיל פונ דער סיסטעמ פונ „באטייליקונג“.

די „גרופע“ פונ „דייטשישנ באנק“ איז איינע פונ די גרעסטע, אויב ניט די סאמע גרעסטע, פונ אלע גרופעס גרויסע בענק. קעדיי צו דיסקאנטירנ די הויפט־פעדעמ, וואס בינדנ צונויפ אינייעמ אלע בענק פונ דער דאזיקער גרופע, מוז מענ אונטערשיידנ צווישנ „באטייליקונג“ פונ ערשטער, צווייטער און דריטער שטופע, אדער, — וואס דאס איז איינס און דאס זעלבע, — צווישנ דער אפהענגיקייט (פונ די קלענערע בענק בענגייע צומ

„דײַטשישן באַנק״) פון דער ערשטער, צווייטער און דריטער שטופע. עס באַקומט זיך אַזאַ בילד:

| | | אָפּהענגיקייט פון דער ערשטער שטופע: | אָפּהענגיקייט פון דער צווייטער שטופע: | אָפּהענגיקייט פון דער דריטער שטופע: |
|---|---|---|---|---|
| דער „דײַטש. באַנק״ באַטייליקט זיך | שטענדיק . . . . . . . | אין 17 בענק; | פון זיי 9 אין 34; | פון זיי 4 אין 7. |
| | אַף אַן אומבאַוווסטער צײַט | „ 5 „ | „ „ — | „ „ — |
| | פון צײַט צו צײַט . . . . | „ 8 „ | „ „ 5 „ 14; | „ „ 2 „ 2. |
| | סאַכאַקל . . . . . | אין 30 בענק; | פון זיי 14 אין 48; | פון זיי 6 אין 9. |

אין דער צאָל פון די 8 בענק מיט אַן „אָפּהענגיקייט פון דער ערשטער שטופע״, וואָס זײַנען אונטערגעוואָרפן דעם „דײַטשישן באַנק״, גייען „פון צײַט צו צײַט״ אַרײַן 3 אויסלענדישע בענק: איין עסטרײַכישער (דער ווינער „באַנק־פאַריין״—„Bankverein״) און צוויי רוסישע (דער „סיבירער האַנדל־באַנק״ און דער „רוסישער באַנק פאַר אויסערלעכן האַנדל״). סאַכאַקל גייען אַרײַן אין דער גרופע פונעם „דײַטשישן באַנק״, דירעקט און אומדירעקט, אינגאַנצן און טיילווײַז, 87 בענק, און די אַלגעמיינע סומע קאַפּיטאַל, אייגענער און פרעמדער, איבער וועלכן ס׳האָט צו שאַפן די גרופע, באַטרעפט 2—3 מיליאַרד מאַרק.

ס׳איז קלאָר, אַז דער באַנק, וואָס שטייט בעראָש פון אַזאַ גרופע און וואָס טרעט אַרײַן אין אויסגלײַכן מיט אַ האַלבן טוץ אַנדערע, עטוואָס קלענערע בענק, וועגן באַזונדערס גרויסע און לוינבאַרע פינאַנץ־אָפּעראַציעס, ווי, אַשטייגער, מעלוכע-האַלוואָעס, — אַז אַזאַ באַנק איז שוין אַרויסגעוואָקסן פון דער ראָליע פון אַ „פאַרמיטלער״ און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרבאַנד פון אַ הײַפל מאָנאָפּאָליסטן.

מיט וואָס פאַר אַ גיכקייט ס׳איז געראָד סאָף XIX און אָנהייב XX יאָרהונדערט געגאַנגען די קאָנצענטראַציע פון דעם באַנק־וועזן אין דײַטשלאַנד, איז צו זען פון פאָלגנדיקע ציפערס אָנגאַבן, וואָס מיר ברענגען דאָ פאַרקירצט:

6 בערלינער גרויסע בענק האָבן געהאַט

| יאָרן | אָפּטיילונגען אין דײַטשלאַנד | דעפּאָזיט-קאַסעס און אויסטויש-קאָנטאָרן | באַשטענדיקע באַטייליקונג אין דײַטשישע אַקצ. בענק | סאַכאַקל אַנשטאַלטן |
|---|---|---|---|---|
| 1895 . . . . | 16 | 14 | 1 | 42 |
| 1900 . . . . | 21 | 40 | 8 | 80 |
| 1911 . . . . | 104 | 276 | 63 | 450 |

מיר זעען, ווי גיך עס וואקסט אויס א געדיכטע נעץ קאנאלן, וואָס נעמען ארום דאָס גאנצע לאנד, וואָס צענטראליזירן אלע קאפיטאלן און געלט-האכנאָסעס, וואָס פארוואנדלען טויזנטער און טויזנטער צעברעקלטע ווירטשאפטן אין אן איינהייטלעכער אלגעמיין-נאציאָנאלער קאפיטאליסטישער, און דערנאָך אויך אין אן אלוועלטלעכער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט. יענע „דעצענטראליזאציע", וועגן וועלכער עס האָט גערעדט אין דער אויבן גע־בראכטער ציטאטע שולצע-געווערניץ אין נאָמען פון דער בורזשואזער פּאָ־ליטישער עקאָנאָמיע פון אונדזער צייט, באשטייט אין אונ־טערוואָרפן צו אן איינהייטלעכן צענטער אלץ מער און מער ווירטשאפטלע־כע איינסן, וועלכע זיינען פריער געווען לעפּערדיקע „זעלבשטענדיקע", אָדער, ריכטיקער, לאָקאל (אָרטיק) פארשלאָסן. איינדערעמעסן איז דאָס, אלזאָ, צענטראליזאציע, א פארשטארקונג פון דער ראָליע, פון דער באדייטונג, פון דער מעכטיקייט פון די מאָנאָפּאָליסטישע גיגאנטן.

אין די עלטערע קאפיטאליסטישע לענדער איז די דאָזיקע „באנק-נעץ" נאָך געדיכטער. אין ענגלאנד איינגעם מיט אירלאנד האָבן זיך אין 1910 יאָר גערעכנט 7151 אָפּטיילונגען פון אלע בענק. פיר גרויסע בענק האָבן געהאט יעדערער מער ווי צו 400 אָפּטיילונגען (פון 447 ביז 689), ווייטער האָבן נאָך 4 געהאט מער ווי צו 200 און 11 — מער ווי צו 100 אָפּטיי־לונגען.

אין פראנקרייך האָבן די דריי גרעסטע בענק, «Crédit Lyonnais», «Comptoir National» און «Société Générale»,* אנטוויקלט זייערע אָפּעראציעס און די נעץ פון זייערע אָפּטיילונגען אפּ פאָלגנדיקן אופן:

| | די צאָל אָפּטיילונגען און קאסעס: אין פראָווינץ | אין פאריזש | סאכאקל | די גרייס פון די קאפיטאלן: אייגענעם (מיליאָן פראנק) ** | פרעמדן |
|---|---|---|---|---|---|
| 1870 . . . . | 47 | 17 | 64 | 200 | 427 |
| 1890 . . . . | 192 | 66 | 258 | 265 | 1 245 |
| 1909 . . . . | 1 033 | 196 | 1 229 | 887 | 4 363 |

קעדיי צו כאראקטעריזירן די „פארבינדונגען" פון א מאָדערנעם גרויסן באנק, ברענגט ריסער אָנגאבן וועגן דער צאָל בריוו, וואָס עס שיקט אוועק און באקומט די „דיסקאָנט-געזעלשאפט" («Disconto-Gesellschaft»), איי־

* „ליאָנער קרעדיט", „נאציאָנאלע דיסקאָנט-קאָנטאָר", „גענעראלע געזעל־שאפט". רעד.

** פראנק — א פראנצויזישע מאטבייע. א פראנק האָט פאר דער מילכאָמע באטראָפן 37,5 קאָפ., איצט (1933) — 7,6 קאָפ. רעד.

נער פונ די גרעסטע בענק אינ דײַטשלאנד אונ אינ דער גאנצער וועלט זײַנ קאפּיטאל איז אינ 1914 יאָר דערגאנגענ ביז 300 מיליאָנ מארק):

| | די צאָל בריוו | |
|---|---|---|
| | אריינגייענדיקע | ארויסגייענדיקע |
| 1852 . . . . | 6 135 | 6 292 |
| 1870 . . . . | 85 800 | 87 513 |
| 1900 . . . . | 533 102 | 626 043 |

אינעם גרויסנ פּאריזשער באנק „ליאָנער קרעדיט" איז די צאָל קאָנטעס (רעכענונגענ) געשטיגנ פונ 28 535 אינ 1875 ביז 633 359 אינ 1912.

— די דאָזיקע פּאָשעטע ציפערנ באווײַזנ, אייגנטלעכ, אָנשוילעכער, איידער לאנגע בקירעס, ווי מיט דער קאָנצענטראציע פונעמ קאפּיטאל אונ מיטנ וווקס פונ די אומזאצנ פונ די בענק ענדערט זיכ ראדיקאל זייער באדײַטונג. פונ צעשפּליטערטע קאפּיטאליסטנ בילדעט זיכ אויס איינ קאָלעקטיווער קאפּיטאליסט. פירנדיק א קאָנטאָקאָרענט (לויפנדיקער כעזשבנ) פונ עטלעכע קאפּיטאליסטנ, פּילט דער באנק, קלומערשט, אויס א רײַנ טעכנישע, אויסשליסלעכ באהילפיקע אָפּעראציע. אָבער ווענ די דאָזיקע אָפּעראציע וואקסט אויס ביז א קאָלאָסאלנ מאסשטאב, ווײַזט זיכ דאנ ארויס, אז א הײַפעלע מאָנאָפּאָליסטנ האלטנ אינ זייערע הענט די האנדל-אינדוסטריעלע אָפּעראציעס פונ דער גאנצער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט אונ דורכ די באנק-פארבינדונגענ, דורכ די לויפנדיקע כעזשבוינעס אונ דורכ אנדערע פינאנציעלע אָפּעראציעס באקומענ זיי די מעגלעכקײַט צוערשט ג ע נ ו י זיכ צו ד ע ר ו י ס נ דעמ צושטאנד פונ די געשעפטנ בא באזונדערע קאפּיטאליסטנ, דערנאָכ צו ק אָ נ ט ר אָ ל י ר נ זיי, ווירקנ אפ זיי דורכ פארברייטערנ אָדער דורכ פארשמעלערנ, דורכ פארגרינגערנ אָדער פארשווערנ דעמ קרעדיט, אונ ענדלעכ פ ו ל ש ט ע נ ד י ק צו ב א ש ט י מ ע נ זייער גוירל, באשטימענ זייער האכנאָסעדיקײַט, אָפּנעמענ בא זיי דעמ קאפּיטאל אָדער געבנ זיי א מעגלעכקײַט גיכ אונ אינ א גוואלדיקנ פארנעמ צו פארגרעסערנ זייער קאפּיטאל אדג. —

מיר האָבנ נאָרוואָס דערמאָנט וועגנ א קאפּיטאל פונ 300 מיליאָנ מארק בא דער „דיסקאָנט-געזעלשאפט" אינ בערלינ. די דאָזיקע פארגרעסערונג פונעמ קאפּיטאל אינ דער „דיסקאָנט-געזעלשאפט" איז געווענ איינער פונ די עפּיזאָדנ אינעמ קאמפ פאר העגעמאָניע צווישנ צוויי פונ די גרעסטע בערלינער בענק, צווישנ דעמ „דײַטשישנ באנק" אונ דער „דיסקאָנט-געזעלשאפט".

אינ 1870 יאָר איז דער ערשטער פונ זיי נאָכ געווענ אנ אָנפאנגער

און האָט פאַרמאָגט א קאַפּיטאַל פון סאַכאַקל 15 מיליאָן, דער צווייטער — פון 30 מיליאָן. אין 1908 יאָר האָט דער ערשטער געהאַט א קאַפּיטאַל פון 200 מיליאָן, דער צווייטער — פון 170 מיליאָן. אין 1914 יאָר האָט דער ערשטער פאַרגרעסערט זיין קאַפּיטאַל ביז 250 מיליאָן, דער צווייטער האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט אן אנדער ערשטקלאַסיק-גרויסן באַנק, מיט דעם „שאַפהאַוזענער פאַראייניקטן באַנק" און האָט פאַרגרעסערט זיין קאַפּיטאַל ביז 300 מיליאָן. און עס פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער קאַמף פאַר העגעמאָניע גייט האַנט בא האַנט מיט אַלץ אָפטער פאָרקומענדיקע און אַלץ פעסטער ווערנדיקע „פאַרשטענדיקונגען" צווישן ביידע בענק. אָט וואָס פאַר אַן אויספירן דער דאָזיקער אַנטוויקלונג-גאַנג צווינגט צו מאַכן די ספּעציאַליסטן פון באַנק-פאַך, וועלכע באַטראַכטן די עקאָנאָמישע פראַגן פון אַ שטאַנדפּונקט, וואָס גייט אָפּ קיין פאַל ניט ווייטער פון מעסיקסטער און פּינקטלעכסטער בורזשואַזער רעפאָרמאַטערישקייט.

„אנדערע בענק וועלנ זיכ אויכ לאזנ גייג מיטנ זעלביקנ וועג", — האט געשריבנ דער דייטשישער זשורנאל „באנק" מיקויעכ דעמ, וואס די „דיסקאנט-געזעלשאפט" האט געהויבנ איר קאפיטאל ביז 300 מיליאנ, — „אונ פונ די 300 מאנ, וואס רעגירנ איצט עקאנאמיש איבער דייטשלאנד, וועט מיט דער צייט פארבלייבנ 50, 25 אדער נאכ ווייניקער. ס'איז ניט צו דערווארטנ, אז די נייסטע קאנצענטראציע-באוועגונג זאל זיכ באגרענעצנ בלויז מיטנ באנק-וועזנ. די ענגע פארבינדונגענ צווישנ איינצלנע בענק פירנ נאטירלעכ אויכ צו א דערנעענטערונג צווישנ די סינדיקאטנ פונ די אינדוסטריעלער, וואס ווערנ פראטעזשירט דורכ די דאזיקע בענק... מיר וועלנ זיכ אופכאפנ אינ איינ שיינעמ פרימארגנ אונ פאר אונדזערע איבערראשטע אויגנ וועלנ זיכ ארויסווייזנ לויטער טרעסטנ; מיר וועלנ זיינ געצווונגענ צו פארביטנ די פריוואטע מאנאפאליעס אפ מעלוכע-מאנאפאליעס. אונ דאכ האבנ מיר ניט, איינגנטלעכ, וואס זיכ פארצוווארפנ, סיידנ דאס, וואס מיר האבנ געלאזט גייג פריי די אנטוויקלונג פונ די געשעענישנ, וועלכע איז עטוואס פארגיכערט געווארנ דורכ דער אקציע".

אָט איז אַ מוסטער פון אומבאַהאָלפנקייט פון דער בורזשואַזער פּובליציסטיק, פון וועלכער די בורזשואַזע וויסנשאַפט אונטערשיידט זיך בלויז דערמיט, וואָס זי איז ווייניקער אופריכטיק און שטרעבט צו פאַרשמירן דעם טאָכ פון דער זאַך, צו פאַרשטעלן מיט די ביימער דעם וואַלד. „אייבעראַשט ווערן" פון די רעזולטאַטן פון דער קאָנצענטראַציע, „פאָרוואַרפן" דער רעגירונג פון קאַפּיטאַליסטישן דייטשלאַנד אָדער דער קאַפּיטאַליסטישער „געזעלשאַפט" („מיר"), מוירע האָבן, אַז די איינפירונג פון אַקציעס וועט „פאַרגיכערן" די קאָנצענטראַציע, ווי איין דייטשישער „קאַרטעלן"-ספּעציאַליסט, טשירשקי, האָט מוירע פאַר די אַמעריקאַנער טרעסטן און „האַלט מער" פון די דייטשישע קאַרטעלן, ווייל זיי זיינען קלוימערשט פּייק „ניט אַזוי

איבערמאָסיק צו פארגיכערנ דעמ טעכנישנ אונ עקאָנאָמישנ פראָגרעס, ווי די טרעסטנ", — צי דענ איז דאָס ניט אומבאהאָלפנקײַט?

נאָר פאקטנ בלײַבנ פאקטנ. אינ דײַטשלאנד זײַנעג ניטאָ קיינ טרעסטנ, נאָר עס זײַנענ פאראנ „בלויז" קארטעלנ, אָבער מיטנ לאנד פארוואלטנ ניט מער ווי 300 מאגנאטנ פונ קאפיטאל. אונ זייער צאָל ווערט אלץ קלע־נער. יעדנפאלס, אינ אלע קאפיטאליסטישע לענדער, בא אלע ווארִיאנטנ פונ באנק-געזעצגעבונג, פארשטארקנ אונ פארגיכערנ די בענק אינ פיל מאָל דעמ פראָצעס פונ דער קאפיטאל-קאָנצענטראציע אונ פונ דער אויסבילדונג פונ מאָנאָפאָליעס.

„די בענק שאפנ אינ א געזעלשאפטלעכנ מאסשטאב די פאָרמ, אָבער טאקע בלויז די פאָרמ, פונ אנ אלגעמיינער כעזשבנ־פירונג אונ פונ אנ אל־געמיינער פארטיילונג פונ די פראָדוציר־מיטלענ", — האָט מארקס געשריבנ מיט א האלבנ יאָרהונדערט צוריק אינ „קאפיטאל" (רוסישע איבערזעצונג, ב. III, ט. 2, ז. 144). די אויבנ געבראכטע אָנגאבנ וועגנ וווּקס פונעמ באנק־קאפיטאל, וועגנ דער פארגרעסערונג פונ דער צאָל קאָנטאָרנ אונ אָפטיילונ־גענ בא די גרעסטע בענק אונ פונ דער צאָל פונ זייערע רעכענונגענ אאוו. באווײַזנ אונדז קאָנקרעט אָט די „אלגעמיינע כעזשבנ-פירונג" פונ דעמ גאנ־צנ קלאס קאפיטאליסטנ אונ אפילע ניט נאָר פונ די קאפיטאליסטנ, ווײַל די בענק קלײַבנ אופ, זאָל זײַנ אפילע נאָר אפ א צײַט, אלערליי געלט־האכנאָסעס סײַ פונ קליינע באלעבאטימלעכ סײַ פונ אָנגעשטעלטע סײַ פו־נעמ נישטיקנ אויבערשטנ שיכט ארבעטער. „די אלגעמיינע פארטיילונג פונ די פראָדוציר-מיטלענ" — אָט וואָס עס וואקסט, לויט דער פאָרמעלער זײַט פונ דער זאכ, פונ די מאָדערנע בענק, וואָס אינ צאָל פונ אוועלכע דרײַ—זעקס גרעסטע בענק אינ פראנקרײַכ, פונ א 6 — 8 אינ דײַטשלאנד האָבנ זיי צו שאפנ איבער מיליארדנ אונ מיליארדנ. אָבער לויט דעמ אינהאלט אירנ איז די דאָזיקע פארטיילונג פונ די פראָדוציר-מיטלענ קלאל ניט קיינ „אלגעמיינע", נאָר א פריוואטע, דאָס הייסט אזא, וואָס איז צוגעפאסט צו די אינטערעסנ פונ דעמ גרויסנ—אונ, פריִער פאר אלצ, פונ דעמ גרעסטנ, פונ דעמ מאָנאָפאָליסטישנ—קאפיטאל, וואָס ארבעט אינ אזעלכע באדינגונגענ, ווענ די מאסע באפעלקערונג לעבט אינ דאכקעס, ווענ די גאנצע אנטוויקלונג פונ דער ערדארבעט איז האָפענונגלאָז הינטערשטעליק קעגנ דער אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע, אונ ווענ די „שווערע אינדוסטריע" נעמט צינז פונ אלע איבעריקע אינדוסטריע־צווײַגנ.

אינ פראט פונ פארגעזעלשאפטלעכנ די קאפיטאליסטישע ווירטשאפט הייבנ אָנ צו קאָנקורירנ מיט די בענק די שפאָרקאסעס אונ די פאָטשט-אנ־

שטאלטן, וואָס זײַנען מער „דעצענטראליזירט“, דאָס הייסט, זיי פארכאפּן אין זייער ווירקונג־ספערע א גרעסערע צאָל געגנטן, א גרעסערע צאָל פארוואָרפענע ווינקלען, ברייטערע קרײַזן פון דער באפעלקערונג. אָט זײַנען די אָנגאבן, וואָס עס האָט צונויפגעזאמלט די אמעריקאנער קאָמיסיע בענעגייע דער פראגע וועגן דער פארגלײַכיקער אנטוויקלונג פון די דעפּאָזיטן אין די בענק און אין די שפּאָרקאסעס:

דעפּאָזיטן (אין מיליארדן מארק)

| | ענגלאנד | | פראנקרײַך | | דײַטשלאנד | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | אין בענק | אין שפּאָר־קאסעס | אין בענק | אין שפּאָר־קאסעס | אין בענק | אין קרעדיט־געזעלשאפטן | אין שפּאָר־קאסעס |
| 1880 . . . | 8,4 | 1,6 | ? | 0,9 | 0,5 | 0,4 | 2,6 |
| 1888 . . . | 12,4 | 2,0 | 1,5 | 2,1 | 1,1 | 0,4 | 4,5 |
| 1908 . . . | 23,2 | 4,2 | 3,7 | 4,2 | 7,1 | 2,2 | 13,9 |

צאָלנדיק פאר דעפּאָזיטן 4 און $4^1/_4$ פּראָצ., זײַנען די שפּאָרקאסעס געצוווּנגען צו זוכן א „האכנאָסעדיקן“ פּלאצ פאר זייערע קאפּיטאלן, אריינצולאָזן זיך אין וועקסלדיקע, היפּאָטעקישע און אנדערע אָפּעראציעס. ס׳ווערן „אלץ מער אָפּגעווישט“ די גרענעצן צווישן די בענק און די שפּאָרקאסעס. די האנדל־קאמערן, למשל, אין באָכום, אין ערפורט, פאָדערן, מע זאָל „פארווערן“ די שפּאָרקאסעס צו פארנעמען זיך מיט „ריין“־באנקישע אָפּעראציעס, ווי דיסקאָנטירן וועקסלען, פאָדערן, אז מע זאָל באגרענעצן די „באנק“־טעטיקײַט פון די פּאָטשט־אנשטאלטן. די באנק־גדולים האָבן אזוי ווי מוירע, צי די מלוכישע מאָנאָפּאָליע גאנוועט זיך ניט אונטער צו זיי פון אן אומדערווארטער זײַט. פארשטייט זיך, אז די דאָזיקע מוירע גייט ניט ווײַטער פון קאָנקורענצ צווישן, אזוי צו זאָגן, צוויי טיש־פארוואלטערס אין איין קאנצעליאריע. וואָרעם איבער די מיליארד־קאפּיטאלן פון די שפּאָרקאסעס האָבן דאָ, פון איין זײַט, סאָפקאָלסאָפּ צו שאפן אין דער ווירקלעכקײַט די זעלביקע מאגנאטן פון באנק־קאפּיטאל; און פון דער אנדערער זײַט, איז די מלוכע־מאָנאָפּאָליע אין דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט דאָך מער ניט ווי א מיטל צו העכערן און פארפעסטיקן די האכנאָסעס פאר די מיליאָנערן פון דעם אָדער יענעם אינדוסטריע־צווײַג, וואָס האלטן בא באנקראָט.

דער פארבײַט פונעם אלטן קאפּיטאליזם, מיט דער הערשאפט פון פרײַער קאָנקורענצ, אפ א נײַעם קאפּיטאליזם, מיט דער הערשאפט פון מאָנאָפּאָליע, דריקט זיך אויס, אגעוו, אין דעם, וואָס עס פאלט דער באטײַט פון דער בירזשע.

„די בירזשע, — שרײַבט דער זשורנאל „באנק“, — האָט שוינ לאַנג אויפ־געהערט צו זײַנ דער נייטיקער פארמיטלער פונ צירקוליאציע, ווי זי איז געווענ פריִער, ווענ די בענק האָבנ נאָכ ניט געהאַט קיינ מעגלעכקײַט צו האַלטנ בײַ זיך די קליִענטנ דעם גרעסטנ טייל פאַנד־ווערטנ, וואָס זיי לאָזנ ארויס.

„«יעדער באנק איז א בירזשע» — אָט דאָס מאָדערנע שפּריכוואָרט איז אלצ נעענטער צומ עמעס, וואָס גרעסער עס איז דער באנק, וואָס מער דערפאָלגנ עס מאכט די קאָנצענטראציע אינעם באנק־געשעפט“. „אויב פריִער, אינ די 70־ער יאָרנ, איז די בירזשע מיט אירע יוגנטלעכע עקסצעסנ“ (א „דעליקאטע“ אָנצוהערעניש וועגנ בירזשע־קראכ פונ 1873 יאָר, וועגנ די גרינדערישע סקאנדאלנ אאוו.) „געווענ דער אָנהייב פונ דער אינדוסטריִאליזירונג-עפּאָכע אינ דײַטשלאנד, איז בא הײַנטיקער צײַט קאָנענ די בענק אונ די אינדוסטריע „זיכ אליינ אנ אייצע געבנ“. די הערשאפט פונ אונדזערע גרויסע בענק איבער דער בירזשע... איז ניט מער ווי אנ אויסדרוק פונ דער פולשטענדיק אָרגאניזירטער דײַטשישער אינדוסטריִעלער מעלוכע. אויב אפ אזא אויפנ ווערט פארשמעלערט דער ווירקונג-געביט פונ די אווטאָמאטיש פונקציאָנירנדיקע עקאָנאָמישע געזעצנ אונ ס׳ווערט אומגעהייער פארברייטערט דער געביט פונ באוווסטזיניקנ רעגולירנ דורכ די בענק, איז אינ צוזאמענהאנג מיט דעם וואקסט אָבער גיגאנטיש אויס אויכ די פאָלקווירטשאפטלעכע פאראנטוואָרטלעכקײַט פונ דער קליינער צאָל אָנפירנדיקע פערזאָנענ“ — אזוי שרײַבט דער דײַטשישער פּראָפעסער שולצע־געווערניצ, אנ אפּאָלאָגעט פונעמ דײַטשישנ אימפּעריאליזמ, אנ אווטאָריטעט פאר די אימפּעריאליסטנ פונ אלע לענדער, וואָס שטרעבט צו פארשמירנ „א קלייניקײַט“, נעמלעכ, אז אָט די „באוווסטזיניקע רעגולירונג“ דורכ די בענק באשטייט אינ דעמ, וואָס א הײַפעלע „פולשטענדיק אָרגאניזירטע“ מאָנאָפּאָליסטנ באנעמט דעמ אוילעמ. די אויפגאבע פונעמ בורזשואזנ פּראָפעסער באשטייט ניט אינ אופדעקנ די גאנצע מעכאניק, ניט אינ דעמאסקירונ אלע קונצשטיק פונ די באנק־מאָנאָפּאָליסטנ, נאָר אינ צופוצנ זיי.

פונקט אזוי טוט אויכ ריסער, א נאָכ מער אווטאָריטעטער עקאָנאָמיסט אונ באנק־„טוער“; ער דרייט זיכ אויכ ארויס מיט פוסטע פראזעס פונ אזעלכע פאקטנ, וואָס לאָזנ זיכ ניט אָפּלייקענענ:

„די בירזשע פארלירט אלצ מער די אייגנשאפט, וואָס איז אומבאדינגט נייטיק פאר דער גאנצער ווירטשאפט אונ פאר דער צירקוליאציע פונ ווערט־פּאַפּירנ, — די אייגנשאפט צו זײַנ ניט נאָר דער סאַמע פינקטלעכער מעסט־אינסטרומענט, נאָר אויכ קימאט אנ אווטאָמאטיש־ווירקנדיקער רעגוליאטער פונ די עקאָנאָמישע באוועגונגענ, וואָס שטראָמענ צו איר“.

מיט אנדערע ווערטער: דער אלטער קאפיטאליזמ, דער קאפיטאליזמ פונ פרײַער קאנקורענצ מיט דער בירזשע, אלס אומבאדינגט נייטיקנ פאר אימ רעגוליאטער, גייט אוועק אינ דער פארגאנגענהײַט. אפ זײַנ ארט איז געקומענ דער נײַער קאפיטאליזמ, וואס פארמאגט אינ זיכ בעפײַרעשע שטריכנ פונ עפעס איבערגייענדיקס, א מינ געמיש פונ פרײַער קאנ-קורענצ מיט מאנאפאליע. נאטירלעכ בעט זיכ דא די פראגע, צו וואס-זשע „גייט איבער" דער דאזיקער נײַסטער קאפיטאליזמ, אבער די בורזשו־אזע געלערנטע האבנ מוירע צו שטעלנ די דאזיקע פראגע.

„מיט דרײַסיק יאר צוריק פלעגנ די פרײַ קאנקורירנדיקע אונטערנעמער אויס־פילנ 9/10 פונ יענער עקאנאמישער ארבעט, וואס געהערט ניט צומ געביט פונ פיזישער מי פונ די „ארבעטער". בײַ הײַנטיקער צײַט פילנ אויס די באאמטע 9/10 פונ דער דאזיקער עקאנאמישער גײַסטיקער ארבעט. דער באנק־וועזנ שטייט בעראש פונ דער דאזיקער אנטוויקלונג".

אט די אנערקענונג שולצע־געווערניצס שטויסט זיכ אנ נאכאמאל אונ נאכאמאל אינ דער פראגע, צו וואס איז עס אנ איבערגאנג דער נײַסטער קאפיטאליזמ — דער קאפיטאליזמ אינ זײַנ אימפעריאליסטישער סטאדיע. — — —

צווישנ דער קליינער צאל בענק, וואס פארבלײַבנ מאכמעס דעמ קאנ-צענטראציע־פראצעס בעראש פונ דער גאנצער קאפיטאליסטישערווירטשאפט, מערקט זיכ אנ, נאטירלעכ, אלצ מער אונ ווערט אלצ שטארקער די שטרע־בונג צו א מאנאפאליסטישנ אויסגלײַכ, צו א טרעסט פונ די בענק. אינ אמעריקע הערשנ איבער א קאפיטאל פונ 11 מיליארד מארק ניט נײַנ, נאר צוויי גאר גרויסע בענק, פונ די מיליארדערנ ראקפעלער אונ מארגאנ. דער פאקט, וואס די „דיסקאנט־געזעלשאפט" ווי מיר האבנ אויבנ אנגע־מערקט, האט אײַנגעשלונגענ דעמ „שאפהאוזענער פארייניקטנ באנק", האט ארויסגערופנ בא דער „פראנקפורטער צײַטונג", א צײַטונג פונ די בירזשע-אינטערעסנ, פאלגנדיקע אפשאצונג:

„צוגלײַכ מיט דעמ, ווי עס וואקסט די קאנצענטראציע פונ די בענק, ווערט שמעלער דער קרײַז אנשטאלטנ, צו וועלכע מע קענ זיכ ווענדנ נאכ קרעדיט; אונ דורכ דעמ ווערט די גרויס־אינדוסטריע אלצ מער אפהענגיק פונ א קליינער צאל באנק־גרופעס. בא דער ענגער פארבינדונג צווישנ דער אינדוסטריע מיט דער פינאנ־סיסטנ־וועלט, ווערט געענגט די פרײַהײַט פונ באוועגונג פאר די אינדוסטריע־געזעל־שאפטנ, וואס נייטיקנ זיכ אינ באנק־קאפיטאל. דעריבער קוקט די גרויס־אינדוסטריע מיט געמישטע געפילנ אפ דער אלצ שטארקער ווערנדיקער טרעסטירונג (פארייניקונג אדער פארוואנדלונג אינ טרעסטנ) פונ די בענק, אונ ס'איז שוינ טאקע ניט אײַנ מאל אויסגעקומענ צו באמערקנ אנהייבנ פונ געוויסע אפמאכנ צווישנ איינצלנע קאנ־צערנע פונ גרויסע בענק, אפמאכנ, וואס באשטייענ אינ באגרענעצנ די קאנקורענצ".

דאָס לעצטע וואָרט אינ דער אנטוויקלונג פונ דעמ באנק־וועזנ איז ווידער אונ ווידעראמאָל מאָנאָפּאָליע.

וואָס אָנבאלאנגט דעמ ענגנ צוזאמענהאנג צווישנ די בענק מיט דער אינדוסטריע, איז גראָד אינ אָט דעמ געביט טרעט ארויס שיר ניט באשײַמפערלעכער ווי אומעטומ די נײַע ראָליע פונ די בענק. אויב דער באנק דיסקאָנטירט די וועקסלענ פונ דעמ געגעבענעמ אונטערנעמער, עפנט אימ אופ א לויפנדיקנ כעזשבנ אאַוו., איז די דאָזיקע אָפּעראציעס, באזונדער גענומענ, פארקלענערנ אפ קיינ האָר ניט די זעלבשטענדיקײַט פונ דעמ דאָזיקנ אונטערנעמער, אונ דער באנק גייט ניט ארויס פונ זײַנ באשיידענער ראָליע פונ א פארמיטלער. ווענ אָבער די דאָזיקע אָפּעראציעס ווערנ אָפטער אונ פעסטער, ווענ דער באנק „זאמלט צונויפ" אינ זײַנע הענט אומגעהייער גרויסע קאפיטאלנ, ווענ דאָס פירנ די לויפנדיקע כעזשבוינעס פונ דער געגעבענער אונטערנעמונג גיט דעמ באנק די מעגלעכקײַט — אונ אזוי איז עס טאקע — אלצ דעטאלער אונ פולער צו דערגיינ די עקאָנאָמישע לאגע פונ זײַנ קליִענט, באקומט זיכ אינ רעזולטאט, אז דער אינדוסטריעלער קאפיטאליסט ווערט אלצ מער פולשטענדיק אָפּהענגיק פונעמ באנק.

צוזאמענ מיט דעמ אנטוויקלט זיכ די, אזוי צו זאָגנ, פערזענלעכע אוניע צווישנ די בענק מיט די גרעסטע אונטערנעמונגענ פונ אינדוסטריע אונ האנדל, די צוזאמענגיסונג פונ די מיט יענע דורכנ באזיצנ די אקציעס, דורכ דעמ, וואָס די באנק־דירעקטערס טרעטנ ארײַנ אלס מיטגלידער פונ די אופזיכטראטנ (אָדער פונ די פארוואלטונגענ) פונ די האנדל־אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ אונ פארקערט. דער דײַטשישער עקאָנאָמיסט אײדעלס האָט צונויפגעקליבנ די אויספירלעכסטע אָנגאבנ וועגנ אָט דעמ מינ קאָנצענטראציע פונ קאפיטאלנ אונ אונטערנעמונגענ. די 6 גרעסטע בערלינער בענק זײַנענ דורכ זייערע דירעקטערס געווענ פאָרגעשטעלט אינ *344* אינדוסטריעלע געזעלשאפטנ, אונ דורכ די מיטגלידער פונ זייערע פארוואלטונגענ — נאָכ אינ *407*, סאכאקל אינ *751* געזעלשאפטנ. אינ *289* געזעלשאפטנ האָבנ זיי געהאט אָדער צו צוויי מיטגלידער אינ די אופזיכטראטנ אָדער די פאָסטנס פונ די פאָרזיצערס פונ די ראטנ. צווישנ די דאָזיקע האנדל־אינדוסטריעלע געזעלשאפטנ געפינענ מיר די סאמע פארשיידנארטיקע אינדוסטריעלע צווײַגנ: אי סטראכיר־געשעפטנ אי קאָמוניקאציע־וועגנ אי רעסטאָראנענ אי טעאטערס אי קונסט־אינדוסטריע אאַוו. פונ דער אנדערער זײַט, האָבנ זיכ אינ די אופזיכטראטנ פונ די דאָזיקע זעקס בענק געפונענ (אינ 1910 יאָר) 51 גרויס־אינדוסטריעלער, צווישנ זיי אויכ דער דירעקטער פונ דער פירמע קרופ, פונ דער גיגאנטישער דאמפער־געזעל-

**שאפט «Hapag» (Hamburg — Amerika)* אאוו. אדג. יעדערער פון די זעקס בענק האָט אין מעשעכ פון 1895 יאָר ביז 1910 יאָר זיך באטייליקט אין ארויסלאָזן אקציעס און אָבליגאציעס פאר א סאך הונדערטער אינ-דוסטריעלע געזעלשאפטן, נעמלעך: פון 281 ביז 419.**

די „פערזענלעכע אוניע" צווישנ די בענק מיט דער אינדוסטריע ווערט דער־גאנצט דורכ דער „פערזענלעכער אוניע" פונ ביידע מיט דער רעגירונג. „די שטעלעס פונ מיטגלידער אינ די אויפזיכטראטנ, — שרייבט איי־דעלס, — ווערנ פרייוויליק אָפּגעגעבנ צו מענטשנ מיט הויכע נעמענ, ווי אויכ צו געוועזענע מעלוכע־באאמטע, וואָס קאָנענ שאפנ א סאכ פארלייכטערונגענ (!!) בא די באציִונגענ מיט דער מאכט"... „אינ אויפזיכטראט פונ א גרויסנ באנק געפינענ מיר געוויינלעכ א מיטגליד פונ פארלאמענט אָדער א מיטגליד פונ דער בערלינער שטאָט־דומע".

**די אויסארבעטונג און די פאנאנדערארבעטונג פון די, אזוי צו זאָגן, גרויס־קאפּיטאליסטישע מאָנאָפּאָליעס גייט, הייסט עס, מיטן גאנצן אימפּעט דורך אלע „נאטירלעכע" און „איבערנאטירלעכע" וועגן. ס'בילדעט זיך סיסטעמאטיש אויס א געוויסע ארבעט־צעטיילונג צווישן עטלעכע הונדערט פינאנץ־קיניגן פון דער מאָדערנער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט:**

„צוגלייכ מיט אָט דעמ פארברייטערנ דעמ טעטיקייט־געביט פונ איינצלנע גרויס־אינדוסטריעלער" (וואָס טרעטנ ארייַנ אינ די פארוואלטונגענ פונ די בענק אאַוו.) „אונ מיטנ איבערגעבנ אינ רעשוס פונ די פּראָווינציעלע באנק־דירעקטערס אויס־שליסלעכ איינ באשטימטנ אינדוסטריעלנ קרייַז, וואקסט אינ א געוויסער מאָס די ספּעציאליזירונג צווישנ די אָנפירער פונ די גרויסע בענק. אזא ספּעציאליזירונג קאָנ געמאָלט זייַנ נאָר בא א גוואלדיקנ מאסשטאב פונ דער גאנצער באנק־אונטער־נעמונג ביכלאל אונ פונ זייַנע אינדוסטריעלע פארבינדונגענ ביפראט. די דאָ־זיקע ארבעט־צעטיילונג גייט אינ צוויי ריכטונגענ: פונ איינ זייַט, ווערנ די באַ־ציִונגענ מיט דער אינדוסטריע אינגאנצנ איבערגעגעבנ צו איינעמ פונ די דירעק־טערס, ווי זייַנע א ספּעציעלע באשעפטיקונג; פונ דער אנדערער זייַט, נעמט אָפּ זיכ יעדער דירעקטער די אויפזיכט איבער איינצלנע אונטערנעמונגענ אָדער איבער גרו־פּעס אונטערנעמונגענ, וואָס שטייענ נאָענט איינע צו דער צווייטער לויט דער פּראָ־פעסיע אָדער לויט די אינטערעסנ"... (דער קאפּיטאליזמ איז שוינ דערוואקסנ ביז צו אנ אָרגאניזירטער אויפזיכט איבער איינצלנע אונטערנעמונגענ...) „איינעמס ספּעציאליטעט איז די דייַטשישע אינדוסטריע, אמאָל אפילע בלויז די מערב־דייַ־טשישע" (מערב־דייַטשלאנד איז דער אמערסטנ אינדוסטריעלער טייל פונ דייַטש־לאנד), „דעמ צווייטנס, — די באציִונגענ צו די מעלוכעס אונ צו דער אויסלענ־דישער אינדוסטריע, ידיִעס וועגנ דער פּערזענלעכקייט פונ די אינדוסטריעלער אונ אנד., בירזשע־געשעפטנ אאַוו. אכוץ דעמ באקומט אָפט יעדער באנק־דירעקטער אינ זייַנ רעשוס א באזונדערע געגנט אָדער א באזונדערנ אינדוסטריע־צווייַג; איינער אר־

* — „האפּאג" (האמבורג—אמעריקע). רעד.

בעט דעריקער אינ די אופזיכטראטנ פונ עלעקטרע־געזעלשאפטנ, דער צווייטער — אינ כימישע פאבריקנ, ביר־ברויערײַענ אדער צוקער־זאוואדנ, דער דריטער — אינ א קלײנער צאל איזאלירטע אונטערנעמונגענ אונ אינ דער זעלבער צײַט אינעמ אופזיכטראט פונ סטראכיר־געזעלשאפטנ... מיט איינ ווארט, ס'איז קיינ שומ ספעק ניט, אז וואס מער עס וואקסט דער מאסשטאב אונ די פארשיידנארטיקײַט פונ זייערע אפעראציעס, ווערט אלצ גרעסער די ארבעט־צעטיילונג צווישנ די אנפירער אינ די גרויסע בענק, וואס האט דעמ ציל (אונ דעמ רעזולטאט) עטוואס אופצוהייבנ זיי, אזוי צו זאגנ, העכער פונ די ריינע באנק־געשעפטנ, מאכנ זיי פאר מער פייִק צו באהאנדלענ אונ בעסער צו פארשטיינ אנ אויסעק אינ די אלגעמיינע פראגנ פונ אינדוסטריע אונ אינ ספעציעלע פראגנ פונ איינצלנע אינדוסטריע־צווײַגנ, צוגרייטנ זיי צו קאנענ ארבעטנ אינ געביט פונ דער אינדוסטריעלער ווירקונג־ספערע פונ באנק. צו דער דאזיקער סיסטעמ פונ די בענק קומט נאכ צו די שטרעבונג אויס־צוקלײַבנ אינ זייערע אופזיכטראטנ מענטשנ, וואס זײַנענ גוט באקאנט מיט דער אינ־דוסטריע, אונטערנעמער, געוועזענע באאמטע, באזונדערס אזעלכע, וואס האבנ גע־דינט אינ דעמ אײַזנבאנ־אמט, בארג־אמט" אאוו.

אינסטיטוציעס פונ זעלביקן מין געפינען מיר איגעם פראנצויזישן באנק־וועזן, נאָר עטוואָס אין אן אנדער פאָרם. למשל, איינער פון די דרײַ גרעסטע פראנצויזישע בענק, „ליאָנער קרעדיט", האָט אָרגאניזירט בא זיך א באזונדערע „אָפּטיילונג צו זאמלען פינאנציעלע ידיעס" (servi-ce des études financières). אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג ארבעטן שטענ־דיק העכער 50 מאן אינזשעניערן, סטאטיסטיקער, עקאָנאָמיסטן, יוריסטן אאוו. זי קאָסט אָפּ פון 6 ביז 7 הונדערט טויזנט פראנק א יאָר. די אָפּ־טיילונג איז אײַנגעטיילט אָפּ 8 אָפּטיילן: איינער זאמלט ידיעס ספּעציעל וועגן אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, דער צווייטער שטודירט די אלגעמײ־נע סטאטיסטיק, דער דריטער — די אײַזנבאן־און דאמפער־געזעלשאפטן, דער פערטער — די פאָנדן, דער פינפטער — די פינאנץ-באריכטן אאוו.

עס באקומט זיך, פון איין זײַט, אלץ א גרעסערע צונויפגיסונג אָדער, ווי ס'האָט זיך געלונגען אויסצודריקן נ. אי. בוכארין, א צונויפוואקסונג פונעם באנק־קאפיטאל מיטן אינדוסטריעלן קאפיטאל, און, פון דער אנדע־רער זײַט, באמערקן מיר, אז די בענק וואקסן אריבער אין אינסטיטוציעס מיט א בעעמעס „אוניווערסאלן כאראקטער". מיר האלטן פאר נייטיק צו ברענגען וועגן דער דאָזיקער פראגע די פּינקטלעכע אויסדרוקן בא איי־דעלסן, — א שרײַבער, וואָס האָט בעסער פון אלעמען שטודירט דעם איניען:

„אלס רעזולטאט פו באטראכטנ די אינדוסטריעלע באציִונגענ אינ זייער גאנצנ קאמפלעקס, באקומענ מיר דעמ אוניווערסאלנ כאראקטער פונ די פי־נאנצ־אינסטיטוטנ, וואס ארבעטנ פאר דער אינדוסטריע לעהיופענ צו די איבעריקע

פאַרמעגנ פונ די בענק, לעהיופּנ צו די פאָדערונגענ, וואָס ווערנ אָפּט אַרויסגעשטעלט אינ דער ליטעראַטור, אַז די בענק דאַרפנ זיכ ספּעציאַליזירנ אינ א באַשטימטנ געשעפטנ־געביט אָדער אינדוסטריע־צווײַג, קעדיי ניט פאַרלירנ דעמ באָדנ אונטער די פיס, — שטרעבנ די גרויסע בענק צו מאַכנ ווי ווײַט מעגלעכ פאַרשיידנאַרטיקער, לויטנ אָרט אונ לויטנ מינ פּראָדוקציע, זייערע פאַרבינדונגענ מיט די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ, זיי באַמיִענ זיכ צו באַזײַטיקנ די נישגלײַכמעסיקײַטנ אינ דער פאַר־טיילונג פונעמ קאַפּיטאַל צווישנ איינצלנע געגנטנ אָדער אינדוסטריע־צווײַגנ, וואָס לאָזנ זיכ דערקלערנ פונ דער געשיכטע פונ איינצלנע אונטערנעמונגענ". „איינ טענדענצ באַשטייט אינ דעמ, אַז די פאַרבינדונג מיט דער אינדוסטריע זאָל ווערנ אַנ אַלגעמיינע דערשײַנונג; די צווייטע — אינ דעמ, אַז די דאָזיקע פאַרבינדונג זאָל ווערנ פעסט אונ אינטענסיוו: די ביידע טענדענצנ זײַנענ אינ די זעקס גרויסע בענק פאַרווירק־לעכט ניט פולשטענדיק, אָבער שוינ אינ א באַדײַטנדיקנ מאַסשטאַב אונ אינ א גלײַ־כער מאָס".

**מיצאַד די האַנדל־אינדוסטריעלע קרײַזנ קאָנ מענ אָפטמאָל הערנ אָנ־קלאַגעס אָפנ „טעראָריזמ" פונ די בענק. אונ עס איז גאָר קיינ וווּנ־דער ניט, וואָס עס לאָזנ זיכ הערנ אַזעלכע אָנקלאַגעס דאַנ, ווענ די גרוי־סע בענק „קאָמאַנדעווענ" אַזוי, ווי עס באַווײַזט פאָלגנדיקער בײַשפּיל. דעמ 19־טנ נאָיאַבער 1901 יאָר האָט זיכ איינער פונ די אַזויגערופענע בערלי־נער „ד" בענק (די נעמענ פונ די פיר גרעסטע בענק הייבנ זיכ אָנ מיט א „ד")* געווענדט צו דער פאַרוואַלטונג פונ דעמ „צאָפנ־מײַרעוודיקנ מיטל־דײַטשישנ צעמענט־סינדיקאַט" מיט אַזא בריוו:**

„פונ דער מיטיילונג, וואָס איר האָט פאַרעפנטלעכט דעמ 18־טנ דעמ כוידעש אינ דער אונ דער צײַטונג, איז קענטיק, אַז מיר מוזנ זיכ רעכענענ מיט דער מעג־לעכקײַט, אַז אויפ דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פונ אײַער סינדיקאַט, וואָס דאַרפ פאָרקומענ דעמ 30־טנ דעמ כוידעש, וועלנ אָנגענומענ ווערנ באַשלוסנ, וואָס קאָנענ ברענגענ אינ אײַער אונטערנעמונג צו אַזעלכע ענדערונגענ, וועלכע זײַנענ פאַר אונדז ניט אָננעמבאַר. דעריבער זײַנענ מיר, צו אונדזער טיפנ באַדויערנ, געצוווּנגענ אָפּצו־שטעלנ אײַכ דעמ קרעדיט, וועלכנ איר האָט געהאַט... נאָר אויב אויפ דער דאָזיקער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג וועלנ ניט אָנגענומענ ווערנ אַזעלכע פאַר אונדז ניט אָננעמ־באַרע באַשלוסנ, אונ אויב עס וועלנ אונדז אינ דעמ פראַט געגעבנ ווערנ די געהעי־ריקע גאַראַנטיעס אויפ ווײַטער, זײַנענ מיר גרייט אָנצוהייבנ אונטערהאַנדלונגענ וועגנ עפענענ אײַכ נײַעמ קרעדיט".

**אינ טאָכ זײַנענ דאָס די זעלבע טײַנעס פונעמ קליינ־קאַפּיטאַל קעגנ דעמ דרוק פונעמ גרויס־קאַפּיטאַל, נאָר אינ דער קאַטעגאָריע „קליינע" איז דאָ אַרײַנגעפאַלנ א גאַנצער סינדיקאַט! דער אַלטער קאַמפ**

* „דײַטשישער באַנק", „דיסקאָנטאָ־געזעלשאַפט", „דרעזדענער באַנק" אונ „דאַ־רמשטעטער באַנק". ר ע ד.

צווישן דעם קליין-קאפּיטאל און גרויס-קאפּיטאל ווערט באַנײַט אף א נײַער, אומגעהייער העכערער אנטוויקלונג-שטופע. ס'פארשטייט זיך, אז די מיליאַרד-אונטערנעמונגען פון די גרויסע בענק קאָנען אויך דעם טעכנישן פּראָגרעס שטויסן פאָרויס מיט מיטלען, וועלכע קאָנען אין קיין שום פארגלײַך ניט גיין מיט די פריערדיקע. די בענק גרינדן, למשל, ספּעציעלע געזעלשאַפטן פאר טעכנישע אויספאָרשונגען, און די רעזולטאטן פון די דאָזיקע אויספאָרשונגען נוצן, פארשטייט זיך, אויס בלויז די „פרײַנט-לעכע" אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. אהער געהערן די „געזעלשאפט צו שטודירן די פראגע וועגן עלעקטרישע אײַזנבאנען", די „צענטראלע ביוראָ פאר וויסנשאפט-טעכנישע פאָרשונגען" אדג.

די אָנפירער גופא פון די גרויסע בענק קאָנען ניט ניט אײַנזען, אז עס בילדן זיך אויס עפּעס נײַע באדינגונגען פאר דער פאָלקווירטשאפט, אָבער זיי זײַנען הילפלאָז קעגן דעם:

„ווער ס'האט די לעצטע יארן זיך צוגעקוקט, — שרייבט איידזעלס, — צו דעם, ווי עס בײַטן זיך די פערזאנען אף די שטעלעס פון דירעקטארס און פון מיטגלידער אין די אויפזיכטסראטן פון די גרויסע בענק, יענער האט ניט געקאנט ניט באמערקן, ווי די מאכט גייט איבער בהדרגה אין די הענט צו פערזאנען, וואס האלטן פאר א נייטיקער און אלץ מער דרינגענדיקער אויפגאבע פון די גרויסע בענק אקטיוו זיך אריינמישן אין דער אלגעמיינער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע. דערבײַ אנטוויקלט זיך צווישן די דאזיקע פערזאנען מיט די אלטע באנקדירעקטארס א מיינונגס-פארשיידנהייט אפן געשעפט-באדן און אפטמאל אויך אפן פערזענלעכן באדן. דא האנדלט זיך, אייגנטלעך, וועגן דעם, צי לײַדן ניט די בענק, ווי קרעדיט-אנשטאלטן, הערפון, וואס זיי מישן זיך אריין אין אינדוסטריעלן פּראָצעס פון דער פּראָדוקציע, צי ברענגט מען ניט פאר א קארבן די סאלידע פּרינציפּן און דעם זיכערן רעווח צוליב אזא טעטיקייט, וועלכע האט קיין שום שייכות ניט צו פארמיטלערן אין אייגענע פון קרעדיט-שאפן און וואס פארפירט דעם באנק אין אזא געביט, וווּ ער איז נאך מער ווי פריער אונטערגעווארפן דער בלינדער הערשאפט פון דער אינדוסטריעלער קאָניונקטור. אזוי מיינען א סאך פון די אלטע באנק-אנפירער, און דאקעגן יונגע ווידער האלטן די אקטיווע אריינמישונג אין די פראגן פון אינדוסטריע פאר פונקט אזוי נויטווענדיק, ווי דאס, וואס האט ארויסגערופן צום לעבן צוזאמען מיט דער איצטיקער גרויס-אינדוסטריע אויך די גרויסע בענק און דאס נײַסטע אינדוסטריעלע באנק-וועזן. אין איין זאך נאר גייען זיך צונויף די ביידע צדדים, אז פאר דער נײַער טעטיקייט פון די גרויסע בענק זײַנען ניטא קיין פעסטע פּרינציפּן, ניטא קיין קאָנקרעטער ציל".

דער אלטער קאפּיטאליזם האָט אָפּגעלעבט זײַן צײַט. דער נײַער — איז אן איבערגאנג צו עפּעס. געפינען „פעסטע פּרינציפּן און א קאָנקרעטן ציל", קעדיי „מאכן א פשרה" צווישן דער מאָנאָפּאָליע און דער פרײַער קאָנקורענץ, איז, פארשטייט זיך, א האָפענונגלאָזער איניען. די אנערקענונג פון

די פראקטיקער קלינגט גאר אנדערש, איידער די אפיציעלע ליב-געזאנגען פון די אפאלאגעטן פונעם „ארגאניזירטן“ קאפיטאליזם, ווי שולצע־געווערניץ, ליפמאן און נאך אזעלכע „טעארעטיקער“.

אף דער וויכטיקער פראגע וועגן דעם, צו וועלכער צייט עס באציט זיך דאס ענדגילטיקע איינשטעלן די „נייע טעטיקייט“ פון די גרויסע בענק, געפינען מיר א גאנץ גענויעם ענטפער בא איידעלסן:

„די פארבינדונגען צווישן די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, מיט זייער נייעם אינהאלט, מיט די נייע פארמען, נייע ארגאנען, נעמלעך: ניט די גרויסע בענק, וואס זיינען גלייכצייטיק ארגאניזירט סיי צענטראליסטיש סיי דעצענטראליסטיש, בילדן זיך אויס אלס כאראקטעריסטישע פאלקווירטשאפטלעכע דערשיינונג קוים פריער ווי אין די 1890־ער יארן; אין א געוויסן זין קאן מען אפילו אפרוקן דעם דאזיקן אנהייב־פונקט ביזן 1897 יאר, מיט זיינע גרויסע „צונויפגיסונגען“ פון אונטערנעמונגען, וואס פירן צום ערשטן מאל אריין א נייע פארעם פון דעצענטראליזירטער ארגאניזאציע צוליב מאטיוון פון דער אינדוסטריעלער פאליטיק פון די בענק. דער דאזיקער אנהייב־פונקט קאן, עפשער, אפגערוקט ווערן נאך ווייטער, ווייל ערשט דער קריזיס פון 1900 יאר האט גיגאנטיש פארגיכערט דעם קאנצענטראציע־פראצעס סיי אין דער אינדוסטריע סיי אין דעם באנק־וועזן, ער האט פארפעסטיקט דעם דאזיקן פראצעס, ער האט צום ערשטן מאל פארוואנדלט די באציונגען מיט דער אינדוסטריע אין אן עמעסער מאנאפאליע פון די גרויסע בענק, ער האט די דאזיקע באציונגען געמאכט א סאך ענגער און אינטענסיווער“.

אלזא, דער XX יארהונדערט איז דער ווענדפונקט פונעם אלטן צום נייעם קאפיטאליזם, פון דער הערשאפט פונעם קאפיטאל ביכלאל צו דער הערשאפט פונעם פינאנץ־קאפיטאל.

## III. דער פינאנץ־קאפיטאל און די פינאנץ-אליגארכיע

„עס האלט אין וואקסן דער טייל אינדוסטריעלער קאפיטאל, — שרייבט הילפערדינג, — וואס געהערט ניט צו יענע אינדוסטריעלער, וועלכע פארווענדן אים. זיי באקומען אין זייער רעשות דעם קאפיטאל נאר דורך דער פארמיטלונג פונעם באנק, וועלכער רעפרעזענטירט בענוגיע צו זיי די אייגנטימער פון דעם דאזיקן קאפיטאל. פון דער אנדערער זייט, קומט דעם באנק אויך אויס צו באפעסטיקן אין דער אינדוסטריע אלץ א גרעסערן טייל פון זיין קאפיטאל. אדאנק דעם ווערט ער אלץ אין א גרעסערער מאס אן אינדוסטריעלער קאפיטאליסט. אזא באנק־קאפיטאל, — דה. א קאפיטאל אין געלט־פארעם, — וואס ווערט אף אזא אופן אין דער ווירקלעכקייט פארוואנדלט אין אינדוסטריע־קאפיטאל, רוף איך אן פינאנץ־קאפיטאל“. „דער פינאנץ־קאפיטאל איז א קאפיטאל, וואס געפינט זיך אין רעשות פון די בענק און ווערט פארווענדט פון די אינדוסטריעלער“.

די דאזיקע דעפיניציע איז ניט קיין פולע, אף וויפל עס איז אין איר ניט פאראן קיין אנווייזונג אף איינעם פון די סאמע וויכטיקע מאמענטן,

נעמלעך: אפ דעם וווּקס פון דער קאָנצענטראציע פון דער פּראָדוקציע און פונעם קאַפּיטאַל אין אזא שטאַרקער מאָס, אז די קאָנצענטראציע ברענגט און האָט געבראַכט צו מאָנאָפּאָליע. נאָר ביכלאַל אינעם גאַנצן בוך בא הילפערדינג, און ביפראַט אין די צוויי קאַפּיטלען, וועלכע גייען פאַר דעם קאַפּיטל, פונוואַנען עס איז גענומען די דאָזיקע דעפיניציע, — ווערט אונטערגעשטראָכן די ראָליע פון די קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָליעס.

די קאָנצענטראציע פון דער פּראָדוקציע; די מאָנאָפּאָליעס, וואָס וואַקסן פון איר אַרויס; די צונויפגיסונג אָדער צונויפוואַקסונג פון די בענק מיט דער אינדוסטריע — אָט דאָס איז די אַנטשטייונג-געשיכטע פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל און דער אינהאַלט פון דעם דאָזיקן באַגריף.

מיר דאַרפן איצט איבערגיין צו באַשרייבן, וויאַזוי דאָס „באַלעבאַטעווען" פון די קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָליעס ווערט, אין דער אַלגעמיינער סוויווע פון סכוירע־פּראָדוקציע און פון פּריוואַט-אייגנטום, אומפאַרמיידלעך פאַרוואַנדלט אין א הערשאַפט פון דער פינאַנץ-אָליגאַרכיע. לאָמיר באַמערקן, אז די פאָרשטייער פון דער בורזשואַזער דייטשישער — און ניט נאָר דייטשישער — וויסנשאַפט, ווי ריסער, שולצע-געווערניץ, ליפמאַן און אַנד. זיינען דורכויס אַפּאָלאָגעטן פונעם אימפּעריאַליזם און פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל. ניט זיי דעקן אויף, נאָר זיי פאַרשמירן און פוצן צו די „מעכאַניק" פון דער אויסבילדונג פון דער אָליגאַרכיע, אירע מעטאָדן, די גרייס פון אירע האַכנאָסעס, „קאָשערע און טרייפע", אירע פאַרבינדונגען מיט די פּאַרלאַמענטן אדג. אאוו. די „פאַרשאָלטענע פראַגן" פּאַטערן זיי אָפּ מיט הויכע, אומקלאָרע פראַזן, מיט אַפּעלירן צום „אַכרייעס-געפיל" פון די באַנק־דירעקטערס, מיט לויבן דאָס „פליכט־געפיל" פון די פּרייסישע באַאַמטע, מיט אַן ערנסטן אַנאַליזירן קליינקייטן פון די גאָר ניט ערנסטע געזעצ-פּראָיעקטן וועגן „אויפזיכט", „רעגלאַמענטאַציע", מיט טעאָרעטישער קינדער־שפּיל, ווי לעמאָשל, אזא מין „וויסנשאַפטלעכע" דעפיניציע, צו וועלכער עס האָט זיך דערעדט דער פּראָפעסער ליפמאַן: „...דער האַנדל איז א געווערב־טעטיקייט, וואָס איז געווענדט אפ זאַמלען גיטער, אייַנהיטן זיי, איבערגעבן זיי אין רעשוס" (דער קורסיוו און דער פעטער שריפט זיינען פאַראַן אינעם פּראָפּעסערס ווערק)... ס׳קומט אויס, אז דער האַנדל האָט עקזיסטירט בא דעם אורמענטשן, וועלכער האָט נאָך ניט געוווּסט פון קיין אויסטויש, און ער וועט עקזיסטירן אויך אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט!

נאָר די גרויזאַמע פאַקטן פון דער גרויזאַמער הערשאַפט פון דער פי-

נאַנץ־אָליגאַרכיע וואַרפֿן זיך אַפּ אַזויפֿיל אין די אויגן, אַז אין אַלע קאַפּי־טאַליסטישע לענדער, סײַ אין אַמעריקע סײַ אין פֿראַנקרײַך סײַ אין דײַטש־לאַנד, איז אויפֿגעקומען אַ ליטעראַטור, וואָס שטייט אַפּ אַ בורזשואַזן שטאַנדפּונקט און וואָס גיט פֿונדעסטוועגן אַ לעפּיערעך עמעסדיק בילד און — פֿאַרשטייט זיך, אַ קלײנבירגערלעכע — קריטיק פֿון דער פֿינאַנץ־אָלי־גאַרכיע.

אַפֿן ערשטן אָרט דאַרף מען אַרויסשטעלן יענע „סיסטעם פֿון באַטיי־ליקונג“, וועגן וועלכער עס איז שוין אויבן געווען געזאָגט אַ פּאָר ווער־טער. אָט ווי עס באַשרײַבט דעם טאָך פֿון דעם איינער דער דײַטשישער עקאָנאָמיסט הײמאַן, וועלכער האָט שיר ניט פֿריער פֿאַר אַנדערע געווענדט אַפּ איר אויפֿמערקזאַמקײַט:

„דער אָנפֿירער קאָנטראָלירט די גרונט־געזעלשאַפֿט (בוכשטעבלעך: „די מוטער־געזעלשאַפֿט“); זי, פֿון איר זײַט, הערשט איבער געזעלשאַפֿטן, וואָס הענגען אָפּ פֿון איר („טעכטער־געזעלשאַפֿטן“); זיי — איבער „איניקלעך־געזעלשאַפֿטן“ אאַוו.

אַפּ אַזאַ אויפֿן קאָן מען, פֿאַרמאָגנדיק ניט גאָר קיין גרויסן קאַפּיטאַל, הערשן איבער גיגאַנטישע פּראָדוקציע־געביטן. אינדערעמעסן, אויב פֿאַר־מאָגן 50 פּראָצ. פֿונעם קאַפּיטאַל איז שטענדיק גענוג צו קאָנטראָלירן אַן אַקציאָנערע געזעלשאַפֿט, דאַרף דער אָנפֿירער פֿאַרמאָגן סאַך־הכּל איין מי־ליאָן, כדי ער זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן 8 מיליאָן קאַ־פּיטאַל בײַ די „איניקלעך־געזעלשאַפֿטן“. און אויב אָט דער „איבערפֿלעכט“ גייט נאָך ווײַטער, קאָן מען מיט 1 מיליאָן קאָנטראָלירן 16 מיליאָן, 32 מיליאָן אאַוו.

אינדערעמעסן באַווײַזט די דערפֿאַרונג, אַז ס'איז גענוג צו פֿאַרמאָגן 40 % אַקציעס, כדי צו זײַן באַלעבאָס איבער דער גאַנצער אַקציע־געזעל־שאַפֿט, ווײַל אַ געוויסער טייל צעבראָקלטע, קליינע אַקציאָנערן האָבן ניט פּראַקטיש קיין שום מעגלעכקייט צו באַטייליקן זיך אין די אַלגעמיינע פֿאַר־זאַמלונגען אאַוו. די „דעמאָקראַטיזירונג“ פֿון אַקציעס־באַזיץ, פֿון וועלכער די בורזשואַזע סאָפֿיסטן און די אָפּאָרטוניסטישע „אויך־מיר־סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן“ דערוואַרטן (אָדער פֿאַרזיכערן, אַז זיי דערוואַרטן), אַז זי זאָל „דע־מאָקראַטיזירן דעם קאַפּיטאַל“, פֿאַרשטאַרקן די ראָליע און דעם באַטײַט פֿון דער קליין־פּראָדוקציע אדג., איז אינדערעמעסן נאָר איינס פֿון די מיטלען צו פֿאַרשטאַרקן די מאַכט פֿון דער פֿינאַנץ־אָליגאַרכיע. אגעוו, דעריבער דערלויבט די געזעצגעבונג אין די מער פֿאָרגעשריטענע אָדער אין עלטע־רע און „געניטערע“ קאַפּיטאַליסטישע לענדער אַרויסצולאָזן אויך קלענערע אַקציעס. אין דײַטשלאַנד דערלויבט ניט דער געזעץ קיין אַקציעס קלענער

פונ 1000 מארק, אונ די דײַטשישע פינאנצ-מאגנאטנ קוקנ מיט קינע אפ ענגלאנד, ווו דער געזעצ דערלויבט אקציעס אפילע צו איינ פונט סטער-לינג (=20 מארק, אנערעכ 10 רובל). איינער פונ די גרעסטע אינדוסטריע-לער אונ „פינאנצ-קיניגנ" פונ דײַטשלאנד, סימענס, האָט דעמ 7-טנ יונ 1900 יאָר דערקלערט אינ רײַכסטאג, אז „די אקציע פונ איינ פונט סטער-לינג איז דער יעסאָד פונעמ בריטישנ אימפעריאליזמ". בא דעמ דאָזיקנ סויכער איז צו באמערקנ א טיפערע, מער „מארקסיסטישע" באנעמונג פונ דעמ, וואָס עס איז אזוינס אימפעריאליזמ, איידער בא א געוויסנ ניט-אָנ-שטענדיקנ שרײַבער, וועלכנ מע האלט פאר דעמ גרינדער פונ דעמ רוסישנ מארקסיזמ* אונ וועלכער מיינט, אז דער אימפעריאליזמ איז א מיִעסע אייגנ-שאפט בא איינעמ פונ די פעלקער...

נאָר די „סיסטעמ פונ באטייליקונג", ניט נאָר זי דינט צו פארגרעסערנ גיגאנטיש די מאכט פונ די מאָנאָפּאָליסטנ, נאָר זי גיט נאָכ, אכוצ דעמ, א מעגלעכקײַט אומבאשטראָפט אָפּצוטאָנ קאָלערליי טונקעלע אונ שמוציקע געשעפטנ אונ צו באנעמענ דעמ עולעמ, ווײַל די אָנפירער פונ דער „מו-טער-געזעלשאפט" זײַנענ פאָרמעל, לויטנ געזעצ, ניט פאראנטוואָרטלעכ פאר דער „טאָכטער-געזעלשאפט", וועלכע איז פארעכנט פאר א „זעלבשטענדיקער" אונ ד ו ר כ וועלכער מע קאָנ א ל צ „דורכפירנ". אָט איז א בײַשפּיל, וואָס מיר נעמענ פונ דעמ מײַ-ביכל פונעמ דײַטשישנ זשורנאל „באנק", פונ 1914 יאָר:

„די „אקציע-געזעלשאפט פונ רעסאָרנ-שטאל" אינ קאסעל האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק זיכ גערעכנט פאר איינער פונ די סאמע האכנאָסעדיקע אונטערנעמונגענ אינ דײַטשלאנד. די שלעכטע פארוואלטונג האָט אבער געבראכט צו דעמ, אז די דיווידענדנ זײַנענ פונ 15% געפאלנ ביז 0%. ווי ס'האָט זיכ ארויסגעוויזנ, האָט די פארוואלטונג אָנעמ וויסנ פונ די אקציאָנערנ געגעבנ א הלוואה פונ 6 מ י ל י אָ נ מ א ר ק איינער פונ אירע „טעכטער-געזעלשאפטנ" „האסיא", וואָס איר נאמינעלער קאפיטאל איז באשטאנענ סאכאקל פונ עטלעכע הונדערט טויזנט מארק. וועגנ דער דאָזיקער הלוואה, וועלכע איז קימאט דרײַ מאָל גרעסער פארנ אקציענ-קאפיטאל פונ דער „מוטער-געזעלשאפט", איז אינ אירע באלאנסנ קיינ איינ וואָרט ניט געווענ; יורידיש איז אזא פארשווײַגנ געווענ פולקומ געזעצלעכ אונ האָט געקאָנט דויערנ גאנצע צוויי יאָר, ווײַל דערמיט האָט מענ ניט אויוועלנ גענויער אפ קיינ איינ פאראגראפ פונ דער האנדל-געזעצגעבונג. דער פארזיצער פונעמ אויפזיכטראט, וואָס פלעגט, אלס פאר-אנטוואָרטלעכע פערזאָנ, אונטערשרײַבנ די פאלשע באלאנסנ, איז געווענ אונ געבליבנ פארזיצער פונ דער קאסעלער האנדל-קאמער. די אקציאָנערנ האבנ זיכ דערוווּסט פונ דער הלוואה פאר דער געזעלשאפט „האסיא" ערשט אינ א צײַט ארומ נאָכ דעמ,

* עס ווערט געמיינט ג. וו. פּליעכאנאָוו. רעד.

ווי ס'האט זיכ ארויסגעוויזנ, אז דאס איז געווענ „א טאעס“... (דאס דאזיקע ווארט וואלט דער מעבאבער געדארפט נעמענ אינ פּיסלעכ) ...„אונ ווענ דער פּרייז אפּ די אקציעס פונ „רעסארג־שטאל“ איז געפאלנ אנערעכ אפּ 100% איבער דעמ, וואס די, וועלכע האבנ געוווּסט פונ דער מניסע, האבנ אנגעהויבנ פארקויפנ די אקציעס...

„...אט דיזער טיפּישער בײַשפּיל פונ עקוויליבריסטיק מיט באלאנסנ, וואס איז א גאנצ געוויינלעכע זאכ בא די אקציע־געזעלשאפטנ, דערקלערט אונדז, פארוואס די פארוואלטונגענ פונ די אקציענ־געזעלשאפטנ נעמענ זיכ מיט א סאכ א גרינגערנ געמיט צו ריזיקאלישע געשעפטנ, איידער פּריוואטע אונטערנעמער. די נײַסטע טעכניק פונ מאכנ באלאנסנ גיט זיי די מעגלעכקײַט ניט בלויז אויסצובאהאלטנ די ריזיקאלישע געשעפטנ פונעמ דורכשניט־לעכנ אקציאנער, נאר זי דערלאזט, אז די הויפּט־פארינטערעסירטע פּערזאנענ זאלנ אראפּווארפנ פונ זיכ די פאראנטווארטלעכקײַט דורכ דעמ, וואס זיי פארקויפנ בא־צײַטנס די אקציעס, אויב דער עקספּערימענט גיט זיכ ניט אײַנ, אינ דער צײַט, ווענ דער פּריוואטער אונטערנעמער מוז מיט זײַנ אייגענער פעל ענטפערנ פאר אלצ, וואס ער טוט...“

„די באלאנסנ פונ פיל אקציענ־געזעלשאפטנ זײַנענ ענלעכ צו יענע פּאלימפּ־סעסטנ, וואס זײַנענ באוווּסט פונ דער מיטלאלטער־עפּאכע, אפּ וועלכע מע האט צו־ערשט געדארפט אפּרײַבנ דאס אנגעשריבענע, קעדיי אויסצוגעפינענ די צייכנס, וואס שטייענ אונטער זיי אונ וואס גיבנ איבער דעמ עמעסנ אינהאלט פונעמ מאנוסקריפּט“.
(פּאלימפּסעסטנ — דאס איז פּארמעט, וואס דער גרונט־טעקסט איז פונ אימ אפּ־געמעקט אונ אפנ אפּגעמעקטנ איז אנגעשריבנ עפּעס אנדערעס).

„דאס סאמע פּאשעטע אונ העריבער דאס סאמע אנגענומענע מיטל צו מאכנ די באלאנסנ פאר אומדורכדרינגלעכ באשטייט אינ דעמ, וואס מע צעטיילט אנ איינהײַט־לעכע אונטערנעמונג אפּ עטלעכע טיילנ דורכ גרינדנ „טעכטער־געזעלשאפטנ“ אדער דורכ פארייניקנ אזעלכע צו דער אונטערנעמונג. די נוצנ פונ אזא סיסטעמ זײַנענ פונ שטאנדפּונקט פונ פארשיידענע צוועקנ — געזעצלעכע אונ ניט געזעצלעכע — אזוי באשײַמפּערלעכ, אז בא הײַנטיקער צײַט זײַנענ מאמעש אנ אויסנאמ אזעלכע גרויסע געזעלשאפטנ, וואס זאלנ ניט האבנ אנגענומענ די דאזיקע סיסטעמ“.

**ווי א בײַשפּיל פונ דער גרעסטער אונ מאָנאָפּאָליסטישער געזעלשאפט, וואָס ווענדט אָנ אפנ ברייטסטנ אויפנ די דאָזיקע סיסטעמ, רופט דער אווּ־טער אָנ די בארימטע „אלגעמיינע עלעקטרע-געזעלשאפט“ (.A.E.G, וועגנ איר וועלנ מיר נאָכ ריידנ ווײַטער). אינ 1912 יאָר האָט מענ געהאלטנ, אז די דאָזיקע געזעלשאפט נעמט אָנטייל אינ 175 — 200 געזעלשאפטנ, איבער וועלכע זי הערשט, פארשטייט זיכ, אונ אז זי נעמט ארומ אײַנגאנצנ א קא־פּיטאל ארומ $1\frac{1}{2}$ מיליארד מארק.**

**די אלערליי קלאָלימ פונ קאָנטראָל, פונ פארעפנטלעכנ די באלאנסנ, פונ אויסארבעטנ פאר זיי א באשטימטע סכעמע, פונ אײַנאָרדענענ אנ אופּ־זיכט אדג., וואָס דערמיט צינענ אָפּ די ערלעכע פּראָפעסאָרנ אונ באאמטע — דאָס הייסט, די, וואָס האָבנ דעמ ערלעכנ מיינ צו פארטיידיקנ אונ פארפּוצנ**

דעם קאפיטאליזם — ציִען אָפּ די אופמערקזאמקײַט באם אוילעם, זיי קאָנען דאָ קיין שום באטײַט ניט האָבן. ווײַל דאָס פּריוואט־אייגנטום איז הייליק, און מע קאָן קיינעם ניט פארווערן צו קויפן, פארקויפן, אויסבײַטן אקציעס, פארמאשקענען זיי אאוו.

וועגן דעם, צו וואָס פאר א פארנעם עס האָט דערגרייכט די „סיסטעם פון באטייליקונג" אין די רוסישע גרויסע בענק, קאָן מען באקומען א באגריף פון די אָנגאבן, וואָס עס גיט איבער יע. אגאד, וועלכער איז 15 יאָר געווען א באאמטער אין דעם „רוסיש־כינעזישן באנק" און האָט אין מײַ 1914 יאָר ארויסגעלאָזט א ווערק מיט ניט קיין גאנץ פּינקטלעכן נאָמען: „די גרויסע בענק און דער אלוועלטלעכער מארק". דער אווטער טיילט איין די גרויסע רוסישע בענק אין צוויי גרונט־גרופּעס: א) אזעלכע, וואָס ארבעטן לויט „דער סיסטעם פון באטייליקונג", און ב) „אומאָפּהענגיקע", — און אונטערן וואָרט „אומאָפּהענגיקע" געפעלט אים צו פארשטיין די אומאָפּהענגיקײַט לעגאבע אויסלענדישע בענק; די ערשטע גרופּע טיילט דער אווטער איין אין דרײַ אונטער־גרופּעס: 1) דײַטשישע 2) ענגלישע און 3) פראנצויזישע באטייליקונג, האָבנדיק אין אויג די „באטייליקונג" און די הערשאפט פון די גרעסטע אויסלענדישע בענק פון דער אנטשפּרעכיקער נאציאָנאליטעט. די קאפּיטאלן פון די בענק טיילט דער אווטער איין אין אזעלכע, וואָס זײַנען פארטאָן „פּראָדוקטיוו" (אין האנדל און אין אינדוסטריע), און אין אזעלכע, וואָס זײַנען פארטאָן „ספּעקוליאטיוו" (אין בירזשע־ און פינאנץ־אָפּעראציעס); פון דעם קליינבירגערלעך־רעפאָרמיסטישן שטאנדפּונקט, וואָס איז פאר אים אייגנטימלעך, מיינט ער, אז ס'איז קלוימערשט מעגלעך, אײַנהיטנדיק דעם קאפּיטאליזם, אָפּטיילן דעם ערשטן מין קאפּיטאל־אָנווענדונג פון דעם צווייטן און צו באזײַטיקן דעם צווייטן מין.

דעם אווטערס אָנגאבן זײַנען אזעלכע:

דער אקטיוו פון די בענק (לויט די באריכטן פאר אָקטיאבער — נאָיאבער 1913 יאָר) אין מיליאָנען רובל

| גרופּעס רוסישע בענק: | די קאפּיטאלן, וואָס ווערן פארטאָן: פּראָדוקטיוו | ספּעקוליאטיוו | סאכאקל |
|---|---|---|---|
| א 1) 4 בענק: „ס.־פּעטערבורגער האנדל־באנק", „רוסישער", „צווישנפעלקערלעכער" און „דיסקאָנט־באנק" . . . . . . . . | 413,7 | 859,1 | 1 272,8 |
| א 2) 2 בענק: „האנדל־אינדוסטריעלער" און „רוסיש־ענגלישער" . . . . . . . . | 239,3 | 169,1 | 408,4 |

| | | | |
|---|---|---|---|
| א 3) 5 בענק: „רוסיש־אַזיאַטישער", „ס.־פּעטערבורגער פּריוואַטער", „אַזאָוו־דאָנער", „מאָסקווער אוניאָן", „רוסיש־פראַנצויזישער האנדל־באַנק" . . . . . . . . . . . | 711,8 | 661,2 | 1 373,0 |
| 11) בענק) סאַכאַקל . . . א = | 1 364,8 | 1689,4 | 3 054,2 |
| ב) 8 בענק: „מאָסקווער סאָכרים־באַנק"; „וואָלגע־קאַמער"; „יונקער עט קאָמפּ."; „ס.־פּעטערבורגער האנדל־באַנק", געוועזענער וואַוועלבערג; „מאָסקווער", געוועזענער ריאַבושינסקיס באַנק; „מאָסקווער דיסקאָנט־באַנק"; „מאָסקווער האנדל־באַנק" און „מאָסקווער פּריוואַטער באַנק" . . . . . . . . . . . | 504,2 | 391,1 | 895,3 |
| 19) בענק) סאַכאַקל . . . . . | 1 869,0 | 2 080,5 | 3 949,5 |

לויט די דאָזיקע אָנגאַבן קומט אויס, אַז פֿון די קימאַט 4 מיליאַרד רובל, וואָס בילדן דעם „אַרבעטנדיקן" קאַפּיטאַל פֿון די גרויסע בענק, פֿאַלט העכער $^{3}/_{4}$, העכער 3 מיליאַרד, אָפּן כיילעק פֿון די בענק, וואָס זײַנען אייגנטלעך „טעכטער־געזעלשאַפֿטן" פֿון אויסלענדישע בענק, פֿריִער פֿאַר אַלץ פֿון די פּאַריזשער (דער בארימטער באַנק־טריאָ: „פּאַריזשער פֿאַר־באַנד"; „פּאַריזשער און נידערלענדישער באַנק"; די „גענעראַל־געזעלשאַפֿט") און פֿון די בערלינער (באַזונדערס דער „דײַטשישער באַנק" און די „דיס־קאָנט־געזעלשאַפֿט"). די צוויי גרעסטע רוסישע בענק, דער „רוסישער" („רוסישער באַנק פֿאַר אויסערלעכן האנדל") און „צווישנפֿעלקערלעכער" („ס.־פּעטערבורגער צווישנפֿעלקערלעכער האנדל־באַנק"), האָבן פֿון 1906 יאָר ביז 1912 געהעכערט זייערע קאַפּיטאַלן פֿון 44 ביז 98 מיליאָן ר., און די רעזערוון — פֿון 15 ביז 39 מיליאָן, „אַרבעטנדיק אָפּ $^{3}/_{4}$ מיט דײַטשישע קאַפּיטאַלן"; דער ערשטער באַנק געהערט צום „קאָנצערן" פֿון בערלינער „דײַטשישן באַנק", דער צווייטער — פֿון בערלינער „דיסקאָנט־געזעל־שאַפֿט". דער גוטער אַגאַד איז שטאַרק אויפֿגעבראַכט פֿון דעם, וואָס די בערלינער בענק האַלטן אין זייערע הענט די מערהײַט אַקציעס און וואָס די רוסישע אַקציאָנערן זײַנען דעריבער גאַנץ אָנמעכטיק. און ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס לאַנד, וואָס פֿירט אַרויס קאַפּיטאַל, נעמט זיך אַראָפּ דעם פֿעטסטן ביסן: צב. דער בערלינער „דײַטשישער באַנק" האָט די אַרײַנגע־פֿירטע קיין בערלין אַקציעס פֿון „סיבירער האנדל־באַנק" אָפּגעהאַלטן אַ גאַנץ יאָר בײַ זיך אין פּאָרטפֿעל, דערנאָך האָט ער זיי פֿאַרקויפֿט לויטן

קורס 193 פאר 100, דאָס הייסט, קימאט צוויי מאָל אזוי טײַער, „פאר־דינענדיק" בא א 6 מיליאָן רובל רעװעך, װעלכן הילפערדינג רופט אָן „גרינדער־רעװעך".[10]

די גאנצע „מעכטיקײַט" פון די פעטערבורגער גרויסע בענק באשטימט דער אוטער אין 8235 מיליאָן רובל, קימאט $8^1/_4$ מיליארד, דערבײַ פאר־טיילט ער די „באטייליקונג" אָדער, ריכטיקער, די הערשאפט פון די אויס־לענדישע בענק אפ אזא אויפן: די פראנצויזישע בענק — 55%; די ענגלי־שע — 10%; די דײַטשישע — 35%. פון דער דאָזיקער סומע, 8235 מיליאָן, פונקציאָנירנדיקן קאפיטאל קומט אויס לויטן אוטערס אויסרעכענונג 3687 מיליאָן רובל, דה. העכער 40%, אפ די סינדיקאטן: „פראָדוגאָל" (קוילן),[11] „פראָדאמעטא" (מעטאל),[12] אפ די סינדיקאטן פון דער נאפט־, מע־טאלורגיע־ און צעמענט־אינדוסטריע. הייסט עס, אז די צונויפגיסונג פון די בענק מיטן אינדוסטריעלן קאפיטאל, אין צוזאמענהאנג מיט דער אויסביל־דונג פון קאפיטאליסטישע מאָנאָפאָליעס, האָט אויך אין רוסלאנד געמאכט קאָלאָסאלע טריט פאָרויס.

דער פינאנץ־קאפיטאל, וואָס איז קאָנצענטרירט אין איינע הענט און וואָס האָט די פאקטישע מאָנאָפאָליע, נעמט א קאָלאָסאלן און אלץ וואקסנדיקן רעװעך פון גרינדערײַ, פון ארויסלאָזן פאָנד־פאפירן, פון מעלוכע־האלוואָעס אדג., פארפעסטיקנדיק די הערשאפט פון די פינאנץ־אָליגארכיעס און ארופ־לייגנדיק אפ דער גאנצער געזעלשאפט צינז לטובת די מאָנאָפאָליסטן. אָט איז איינער פון די אָן א שיר בײַשפילן, װעלכע עס ברענגט הילפערדינג װעגן דעם, וויאַזוי עס „באלעבאטעװען" די אמעריקאנער טרעסטן: אין 1887 יאָר האָט האװעמייער געגרינדעט א „צוקער־טרעסט" דורך צונויפגיסן 15 קליינע קאָמפאניעס, וואָס זייער געמיינזאמער קאפיטאל האָט באטראָפן $6^1/_2$ מיליאָן דאָלער. דער קאפיטאל פונעם טרעסט איז אָבער, ווי די אמעריקא־נער דריקן זיך אויס, „צעפירט געװאָרן מיט וואסער", און איז באשטימט געװאָרן אין 50 מיליאָן דאָלער. די „איבערקאפיטאליזירונג" האָט ארײַנגע־נומען אין רעכענונג די קומענדיקע מאָנאָפאָליע־רעװאָכים, פונקט ווי דער „שטאָל־טרעסט" אין דער זעלבער אמעריקע האָט, אײַנקויפנדיק אלץ מער ערד מיט אײַזן־ארצן, דיסקאָנטירט די קומענדיקע מאָנאָפאָליע־רעװאָכים. און, װירק־לעך, דער „צוקער־טרעסט" האָט אײַנגעשטעלט מאָנאָפאָליע־פרײַזן און האָט באקומען אזעלכע האכנאָסע, אז ער איז געווען אימשטאנד צו צאָלן 10% דיווידענד אפן קאפיטאל, וואָס איז זיבן מאָל „צעפירט געװאָרן מיט וואסער",[13] דה. קימאט 70% אפן קאפיטאל, וואָס איז װירק־לעך געווען ארײַנגעלייגט באם גרינדן דעם טרעסט! אין 1909

יאָר האָט דער קאפיטאל פונ דעמ דאָזיקנ טרעסט באטראָפנ 90 מיליאָנ דאָלער. פאר 22 יאָר איז דער קאפיטאל געוואָרנ גרעסער מער ווי אינ צענ מאָל.

אינ פראנקרײַכ האָט די הערשאפט פונ דער „פינאנצ־אָליגארכיע" („קעגנ דער פינאנצ־אָליגארכיע אינ פראנקרײַכ" — אזוי איז דאָס קעפל פונ ליזיסעס באוווסטנ בוכ, וואָס איז אינ 1908 יאָר ארויס אינ דער פינפטער אופלאגע) אָנגענומענ בלויז א ביסל א געענדערטע פאָרמ. באמ ארויסלאָזנ ווערטפאפירנ באנוצנ זיכ די פיר גרעסטע בענק ניט מיט קיינ רעלאטיווער, נאָר מיט אנ „אבסאָליוטער מאָנאָפאָליע". פאקטיש איז עס „א טרעסט פונ גרויסע בענק", אונ די מאָנאָפאָליע גאראנטירט זיי מאָנאָפאָליע־רעוואָכימ פונ די עמיסיעס. דאָס לאנד, וואָס באקומט א האלוואָע, באקומט געווײנלעכ ניט מער ווי 90% פונ דער גאנצער סומע; 10% פאלט ארײַנ צו די בענק אונ צו די איבעריקע פארמיטלער. פונ דער רוסיש־כינעזישער האלוואָע פונ 400 מיליאָנ פראנק האָבנ די בענק געהאט רעווועכ 8 פראָצ., פונ דער רוסישער האלוואָע (1904) פונ 800 מיליאָנ — 10 פראָצ., פונ דער מאראָקאנישער (1904) פונ $62\frac{1}{2}$ מיליאָנ — $18\frac{3}{4}$ פראָצ. דער קאפיטאליזמ, וואָס האָט אָנגעהויבנ זײַנ אנטוויקלונג פונ דעמ קליינעמ וווכערישנ קאפיטאל, פארענדיקט זײַנ אנטוויקלונג מיט א גיגאנטישנ וווכערישנ קאפיטאל. „די פראנצויזנ זײַנענ די פראָצענטניקעס פונ אייראָפע", זאָגט ליזיס. אלע באדינגונגענ פונעמ עקאָנאָמישנ לעבנ ענדערנ זיכ טיפ צוליב אָט דער איבערגעבורט פונעמ קאפיטאליזמ. בא א שטילשטאנד אינעמ וווקס פונ דער באפעלקערונג, פונ דער אינדוסטריע, פונעמ האנדל, פונעמ יאמ־טראנספאָרט קאָנ „דאָס לאנד" רײַכ ווערנ בלויז פונ וווכערײַ. „פופציק מענטשנ, וואָס שטעלנ פאָר א קאפיטאל פונ 8 מיליאָנ פראנק, קאָנענ האָבנ צו שאפנ איבער צוויי מיליארד פראנק אינ פיר בענק". די סיסטעמ פונ „באטייליקונג", מיט וועלכער מיר זײַנענ שוינ באקאנט, ברענגט צו די זעלביקע רעזולטאטנ: איינער פונ די גרעסטע בענק, די „גענעראל־געזעלשאפט" («Société Générale»), לאָזט ארויס 64 000 אָבליגאציעס פונ דער „טאָכטער־געזעלשאפט", די „ראפינאד־זאוואָדנ אינ עגיפטנ". דער ארויסלאָז-קורס איז 150%, ד. ה. דער באנק פארדינט 50 קאָפ. אפ א רובל. די דיווידענדנ פונ דער דאָזיקער געזעלשאפט האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ פאר פיקטיווע, דער „אוילעמ" האָט פארלאָרנ פונ 90 ביז 100 מיליאָנ פראנק; „איינער פונ די דירעקטערס פונ דער „גענעראל-געזעלשאפט" איז געווענ א מיטגליד פונ דער פארוואלטונג פונ די „ראפינאד־זאוואָדנ". קיינ וווּנדער ניט, וואָס דער אווטער האָט געמוזט מאכנ אזא אויספיר: „די פראנצויזישע רע-

פובליק איז א פינאנץ־מאָנארכיע"; „די פינאנץ־אָליגארכיע הערשט פולשטענדיק; זי געוועלטיקט סײַ איבער דער פרעסע סײַ איבער דער רעגירונג".

די אויסשליסלעכע הויכע רעוועכדיקײַט פון ארויסלאָזן ווערטפאפירן, וואָס איז איינע פון די הויפט־אָפּעראציעס באם פינאנץ־קאפיטאל, שפּילט זייער א וויכטיקע ראָליע אין דער אנטוויקלונג און פארפעסטיקונג פון דער פינאנץ־אָליגארכיע. „אינוויינּיק אינעם לאנד איז ניטאָ קיין איין געשעפט, וואָס זאָל געבן כאָטש אומגעפער אזא הויכן רעווח, ווי די פארמיטלערײַ באם ארויסלאָזן אויסלענדישע האלוואָעס", — שרײַבט דער דײַטשישער זשורנאל „באנק".

„ניטאָ קיין איין באנק־אָפּעראציע, וואָס זאָל ברענגען אזא הויכן רעווח, ווי דער עמיסיע־געשעפט". באם ארויסלאָזן פּאַפּירן פון אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען איז דער דורכשניטלעכער רעווח פאר א יאָר געווען, לויט די אָנגאבן פון „דײַטשישן עקאָנאָמיסט", אזא:

| | | |
|---|---|---|
| 66,9% — 1899 | 66,7% — 1897 | 38,6% — 1895 |
| 55,2% — 1900 | 67,7% — 1898 | 36,1% — 1896 |

„אין א משך פון צען יאר, 1891—1900, איז באם ארויסלאָזן די דײַטשישע אינדוסטריעלע פּאַפּירן „פארדינט" געוואָרן העכער א מיליארד".

אויב אין צײַט פון אינדוסטריעלן אופשטײַג זײַנען די רעוואָכים פון פינאנץ־קאפיטאל אומגעהייער גרויס, איז אין צײַט פון יערידע קומען אום די קליינע און ניט־פעסטע אונטערנעמונגען, און די גרויסע בענק „באטייליקן זיך" אין אופקויפן זיי שפּאָט ביליק אָדער אין די רעוועכדיקע „געזונטמאכונגען" און „רעאָרגאניזירונגען". באם „געזונטמאכן" אונטערנעמונגען, וואָס ברענגען העזעק, „ווערט פארקלענערט דער אקציע־קאפיטאל, דאָס הייסט, די האכנאָסע ווערט פארטיילט אפ א קלענערן קאפיטאל און אפ ווײַטער ווערט זי שוין אויסגערעכנט אפ דעם דאָזיקן פארקלענערטן קאפיטאל. אָדער, אויב די האכנאָסעדיקײַט איז דערגאנגען ביז 0, ווערט דאן צוגעצויגן א נײַער קאפיטאל, וועלכער וועט שוין איצט ארײַנטראָגן א גענוגנדיקע האכנאָסע, האָבנדיק זיך פאראייניקט מיטן אלטן קאפיטאל, וועלכער פלעגט ברענגען א קלענערע האכנאָסע. מע דארף, אגעוו, באמערקן, — גיט צו הילפערדינג, — אז די אלע געזונטמאכונגען און רעאָרגאניזירונגען האָבן א צווייענדיקן באטײַט פאר די בענק: ערשטנס, איז דאָס אן אָפּעראציע, וואָס ברענגט רעווח, און, צווייטנס, איז דאָס

א פּאַסיקע געלעגנהײַט אפ צו מאכנ אָפּהענגיק פונ זיכ אזעלכע נויטבאַ-דערפטיקע געזעלשאפטנ".

אָט איז א בײַשפּיל: די בארג-אינדוסטריעלע אקציענ-געזעלשאפט „אר-ניאָנ" אינ דאָרטמונד איז געגרינדעט געוואָרנ אינ 1872 יאָר. מע האָט ארויסגעלאָזנ אנ אקציענ-קאַפּיטאל פונ קימאט 40 מיליאָנ מארק, אונ ווענ דאָס ערשטע יאָר האָט געגעבנ 12% דיווידענד, האָט זיכ דער קורס פונ די אקציעס געהויבנ ביז 170%. דער פינאנצ-קאַפּיטאל האָט אראָפּגענומענ די סמעטענע אונ האָט פארדינט א קלייניקײַט — עפּעס בא 28 מיליאָנ מארק. די הויפּט-ראָליע באמ גרינדנ די דאָזיקע געזעלשאפט האָט געשפּילט דערזעלבער גרעסטער דײַטשישער באנק „דיסקאָנט-געזעלשאפט", וואָס האָט בעשאָלעמ דערגרייכט צו א קאַפּיטאל פונ 300 מיליאָנ מארק. דערנאָכ פאלנ די דיווידענדנ פונ „אוניאָנ" ביז נול. די אקציאָנערנ קומט אויס אײַנגיינ אפ „אראָפּשרײַבנ" קאַפּיטאל, דה. מאסקימ זײַנ צו פארלירנ א טייל קאַפּיטאל, אבי ניט אָנווערנ אימ אינגאנצנ. אינ רעזולטאט פונ עטלעכע אזעלכע „געזונטמאכונגענ" זײַנענ אינ מעשעכ פונ 30 יאָר פאר-שווונדנ פונ די ביכער בא דער געזעלשאפט „אוניאָנ" העכער 73 מיליאָנ מארק. „בא הײַנטיקנ טאָג געפינט זיכ אינ די הענט פונ די ערשטע אקציאָ-נערנ פונ דער דאָזיקער געזעלשאפט סאכאקל 5% פונעמ נאָמינאלנ ווערט פונ זייערע אקציעס" — אונ די בענק האָבנ געהאלטנ אינ איינ „פארדינענ" בא יעדער „געזונטמאכונג".

א באזונדערס רעוועכדיקע אָפּעראציע איז פאר דעמ פינאנצ-קאַפּיטאל אויכ די ספּעקוליאציע מיט ערד-פּלעצער אינ די אומגעגנטנ פונ גיכ וואקסנדיקע גרויסע שטעט. די מאָנאָפּאָליע פונ די בענק גיסט זיכ דאָ צו-נויפ מיט דער מאָנאָפּאָליע אפ ערד-רענטע אונ מיט דער מאָנאָפּאָליע אפ קאָמוניקאציע-וועגנ, ווײַל דער וווקס פונ די פּרײַזנ אפ ערד-פּלעצער, די מעגלעכקײַט לוינבאר צו פארקויפנ זיי טיילנווײַז אאוו. הענגט אָפּ מער פונ אלצ פונ גוטע קאָמוניקאציע-וועגנ צומ צענטער פונ שטאָט, אונ די דאָזיקע קאָמוניקאציע-וועגנ געפינענ זיכ אינ די הענט פונ גרויסע קאָמפּאניעס, וואָס זײַנענ פארבונדנ מיט די זעלביקע בענק דורכ דער סיסטעמ פונ באטייליקונג אונ פונ פארטיילנ די דירעקטער-שטעלעס. ס׳באקומט זיכ דאָס, וואָס דער דײַטשישער שרײַבער ל. עשוועגע, א מיטארבעטער פונעמ זשור-נאל „באנק", וועלכער האָט ספּעציעל שטודירט די אָפּעראציעס מיטנ ערד-פּלעצער-האנדל, מיט היפּאָטעק אאוו., האָט אָנגערופנ מיטנ נאָמענ „זומפּ": ווילדע ספּעקוליאציע מיט בײַשטאָטישע ערד-פּלעצער, קראכנ פונ בוי-פירמעס, ווי די בערלינער פירמע „באָסוואו אונ קנאוער", וואָס האָט דורכ

דער פאַרמיטלונג פון דעם „העכסט סאָלידן און גאָר גרויסן" „דײַטשישן באַנק" («Deutsche Bank») אָנגעכאַפּט אַרום 100 מיליאָן מאַרק; דער באַנק האָט, פאַרשטייט זיך, געאַרבעט לויט דער סיסטעם פון „באַטייליקונג", ד. ה. באַהאַלטענערהייט, הינטער יענעמס פּלייצעס, און ער האָט זיך אַרויסגעדרייט, פאַרלירנדיק „סאַכאַקל" 12 מיליאָן מאַרק. ווײַטער קומט די רויִנירונג פון קליינע באַלעבאַטים און אַרבעטער, וואָס באַקומען גאָרניט פון די געבלאָזענע בוי־פירמעס, שווינדלערישע געשעפטן מיט דער בערלינער „אָרנטלעכער" פּאָליציי און מיט דער אַדמיניסטראַציע אַף אַרײַנצוכאַפּן צו זיך אין די הענט דאָס אַרויסגעבן יעדיִעס וועגן ערד־פּלעצער און דערלויבענישן פון שטאָט־דומע אַף בויען בנינים אדג. אאוו.

די „אַמעריקאַנער זיטן", וועגן וועלכע די אייראָפּייִשע פּראָפעסאָרן און די ווילדענקענדיקע בורזשוא פאַרגלאָצן מיט צוויִעס זייערע אויגן צום הימל, זײַנען אין דער עפּאָכע פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל געוואָרן די זיטן בוכשטעבלעך פון יעטווידער גרויסער שטאָט אין יעטווידער לאַנד.

אין בערלין האָט מען אין אָנהייב 1914 יאָר גערעדט וועגן דעם, אַז עס שטייט פאַר די אויכבילדונג פון אַ „טראַנספּאָרט־טרעסט", ד. ה. „אַן אינטערעס־געמיינזאַמקייט" צווישן די דרײַ בערלינער טראַנספּאָרט־אונטערנעמונגען: צווישן דער שטאָטישער עלעקטרישער אײַזנבאַן, טראַמוויי־געזעלשאַפט און אָמניבוס־געזעלשאַפט.

„אַז אונזער קאָמפּאַניע איז פאַראַן, דאָס האָבן מיר געוווּסט — האָט געשריבן דער זשורנאַל „באַנק" — פון זינט ס'איז באַוווּסט געוואָרן, אַז דאָס רוב אַקציעס פון דער אָמניבוס־געזעלשאַפט איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון די צוויי אַנדערע טראַנספּאָרט־געזעלשאַפטן... מען קאָן פולקום גלייבן די פּערזאָנען, וואָס שטעלן זיך אַזאַ צוועק, אַז זיי האָפן דורך דער אייגנאַרטיקער רעגולירונג פון דעם טראַנספּאָרט־געשעפט אַזוי פיל אײַנשפּאָרן, אַז אַ טייל פון דעם אײַנגעשפּאָרטן זאָל טאַקע [illegible] אָנקומען דעם עולם. די פראַגע ווערט אָבער קאָמפּליצירטער דורך דעם, וואָס הינטער דעם דאָזיקן זיך אויסבילדנדיקן טראַנספּאָרט־טרעסט שטייען די בענק, וועלכע האָבן די מעגלעכקייט, אויב זיי ווילן, אונטערצוּוואַרפן די דורך זיי מאָנאָפּאָליזירטע קאָמוניקאַציע־וועגן צו די אינטערעסן פון זייער האַנדל מיט ערד־פּלעצער. כדי זיך צו איבערצײַגן ווי ווײַט עס איז נאַטירלעך אַזאַ השערה, איז גענוג צו דערמאָנען, אַז שוין בײַם גרינדן די געזעלשאַפט פון דער שטאָטישער עלעקטרישער אײַזנבאַן זײַנען פאַרמישט געווען די אינטערעסן פון יענעם גרויסן באַנק, וואָס האָט מיטגעהאָלפן זי גרינדן. בכלל: די אינטערעסן פון אָט דער טראַנספּאָרט־אונטערנעמונג זײַנען געווען איבערגעפלאָכטן מיט די אינטערעסן פון האַנדל מיט ערד־פּלעצער. די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס די מיזרח־ליניע פון דער דאָזיקער אײַזנבאַן האָט געזאָלט אַרומנעמען יענע ערד־פּלעצער, וועלכע דער דאָ־

זיקער באַנק האָט שפּעטער, ווען דאָס אויפבויען די אײַזנבאַן איז שוין געווען א זיכערע זאַך, פאַרקויפט מיט א גרויסן רעווח פאַר זיך און פאַר עטלעכע אָנטיילנעמענדיקע פערזאָנען"...

קוים האָט זיך די מאָנאָפּאָליע אויסגעבילדעט און זי האָט צו שאַפן איבער מיליאַרדן, מוז זי מיט אַן אַבסאָליוטער אומפאַרמײַדלעכקײַט דורכדרינגען אַלע זײַטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, אומאָפּהענגיק פון דער פּאָליטישער אָרדענונג און פון וועלכע־ניט־איז אַנדערע „פּראַטים". אין דער דײַטשישער עקאָנאָמישער ליטעראַטור איז א געוויינלעכע דערשײַנונג דאָס לאַקיישע זעלבסטלויבן די אָרנטלעכקײַט פונעם פּרײַסישן באַאַמטנטום און דאָס געבן אָנצוהערענישן וועגן דער פראַנצויזישער פּאַנאַמע [14] אָדער וועגן דער אַמעריקאַנישער פּאָליטישער פאַרקויפטקײַט. נאָר א פאַקט איז, אַז אַפילע די בורזשואַזע ליטעראַטור, וואָס איז געווידמעט די באַנק־געשעפטן אין דײַטשלאַנד, איז שטענדיק געצוווּנגען אַרויסצוגיין ווײַט פון די גרענעצן פון ריינע באַנק־אָפּעראַציעס און שרײַבן, לעמאָשל, וועגן דער „יאָגעניש אין באַנק אַרײַן", מיינענדיק די אַלץ אָפטער ווערנדיקע פאַלן, ווען באַאַמטע גייען אַריבער דינען אין די בענק: „ווי האַלט עס מיט דער ניט־אונטערקויפלעכקײַט פון דעם מעלוכע־באַאַמטן, וואָס זײַן באַהאַלטענע שטרעבונג איז צו פאַרנעמען א וואַרעם אָרט אין דער בערנשטראַסע?", — די גאַס אין בערלין, ווו עס געפינט זיך דער „דײַטשישער באַנק". אַלפרעד לאַנסבורג, דער אַרויסגעבער פונעם זשורנאַל „באַנק", האָט אין 1909 יאָר אָנגעשריבן אַן אַרטיקל: „דער עקאָנאָמישער באַטײַט פון וויזאַנטיניזם", אַגעוו, אין פאַרבינדונג מיט ווילהעלם II רײַזע קיין פּאַלעסטינע און מיטן „אומיטלבאַרן רעזולטאַט פון דער דאָזיקער רײַזע — מיט דער אויסבויונג פון דער באַגדאַדער אײַזנבאַן־ליניע, [15] דעם דאָזיקן פאַטאַלן „גרויסן אופטו פון דעם דײַטשישן אונטערנעמונג־גײַסט", וואָס איז מער שולדיק אין דער „אַרומרינגלונג", איידער אַלע אונדזערע פּאָליטישע זינד אינאיינעם גענומען" (אונטער אַרומרינגלונג איז דאָ געמיינט די פּאָליטיק פון עדוואַרד VII, וואָס האָט געשטרעבט צו איזאָלירן דײַטשלאַנד און אַרומרינגלען עס מיט א רינג פון אַן אימפּעריאַליסטישן אַנטידײַטשישן פאַרבאַנד). דער שוין דערמאָנטער מיטאַרבעטער פונעם זעלביקן זשורנאַל עשווענע האָט אין 1912 יאָר אָנגעשריבן אַן אַרטיקל: „די פּלוטאָקראַטיע און די באַאַמטנשאַפט", ווו ער האָט אויפגעדעקט, לעמאָשל, דעם פאַל מיטן דײַטשישן באַאַמטן פעלקער, וואָס איז געווען א מיטגליד פון דער קאַרטעלן־קאָמיסיע און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן ענערגיע, און אין א געוויסער צײַט אַרום האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ער פאַרנעמט א האַכנאָסעדיקע שטעלע אין דעם גרעסטן

קארטעל — אינעם „שטאָל-סינדיקאט“. אזעלכע פאלן, וואָס זײַנען גאָר ניט צופעליק, האָבן געצווונגען דעם זעלביקן בורזשואזן שרײַבער מוידע צו זײַן, אז „די עקאָנאָמישע פרײַהײַט, וואָס איז גאראנטירט דורך דער דײַטשישער קאָנסטיטוציע, איז אין א סאך געביטן פונעםווירטשאפטלעכן לעבן געוואָרן א פוסטע פראזע אָן שום אינהאלט“ און בא דער אויסגעבילדעטער הערשאפט פון דער פלוטאָקראטיע „קאָן אונדז אפילע די ברייטסטע פאָליטישע פרײַהײַט ניט ראטעווען פון פארוואנדלט ווערן אין א פאָלק פון ניט קיין פרײַע מענטשן“.

וואָס אָנבאלאנגט רוסלאנד, וועלן מיר זיך באגרענעצן מיט איין בײַשפיל: מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן אלע צײַטונגען געבראכט די ידיעה, אז דער דירעקטער פון דער קרעדיט־קאנצעליאריע דאווידאָוו פארלאָזט די רעגירונג-שטעלע און נעמט אָן א שטעלע אין איינעם א גרויסן באנק מיט א געהאלט, וואָס דארף לויטן אָפּמאך אין מעשעך פון עטלעכע יאָר באטרעפן א סומע פון העכער א מיליאָן רובל. די קרעדיט־קאנצעליאריע איז אן אנשטאלט, וואָס זײַן אופגאבע איז צו „פאריייניקן די טעטיקײַט פון אלע קרעדיט־אנשטאלטן פון דער מעלוכע“ און וואָס סובסידירט די בענק פון די הויפּטשטעט אף א סומע ביז 800—1000 מיליאָן רובל. — — —

פאר דעם קאפּיטאליזם איז ביכלאל אייגנטימלעך אָפּצוטיילן דאָס אייגנטום אף קאפּיטאל פון זײַן אָנווענדונג אין דער פּראָדוקציע, אָפּצוטיילן דעם געלט-קאפּיטאל פונעם אינדוסטריעלן אָדער פּראָדוקטיוון, אָפּצוטיילן דעם ראנטיע, וואָס לעבט בלויז מיט דער האכנאָסע פונעם געלט-קאפּיטאל, פון דעם אונטערנעמער און פון אלע פּערזאָנען, וואָס זײַנען דירעקט באטייליקט און האָבן צו שאפן איבערן קאפּיטאל. דער אימפּעריאליזם אָדער די הערשאפט פונעם פינאנץ־קאפּיטאל איז יענע העכסטע שטופע פונעם קאפּיטאליזם, בא וועלכער דאָס דאָזיקע אָפּטיילן זיך דערגרייכט צו א קאָלאָסאלן מאסשטאב. די איבערוואָג פונעם פינאנץ־קאפּיטאל איבער אלע איבעריקע פאָרמען פון קאפּיטאל באטײַט די הערשנדיקע לאגע פון די ראנטיעס און פון דער פינאנץ-אָליגארכיע, זי באטײַט, אז די קליינע צאָל מעלוכעס, וואָס פארמאָגן די פינאנציעלע „מאכט“, ווערט ארויסגעטיילט פון אלע איבעריקע מעלוכעס. אין וואָס פאר א פארנעם עס גייט דער דאָזיקער פּראָצעס, קאָן מען זען פון דער עמיסיע-סטאטיסטיק, דה. די סטאטיסטיק פון ארויסלאָזן אלערליי ווערטפּאפּירן.

אינעם „ביולעטען פונעם אינטערנאציאָנאלן סטאטיסטישן אינסטיטוט“ האָט א.ניימארק פארעפנטלעכט זייער אויספירלעכע, פולע און פארגלײַכבארע אָנגאבן וועגן עמיסיעס אין דער גאנצער וועלט, — אָנגאבן, וואָס

זײַנען שױן טײלנװײַז ניט אײן מאָל ציטירט געװאָרן אין דער עקאָנאָמי־שער ליטעראַטור. אָט זײַנען די סאַכאַקלען פֿאַר 4 יאָרצענדליקער:

די סומע עמיסיעס אין מיליאַרדן פֿראַנק אין אַ יאָרצענדליק

| | |
|---|---|
| 1871 — 1880 . . . . | 76,1 |
| 1881 — 1890 . . . . | 64,5 |
| 1891 — 1900 . . . . | 100,4 |
| 1901 — 1910 . . . . | 197,8 |

אין די 1870-ער יאָרן האָט די אַלגעמײנע סומע עמיסיעס אין דער גאַנצער װעלט זיך פֿאַרגרעסערט, באַזונדערס דורך האַלװאָעס אין פֿאַר־בינדונג מיט דעם פֿראַנצױזיש־פּרײַסישן קריג און מיט דער גרינדערײַ־עפּאָכע אין דײַטשלאַנד, װאָס איז געקומען גלײַך נאָכן קריג. אַרום און אַרום גײט די פֿאַרגרעסערונג אין משך פֿון די לעצטע דרײַ יאָרצענדליקער פֿונעם XIX יאָרהונדערט פֿאַרהעלטנישמעסיק ניט זײער גיך, און נאָר דער ערשטער יאָרצענדליק פֿון XX יאָרהונדערט גיט אַ קאָלאָסאַלע פֿאַרגרעסערונג, קימאַט אַ פֿאַרטאָפּלונג פֿאַר 10 יאָר. דער אָנהײב פֿון XX יאָרהונדערט איז, אַלזאָ, אַן עפּאָכע פֿון איבערבראָך ניט בלױז אין פּראָט פֿון װוּקס פֿון מאָנאָפּאָליעס (קאַרטעלן, סינדיקאַטן, טרעסטן), װאָס װעגן דעם האָבן מיר שױן גערעדט, נאָר אױך אין פּראָט פֿון װוּקס פֿון פֿינאַנץ־קאַפּיטאַל.

די אַלגעמײנע סומע װערטפּאַפּירן אין דער װעלט אין 1910 יאָר באַשטימט נײמאַרק אַנערעך אין 815 מיליאַרד פֿראַנק. אַראָפּנעמענדיק בעערעך די איבערכאַזערונגען, פֿאַרקלענערט ער די דאָזיקע סומע ביז 575—600 מיליאַרד. אָט איז די פֿאַרטײלונג צװישן אײנצלנע לענדער (מיר נעמען 600 מיליאַרד):

די סומע װערטפּאַפּירן אין 1910 יאָר (מיליאַרדן פֿראַנק)

| | | |
|---|---|---|
| ענגלאַנד . . . . . . . . . . . . . | 142 | 479 |
| פֿאַרײניקטע שטאַטן . . . . . . . . . | 132 | |
| פֿראַנקרײַך . . . . . . . . . . . . | 110 | |
| דײַטשלאַנד . . . . . . . . . . . . | 95 | |
| רוסלאַנד . . . . . . . . . . . . . | 31 | |
| עסטרײַך־אונגאַרן . . . . . . . . . . | 24 | |
| איטאַליע . . . . . . . . . . . . . | 14 | |
| יאַפּאָניע . . . . . . . . . . . . . | 12 | |
| האָלאַנד . . . . . . . . . . . . . | 12,5 | |
| בעלגיע . . . . . . . . . . . . . . | 7,5 | |
| שפּאַניע . . . . . . . . . . . . . | 7,5 | |
| שװײץ . . . . . . . . . . . . . . | 6,25 | |

| | |
|---|---|
| דענעמארק . . . . . . . . . . . | 3,75 |
| שװעדנ, נאָרװעגיע, רומעניע אא. . . . . . | 2,5 |
| סאכאקל . . . . . . . . | 600,0 |

פונ די ציפערנ איז גלײַכ קענטיק, װי שארפ עס טײלנ זיכ אויס די פיר רײַכסטע קאפיטאליסטישע לענדער, װאָס האָבנ יעדעס אנערעכ פונ 100 ביז 150 מיליארד פראנק אינ װערטפאפירנ. צװײ פונ זײ זײַנענ די סאמע עלטסטע קאפיטאליסטישע לענדער אונ, װי מיר װעלנ זענ, די רײַכסטע מיט קאָלאָניעס: ענגלאנד אונ פראנקרײַכ; די איבעריקע צװײ זײַנענ די סאמע פאָרגעשריטענע קאפיטאליסטישע לענדער לויט דער גיכקײַט פונ אנטװיקלונג אונ לויט דער מאָס פונ פארשפרײטנ די קאפיטאליסטישע מאָ-נאָפּאָליעס אינ דער פּראָדוקציע — די פארײניקטע שטאטנ אונ דײַטשלאנד. אָט די פיר לענדער האָבנ אינײנעמ 479 מיליארד פראנק, דאָס הײסט, קימאט 80 % פונ דעמ אלװעלטלעכנ פינאנצ-קאפיטאל. קימאט די גאנצע איבעריקע װעלט שפילט אזוי אָדער אנדערש די ראָליע פונ א באלכויװ אונ פונ א צינז-צאָלער בענעגײע די דאָזיקע לענדער — די אינטערנאציאָ-נאלע באנקירנ, אָט די פיר „זײַלנ" פונ דעמ אלװעלטלעכנ פינאנצ-קא-פיטאל.

ספּעציעל מוז מענ זיכ אָפּשטעלנ אפ דער ראָליע, װאָס עס שפּילט דער עקספּאָרט פונעמ קאפיטאל באמ שאפנ די צװישנפעלקערלעכע נעצ פונ אָפּהענגיקײַט אונ פארבינדונג פונעמ פינאנצ-קאפיטאל.

## IV. עקספּאָרט פונ קאפיטאל

פארנ אלטנ קאפיטאליזמ, מיט דער פולער הערשאפט פונ פרײַער קאָנ-קורענצ, איז געװענ טיפּיש דער עקספּאָרט פונ ס ח ו י ר ע ס. פאר דעמ נײַסטנ קאפיטאליזמ, מיט דער הערשאפט פונ מאָנאָפּאָליעס, איז געװאָרנ טיפּיש דער עקספּאָרט פונ ק א פ י ט א ל.

דער קאפיטאליזמ איז א סחורע-פּראָדוקציע אפ דער העכסטער שטופע פונ איר אנטװיקלונג, װענ אויכ די ארבעטקראפט װערט א סחורע. דער כאראקטעריסטישער קענצײכנ פונעמ קאפיטאליזמ איז דער װוקס פונעמ אויסטויש סײַ אינװײניק אינ לאנד סײַ באזונדערס פונעמ צװישנפעלקער-לעכנ אויסטויש. ניט-גלײַכמעסיקײַט אונ שפּרונגארטיקײַט אינ דער אנט-װיקלונג פונ אײנצלנע אונטערנעמונגענ, פונ אײנצלנע אינדוסטריע-צװײַגנ, פונ אײנצלנע לענדער זײַנענ באמ קאפיטאליזמ אומפארמײַדלעכ. צוערשט איז ענגלאנד, פריער פונ די איבעריקע לענדער, געװאָרנ א קאפיטאליס-

טיש לאַנד אונ צומ מיטנ XIX יאָרהונדערט, נאָכ דעמ, ווי עס האָט איינגעפירט פרײַענ האַנדל, האָט עס פּרעטענדירט אַפ דער ראָליע פונ א „וואַרשטאַט פונ דער גאַנצער וועלט”, א ליפעראַנט פונ פאַבריקאַטנ פאַר אַלע לענדער, וועלכע האָבנ געזאָלט דערפאַר, אַלס בײַט, באַזאָרגנ עס מיט רוי-מאַטעריאַלנ. אָבער אָט די מאָנאָפּאָליע ענגלאַנדס איז שוינ אינעמ לעצטנ פערטל פונ XIX יאָרהונדערט געווענ אונטערגעריסנ, ווײַל א ריי אַנדערע לענדער, באַוואָרענענדיק זיכ דורכ „שוצ”-אָפּצאָלונגענ, האָבנ זיכ אַנטוויקלט אינ זעלבשטענדיקע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס. אַפ דער שוועל פונ XX יאָרהונדערט זעענ מיר די אויסבילדונג פונ אַנ אַנדער מינ מאָנאָפּאָליעס: ערשטנס, פונ מאָנאָפּאָליסטישע פאַרבאַנדנ פונ קאַפּיטאַליסטנ אינ אַלע לענדער פונ אַנטוויקלטנ קאַפּיטאַליזמ; צווייטנס, פונ דער מאָנאָפּאָליסטישער לאַגע פאַר א קלײנער צאָל זייער רײַכע לענדער, ווו די אָנזאַמלונג פונ קאַפּיטאַל דערגרייכט צו א גיגאַנטישנ מאַסשטאַב. אינ די פאָרגעשריטענע לענדער איז אויפגעקומענ א קאָלאָסאַלער „איבערפלוס פונ קאַפּיטאַל”.

ס'פאַרשטייט זיכ, אַז ווענ דער קאַפּיטאַליזמ וואָלט אימשטאַנד געווענ צו אַנטוויקלענ די ערדאַרבעט, וואָס איז איצט אומעטומ שרעקלעכ אָפּגעשטאַנענ אַנטקעגנ דער אינדוסטריע, ווענ ער וואָלט אימשטאַנד געווענ אויפצוהייבנ דעמ לעבנ-ניוואָ פונ די מאַסנ באַפעלקערונג, וואָס בלײַבט אומעטומ, ניט געקוקט אַפ דעמ קאָפּשווינדלדיקנ טעכנישנ פּראָגרעס, האַלב-הונגעריק אונ אָרעמ, — דאַנ וואָלט גאָר קיינ רייד ניט געקאָנט זײַנ וועגנ איבערפלוס פונ קאַפּיטאַל. אונ אַזא „אַרגומענט” רוקנ טאַקע אַרויס אַפ יעדנ שריט אונ טריט די קליינבירגערלעכע קריטיקער פונ קאַפּיטאַליזמ. דער קאַפּיטאַליזמ וואָלט אָבער דאַנ קיינ קאַפּיטאַליזמ ניט געווענ, וואָרעמ אי די ניט-גלײַכמעסיקײַט פונ אַנטוויקלונג אי דער האַלב-הונגעריקער לעבנ-ניוואָ פונ די מאַסנ זײַנענ גרינטלעכע, אומפאַרמײַדלעכע באַדינגונגענ אונ פאָרהאַנאָכעס פונ דעמ דאָזיקנ פּראָדוציר-אויפנ. אַזוי לאַנג ווי דער קאַפּיטאַליזמ בלײַבט קאַפּיטאַליזמ, ווערט דער איבערפלוס פונ קאַפּיטאַל פאַרטאָנ ניט אַפ העכערנ דעמ לעבנ-ניוואָ פונ די מאַסנ אינ דעמ געגעבענעמ לאַנד, וואָרעמ דאָס וואָלט געהייסנ פאַרקלענערנ דעמ רעווועכ פונ די קאַפּיטאַליסטנ, נאָר אַפ העכערנ דעמ רעווועכ דורכ עקספּאָרטירנ קאַפּיטאַל קיינ אויסלאַנד, אינ די אָפּגעשטאַנענע לענדער. אינ די דאָזיקע אָפּגעשטאַנענע לענדער איז דער רעווועכ געוויינלעכ א הויכער, ווײַל קאַפּיטאַלנ איז פאַראַנ ווייניק, דער פּרײַז אַפ ערד איז לעפּיערעכ א קליינער, דער אַרבעטלוינ א נידעריקער, רוימאַטעריאַלנ זײַנענ ביליק. די מעגלעכקײַט צו עקספּאָרטירנ קאַפּיטאַל ווערט געשאַפנ דורכ דעמ, וואָס א ריי אָפּגעשטאַ-

נענע לענדער איז שוין אריינגעצויגן אינעם קרייזלויף פון וועלט־קאפּיטאליזם, ס'זיינען דאָרט דורכגעפירט געוואָרן אָדער אָנגעהויבן געוואָרן די הויפּטליניעס פון אייזנבאנען, ס'זיינען גאראנטירט עלעמענטארע באדינגונגען פאר דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אאוו. די נייטיקייט צו עקספּאָרטירן קאפּיטאל ווערט געשאפן דורך דעם, וואָס אין א קליינער צאָל לענדער איז דער קאפּיטאליזם „איבערצייטיק געוואָרן", און פעלן קאפּיטאל פעלן אויס פּלעצער (באם באדינג פון ניט־אנטוויקלטקייט פון דער ערדארבעט און אָרעמקייט פון די מאסן), ווו מע זאָל „רעוועכדיק" קאָנען אריינלייגן קאפּיטאל.

אָט זיינען לעפּיעכדיקע אָנגאבן וועגן דער גרייס פון קאפּיטאל, וואָס איז אריינגעלייגט אין אויסלאנד דורך די דריי הויפּט־לענדער.

דער קאפּיטאל, וואָס איז אריינגעלייגט אין אויסלאנד
(אין מיליארדן פראנק)

| יאָרן | ענגלאנד | פראנקרייך | דייטשלאנד |
|---|---|---|---|
| 1862 . . . . | 3,6 | — | — |
| 1872 . . . . | 15 | 10 (1869) | — |
| 1882 . . . . | 22 | 15 (1880) | ? |
| 1893 . . . . | 42 | 20 (1890) | ? |
| 1902 . . . . | 62 | 37—27 | 12,5 |
| 1914 . . . . | 100 — 75 | 60 | 44,0 |

מיר זעען פונדאנען, אז בלויז אין אָנהייב XX יאָרהונדערט האָט דער עקספּאָרט פון קאפּיטאל דערגרייכט צו א גיגאנטישער אנטוויקלונג. פאר דער מילכאָמע האָט דער קאפּיטאל, וואָס איז געווען אריינגעלייגט אין אויסלאנד דורך די דריי הויפּט־לענדער, דערגרייכט ביז 175—200 מיליארד פראנק. לויט דער באשיידענער נאָרמע פון 5 % דארף די האכנאָסע פון דער דאָזיקער סומע דערגרייכן 8—10 מיליארד פראנק א יאָר. א סאָלידע באזע פאר אימפּעריאליסטישער אונטערדריקונג און עקספּלואטאציע פון דער מערהייט נאציעס און לענדער פון דער וועלט, א באזע פארן קאפּיטאליסטישן פּאראזיטיזם פון א הייפעלע רייכסטע מעלוכעס!

וויאזוי איז פאַרטיילט צווישן פארשיידענע לענדער דער דאָזיקער קאפּיטאל, וואָס איז אריינגעלייגט אין אויסלאנד, און ווו איז ער אריינגעלייגט, — אף דער פראגע קאָן מען געבן מער ניט ווי א לעפּערעכדיקן ענטפער, וועלכער איז פונדעסטוועגן אימשטאנד צו באלייכטן אייניקע אלגעמיינע קעגנזייטיקע באציונגען און פארבינדונגען פונעם מאָדערנעם אימפּעריאליזם:

די וועלט-טײלנ, צווישנ וועלכע ס'זײַנענ פאַרטײלט (לעפּערעכ) די אויסלענדישע קאַפּיטאַלנ (אַנערעכ אינ) 1910 יאָר

| | ענגלאנד (אינ מיליאַרדנ מאַרק) | פראנקרײַכ (אינ מיליאַרדנ מאַרק) | דײַטשלאנד (אינ מיליאַרדנ מאַרק) | סאַכאַקל |
|---|---|---|---|---|
| אייראָפּע . . . . . . . . . . . . | 4 | 23 | 18 | 45 |
| אמעריקע . . . . . . . . . . . . | 37 | 4 | 10 | 51 |
| אזיע, אפריקע אונ אווסטראַליע . . . . . | 29 | 8 | 7 | 44 |
| סאַכאַקל . . . . . . . . . . . | 70 | 35 | 35 | 140 |

אינ ענגלאנד רוקנ זיכ ארויס אפנ ערשטנ אָרט זײַנע קאָלאָניאַלע באַזיצנ, וואָס זײַנענ זייער גרויס אויכ אינ אמעריקע (קאַנאַדע, לעמאָשל), אָפּגערעדט שוינ וועגנ אזיע אונ אנד. דער גיגאַנטישער עקספּאָרט פונ קאַפּיטאַל איז ענגער פונ אלצ צונויפגעבונדנ דאָ מיט גיגאַנטישע קאָלאָניעס, וואָס וועגנ זייער באַטײַט פארנ אימפּעריאַליזמ וועלנ מיר נאָכ שפּעטער ריידנ. אנדערש איז עס אינ פראנקרײַכ. דאָ איז דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל ארײַנגעלייגט הויפּטזאַכלעכ אינ אייראָפּע אונ קודעמקאָל אינ רוסלאנד (ניט ווייניקער פונ 10 מיליאַרד פראַנק), דערבײַ איז עס דעריקער האַלוואָע-קאַפּיטאַל, מעלוכע-האַלוואָעס, אונ ניט קיינ קאַפּיטאַל, וואָס איז פאַרטאָנ אינ אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ. דעמ פראַנצויזישנ אימפּעריאַליזמ קאָנ מענ, צומ אונטערשייד פונעמ ענגלישנ, פונעמ קאָלאָניאַלנ אימפּעריאַליזמ, אָנרופנ וווּכער-אימפּעריאַליזמ. אינ דײַטשלאנד האָבנ מיר א 3-טנ וואַריאַנט: די קאָלאָניעס פונ דײַטשלאנד זײַנענ ניט גרויס, אונ זײַנ קאַפּיטאַל אינ אויסלאנד איז אמערסטנ גלײַכמעסיק פאַרטיילט צווישנ אייראָפּע אונ אמעריקע.

דער עקספּאָרט פונ קאַפּיטאַל ווירקט אינ יענע לענדער, וווּהינ דער קאַפּיטאַל ווערט עקספּאָרטירט, אפ דער אנטוויקלונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ, פאַרגיכערנדיק ביז גאָר די דאָזיקע אנטוויקלונג. דעריבער, איז אויב דער דאָזיקער עקספּאָרט קאָנ אינ א געוויסער מאָס ברענגענ צו אוועלכנ-ניט-איז אָפּהאַלט אינ דער אנטוויקלונג אינ די עקספּאָרטיר-לענדער, קאָנ עס פאָרקומענ נאָר אפנ כעזשבנ פונ פאַרברייטערנ אונ פאַרטיפערנ די ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ אינ דער גאַנצער וועלט.

די לענדער, וואָס עקספּאָרטירנ קאַפּיטאַל, האָבנ קימאַט שטענדיק די מעגלעכקײַט צו באַקומענ פאַר זיכ געוויסע „נוצנ"; דער כאַראַקטער פונ די דאָזיקע „נוצנ" וואַרפט א שײַנ אפ דער אייגנאַרטיקײַט פונ דער עפּאָכע פונ פינאַנצ-קאַפּיטאַל אונ מאָנאָפּאָליעס. אָט וואָס עס האָט, לעמאָשל, געשריבנ אינ אָקטיאַבער 1913 יאָר דער בערלינער זשורנאַל „באַנק":

,,אפ דעמ אינטערנאַציאָנאַלנ מאַרק פונ קאַפּיטאַלנ שפּילט זיכ אפ די לעצטע צײַט א קאָמעדיע, וואָס איז ווערט געמאָלט צו ווערנ פונ אריסטאָפאַנענ. א גאַנצע ריי פרעמדע מעלוכעס, פונ שפּאַניע ביז די באַלקאַנענ, פונ רוסלאַנד ביז אַרגענטינע, בראַזיליע אונ כינע, טרעטנ אַרויס אָפנ אָדער פאַרמאַסקירטערהייט פאַר די גרויסע געלט־מערק מיט פאָדערונגענ, אַמאָל ביז גאָר אַקשאָנעסדיקע, צו באַקומענ א האַל־וואָע. די געלט־מערק זײַנענ איצט ניט אינ גאָר קיינ גלענצנדיקער לאַגע, אונ די פּאָליטישע פּערספּעקטיוון זײַנענ ניט קיינ פרײלעכע. דאָכ האָט ניט קיינ איינער פונ די געלט־מערק אַנטזאָגט אינ א האַלוואָע, ווײַל ער האָט מוירע, אַז זײַנ שכנ וועט אימ פאַרלויפנ דעמ וועג, וועט אײַנגייענ אפ דער האַלוואָע אונ וועט אפ אזא אויפנ זײַנ באַוואָרנט מיט א געוויסער טויווע פאַר דער טויווע. בא אזעלכע מינימ צווישנ־פעלקערלעכע געשעפטנ פאַלט קיימאָל שטענדיק עפּעס אַראָפ דערפונ דעמ קרעדיטער: א האַנאָכע אינעמ האַנדל־אָפּמאַכ, א קוילנ־סטאַנציע, אָפּבויענ א האַפנ, א פעטע קאָנ־צעסיע, א באַשטעלונג אפ האַרמאַטנ”.

דער פינאנצ־קאפּיטאַל האָט געשאפנ די עפּאָכע פונ מאָנאָפּאָליעס. אונ די מאָנאָפּאָליעס ברענגענ אומעטומ מאָנאָפּאָליסטישע פּרינציפּנ: אפנ אָרט פונ קאָנקורענצ אפנ אָפענעמ מאַרק קומט די אויסנוצונג פונ „פאַרבינדונגענ” צו־ליב א לוינעוודיקנ געשעפט. א גאַנצ געוויינלעכע זאַכ: די האַלוואָע ווערט געגעבנ מיט א טנײַ, אַז א טייל אירער זאָל אויסגעגעבנ ווערנ אפ אײַנקויפנ פּראָדוקטנ פונ דעמ לאַנד, וואָס קרעדיטירט, באַזונדערס אפ באַוואָפענונג־זאַכנ, אפ שיפנ אאַוו. אינ מעשעכ פונ די לעצטע צוויי יאָרצענדליקער (1890—1910) פלעגט פראַנקרײַכ גאַנצ אָפט אָנווענדנ דאָס דאָזיקע מיטל. דער עקספּאָרט פונ קאַפּיטאַל קיינ אויסלאַנד ווערט א מיטל אפ סטימולירנ דעמ עקספּאָרט פונ סכוירעס קיינ אויסלאַנד. דערבײַ זײַנענ די אָפּ־מאַכנ צווישנ די באַזונדערס גרויסע אונטערנעמונגענ אזעלכע, אַז זיי געפינענ זיכ,—ווי ס׳האָט זיכ „ווייכ” אויסגעדריקט שילדער,—„אפ דער גרענעצ פונ אונטערקויפנ”. קרופּ אינ דײַטשלאַנד, שנײַדער אינ פראַנקרײַכ, אַרמסטראָנג אינ ענגלאַנד זײַנענ מוסטערנ פונ אזעלכע פירמעס, וואָס זײַנענ ענג פאַר־בונדנ מיט די גיגאַנטישע בענק אונ מיט דער רעגירונג, אונ וואָס זיי איז ניט לײַכט „אויסצומײַדנ”, בייס מע שליסט א האַלוואָע.

פראַנקרײַכ האָט, אויסלײַענדיק געלט רוסלאַנד, עס „צוגעדריקט” אינעמ האַנדל־אָפּמאַכ. פונ 16־טנ סעפּטיאַבער 1905 יאָר,[16] אונ האָט אויסגע־נומענ פאַר זיכ געוויסע האַנאָכעס ביזנ 1917 יאָר; דאָס אײגענע איז אויכ לויטנ האַנדל־אָפּמאַכ מיט יאַפּאָניע פונ 19־טנ אווגוסט 1911 יאָר.[17] די גרענעצ־אָפּצאָל־מילכאָמע צווישנ עסטרײַכ מיט סערביע, וועלכע האָט מיט א זיבנכאָדאָשימדיקער האַפּסאָקע געדויערט פונ 1906 ביז 1911 יאָר,[18] איז טיילווײַז אַרויסגערופנ געוואָרנ דורכ דער קאָנקורענצ צווישנ עסטרײַכ אונ פראַנקרײַכ אינ געביט פונ צושטעלנ פאַר סערביע קריג־

מאַטעריאַלן. פּאָל דעשאַנעל האָט אין יאַנוואַר 1912 יאָר געמאָלדן אין פּאַרלאַמענט, אַז די פראַנצויזישע פירמעס האָבן פאַר די יאָרן 1908—1911 צוגעשטעלט קיין סערביע קריג־מאַטעריאַלן פאַר 45 מיליאָן פראַנק.

אין דעם באַריכט פון דעם עסטרײַך־אונגאַרישן קאָנסול אין סאַאָ־פּאַולאָ (בראַזיליע) ווערט געזאָגט:

„די בויונג פון די בראַזילישע אײַזנבאַנען קומט פאַר דאָסראָוו אַפּ פראַנצויזישע, בעלגישע, בריטישע און דײַטשישע קאַפּיטאַלן; בײַ די פינאַנץ־אָפּעראַציעס, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט בויען די אײַזנבאַנען, נעמען די דאָזיקע לענדער אויס, אַז זיי וועלן צושטעלן בוי־מאַטעריאַלן פאַר די אײַזנבאַנען“.

דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל פאַרשפּרייט אַפּ אַזאַ אויפן אין בוכשטעבלעכן, קאָן מען זאָגן, זין פון וואָרט זײַנע נעצן אַפּ אַלע לענדער פון דער וועלט. אַ גרויסע ראָליע שפּילן דערבײַ די בענק, וואָס ווערן געגרינדעט אין די קאָלאָניעס, און זייערע אָפּטיילונגען. די דײַטשישע אימפּעריאַליסטן קוקן מיט קינאה אַפּ די „אַלטע“ קאָלאָניאַלע לענדער, וואָס האָבן זיך אין דעם פּראַט באַזונדערס „דערפאָלגרײַך“ באַוואָרנט: ענגלאַנד האָט אין 1904 יאָר געהאַט 50 קאָלאָניאַלע בענק מיט 2279 אָפּטיילונגען (אין 1910 יאָר: 72 מיט 5449 אָפּטיילונגען); פראַנקרײַך — 20 מיט 136 אָפּטיילונגען; האָלאַנד — 16 מיט 68, און דײַטשלאַנד — „סאַכאַקל“ 13 מיט 70 אָפּטיילונגען. די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן פון זייער זײַט זײַנען מעקאַנע די ענגלישע און דײַטשישע:

„אין דאָרעם־אַמעריקע — האָבן זיי זיך געקלאָגט אין 1915 יאָר — האָבן 5 דײַטשישע בענק 40 אָפּטיילונגען, און 5 ענגלישע — 70 אָפּטיילונגען... ענגלאַנד און דײַטשלאַנד האָבן פאַר די לעצטע 25 יאָר אַרײַנגעלייגט אין אַרגענטינע, בראַזיליע, אורוגוויי אַנערעך 4 ביליאָן (מיליאַרד) דאָלער, און דער רעזולטאַט פון דעם איז אַזאַ, אַז אין זייערע הענט געפינט זיך 46% פון דעם גאַנצן האַנדל אין די דאָזיקע דרײַ לענדער“.

די לענדער, וואָס עקספּאָרטירן קאַפּיטאַל, האָבן, פיגוראַל גערעדט, אײַנגעטיילט צווישן זיך די וועלט. אָבער דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל האָט געבראַכט אויך צו אַ דירעקטער צעטיילונג פון דער וועלט.

## V. די צעטיילונג פון דער וועלט צווישן די פאַרבאַנדן פון קאַפּיטאַליסטן

די מאָנאָפּאָליסטישע פאַרבאַנדן פון די קאַפּיטאַליסטן — די קאַרטעלן, סינדיקאַטן, טרעסטן — טיילן קודעמקאָל פאַנאַנדער צווישן זיך דעם אינער־

לעכנ מארק, פארכאפנדיק מער אָדער ווייניקער פולשטענדיק אינ זייערע הענט די פראָדוקציע פונעם געגעבענעם לאנד. אָבער דער אינערלעכער מארק איז באם קאפיטאליזם אומפארמײַדלעכ פארבונדנ מיטנ אויסערלעכנ. דער קאפי־טאליזם האָט שוינ לאנג באשאפנ אנ אלוועלטלעכנ מארק. און צוגלײַכ מיט דעם, ווי ס'איז געוואָקסנ דער עקספּאָרט פונ קאפיטאל און ס'זײַנענ פארברייטערט געוואָרנ אפ אלערליי אויפאנימ די אויסלענדישע און קאָלאָניאַלע פאר־בינדונגענ און די „ווירקונג־ספערעס" פונ די גרעסטע מאָנאָפּאָליסטישע פאר־באנדנ, אפ אזויפיל איז די זאכ „נאטירלעכ" צוגעקומענ צו אנ אלוועלטלעכנ אָפּמאכ צווישנ זיי, צו דער אויסבילדונג פונ צווישנפעלקערלעכע קארטעלנ.

דאָס איז א נײַע שטופע אינ דער אלוועלטלעכער קאָנצענטראציע פונעם קאפיטאל און פונ דער פּראָדוקציע, אָנ אנ ערעכ א העכערע שטופע, איידער די פריערדיקע. לאָמיר א קוק טאָנ, ווי עס וואקסט אויס אָט די איבערמאָנאָ־פּאָליע.

די עלעקטרע־אינדוסטריע איז די סאמע טיפּישע פאר די נײַסטע דער־פאָלגנ פונ דער טעכניק, פארנ קאפיטאליזם פונ סאָפ XIX און אָנהייב XX יאָרהונדערטנ. און מער ווי אומעטום האָט זי זיכ אנטוויקלט אינ די צוויי סאמע פאָרגעשריטענע פונ די נײַע קאפיטאליסטישע לענדער — אינ די פא־רייניקטע שטאטנ און אינ דײַטשלאנד. אינ דײַטשלאנד האָט באזונדערס שטארק געווירקט אפנ וווּקס פונ דער קאָנצענטראציע אינ דעם דאָזיקנ צווײַג דער קריזיס פונ 1900 יאָר. די בענק, וואָס זײַנענ שוינ צו יענער צײַט געווענ גענוג צונויפגעוואָקסנ מיט דער אינדוסטריע, האָבנ ביזנ העכסטנ גראד פארגיכערט און פארטיפט אינ דער צײַט פונ אָט דעם קריזיס דעם אונטער־גאנג פונ די לעפּיערעכ קליינע אונטערנעמונגענ, וואָס זײַנענ אײַנגעשלונגענ געוואָרנ דורכ די גרויסע.

„די בענק — שרײַבט איידעלס, — פלעגנ אָפּזאָגנ אינ הילף גראד יענע אונ־טערנעמונגענ, וועלכע האָבנ זיכ מער פאר אלץ געניטיקט אינ איר, און דערמיט פלעגנ זיי ארויסרופנ צוערשט א משוגעדיקנ אופשטײַג און דערנאָכ א האָפענונגלאָזנ קראכ פונ יענע געזעלשאפטנ, וואָס זײַנענ נִיט געווענ ענג צונויפגעבונדנ מיט זיי".

דורכ דעם איז די קאָנצענטראציע נאָכ דעם 1900 יאָר אוועק מיט גיגאנטישע טריט פאָרויס. ביזנ 1900 יאָר איז אינ דער עלעקטרע־אינדוס־טריע געווענ זיבנ אָדער אכט „גרופּעס", און דערבײַ איז יעדע גרופּע באשטא־נענ פונ עטלעכע געזעלשאפטנ (אינגאנצנ איז געווענ 28) און הינטער יעדער גרופּע זײַנענ געשטאנענ פונ 2 ביז 11 בענק. צו די יאָרנ 1908—1912 האָבנ זיכ אָט די אלע גרופּעס צונויפגעגאָסנ אינ צוויי אָדער אינ איינער. אָט וויאזוי עס איז געגאנגענ דער דאָזיקער פּראָצעס:

### די גרופּעס אין דער עלעקטרע־אינדוסטריע

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| ביזן יאָר 1900: | פעלטען און גיליאָם לאמייער | אוניאָן A. E. G. | סימענס און האלסקע | שוקערט און קאָ. | בערגמאַן | קומער |
| | פעלטען און לאמייער | A. E. G. („אלגעמיינע עלעקט. געזעלשאפט") | סימענס און האלסקע־שוקערט | | בערגמאַן | געקראכט אין 1900 |

A. E. G. („אלגעמיינע עלעקטרע־געזעלשאפט") — סימענס און האלסקע־שוקערט

צום יאָר 1912: (ענגע „קאָאָפּעראַציע" פון 1908 יאָר אָן)

די באַוווּסטע A. E. G. („אלגעמיינע עלעקטרע־געזעלשאפט"), וואָס איז אַף אַזאַ אופן אויסגעוואַקסן, הערשט איבער 175—200 געזעלשאפטן (לויט דער סיסטעם פון „באטייליקונג") און האָט צו שאַפן איבער אַן אלגעמיינעם קאַפּיטאל אַנערעך פון $1^{1}/_{2}$ מיליארד מארק. בלויז דירעקטע אויסלענדישע פאָרשטייערשאפטן האָט זי 34, דערין 12 אקציע־געזעלשאפטן — מער ווי אין צען מעלוכעס. נאָך אין 1904 יאָר האָט מען גערעכנט, אַז די קאַפּיטאַלן, וועלכע די דייטשישע עלעקטרע־אינדוסטריע האָט פאַרטאָן אין אויסלאַנד, דערגרייכט ביז 233 מיליאָן מארק, דערפון 62 מיליאָן אין רוסלאנד. ס'איז איבעריק צו ריידן, אַז די „א.ע.ג." שטעלט מיט זיך פאָר אַ גיגאַנטישע „קאָמבינירטע" אונטערנעמונג — בלויז די צאָל פון אירע פאבריצירנדיקע געזעלשאפטן איז 16 — מיט אַ פּראָדוקציע פון סאַמע פארשיידענע פּראָדוקטן, פון קאבעלן און איזאָליאַטערס ביז אווטאָמאָבילן און פלי־אפּאַראַטן.

אָבער די קאָנצענטראַציע אין אייראָפּע איז געווען אויך אַ באַשטאַנדטייל פון דעם קאָנצענטראַציע־פּראָצעס אין אמעריקע. אָט וויאַזוי די זאַך איז געגאַנגען:

די „אלגעמיינע עלעקטרע־קאָמפּאַניע" (General Electric C⁰)

| | | |
|---|---|---|
| אמעריקע | די קאָמפּ. טאָמפּסאָן־האָוסטאָן גרינדעט אַ פירמע פאַר אייראָפּע | קאָמפּ. עדיסאָן גרינדעט פאַר אייראָפּע אַ פירמע „עדיסאָנס פראַנצויזישע קאָמפּאַניע", וועלכע גיט איבער די פּאַטענטן צו אַ דייטשישער פירמע |
| דייטשלאַנד | „אוניאָן קאָמפּ. פאַר עלעקטרע" | „אלגעמיינע עלעקטרע־געזעלשאפט" (A. E. G.) |

„אלגעמיינע עלעקטרע־געזעלשאפט" (A. E. G.)

אַף אַזאַ אופן האָבן זיך אויסגעבילדעט צוויי עלעקטרע־„מאַכטן": „קיין אַנדערע עלעקטרע־געזעלשאפטן, פולקום אומאָפּהענגיקע פון זיי, איז אַף דער וועלט ניטאָ", — שרייבט הייניג אין זיין אַרטיקל: „דער וועג פון

אנ עלעקטרע־טרעסט״. וועגנ דער גרייס פונ די אומזאצנ אונ וועגנ דער גרייס פונ די אונטערנעמונגענ בא דיביידע „טרעסטנ״ גיבנ א געוויסע פאָר־שטעלונג, האגאמ ווײַט ניט קיינ פולע, פאָלגנדיקע ציפערנ:

| | | דער סכוירעס־אומזאצ (מיליאָ־נענ מארק) | די צאָל אָנ־געשטעלטע | דער ריינער רע־ווער (מיליאָנענ מארק) |
|---|---|---|---|---|
| אמעריקע: „אלג. עלעקטר. קאָמפ.״ (G. E. C.) . . . . . . . | 1907: | 252 | 28 000 | 35,4 |
| | 1910: | 298 | 32 000 | 45,6 |
| דייטשלאנד: „אלג. עלעקטרע־גע־זעלשאפט״ (A. E. G.) . . | 1907: | 216 | 30 700 | 14,5 |
| | 1911: | 362 | 60 800 | 21,7 |

איז אָט איז אינ 1907 יאָר צווישנ דעמ אמעריקאנישנ מיטנ דייטשישנ טרעסט געשלאָסנ געוואָרנ אנ אָפּמאכ וועגנ איינטיילנ צווישנ זיכ די וועלט. די קאָנקורענצ ווערט באזייטיקט. די „אלגעמיינע עלעקטרע־קאָמפּאניע״ (G. E. C.) „באקומט״ די פאריייניקטע שטאטנ אונ קאנאדע; די „אלגעמיינע עלעקטרע־געזעלשאפט״ (A. E. G.) „באקומט״ דייטשלאנד, עסטרייכ, רוסלאנד, האָלאנד, דענעמארק, שווייצ, טערקיי, די באלקאנענ. באזונדערע — געהיימע, פארשטייט זיכ — אָפּמאכנ זיינענ געשלאָסנ געוואָרנ בענעגייע די „טעכטער־געזעל־שאפטנ״, וואָס דרינגענ אריינ אינ נייע אינדוסטריע־צווייגנ אונ אינ „נייע״, פאָרמעל נאָכ ניט פאנאנדערגעטיילטע, לענדער. ס׳ווערט איינגעשטעלט א קעגנ־זייטיקער אויסטויש מיט דערפינדונגענ אונ עקספּערימענטנ.

ס׳איז זעלבסטפארשטענדלעכ, אַז ווי ווייט שווער עס איז צו קאָנקורירנ קעגנ אזא, פאקטיש איינהייטלעכנ, אלוועלטלעכנ טרעסט, וואָס האָט אינ זיינ רעשוס א קאפיטאל פונ עטלעכע מיליארד מארק אונ האָט זיינע „אָפּטיי־לונגענ״, פאָרשטייערשאפטנ, אגענטורנ, פארבינדונגענ אאוו. אינ אלע עקנ וועלט. נאָר די צעטיילונג פונ דער וועלט צווישנ די צוויי שטארקע טרעסטנ שליסט, פארשטייט זיכ, ניט אויס קיינ איבערפּאַרטיילונג, אויב עס ענדערנ זיכ די קויכעס־פארהעלטענישנ — איבער דער ניט־גלייכמעסיקייט פונ דער אנטוויקלונג, איבער מילכאָמעס, קראכנ אדג.

א באלערעוודיקנ ביישפּיל פונ אזא מינ פּרוּוו פונ איבערפארטיילונג, פונ א קאמפ פאר איבערפארטיילונג, שטעלט פאָר די נאפט־אינדוסטריע.

„דער נאפט־מארק פונ דער וועלט, — האָט אײדעלס געשריבנ אינ 1905־טנ יאָר — איז נאָכ איצט אויכ צעטיילט צווישנ צוויי גרויסע פינאנצ־גרופּעס: ראָק־פעלערס אמעריקאנישער „נאפט־טרעסט״ («Standard Oil C°») אונ די באלעבאטימ פונ דעמ

רוסישנ באקוער נאפט — ראָטשילד אונ נאָבעל. ביידע גרופּעס זײַנענ ענג צוזאמענ־געבונדנ אײנע מיט דער צווייטנ, אָבער זייער מאָנאָפּאָליסטישער לאגע דראָעט שוינ אינ משך פונ עטלעכע יאָר א סאקאָנע מיצאד פינפ סאָנים": 1) די אויסשע־פונג פונ די אמעריקאנער נאפט־קוואלנ; 2) די קאָנקורירנדיקע פירמע פונ מאנטא־שאָוונ אינ באקו; 3) די נאפט־קוואלנ אינ עסטרײַכ אונ 4) אינ רומעניע; 5) די טראנסאָקעאנישע נאפט-קוואלנ, באזונדערס אינ די האָלענדישע קאָלאָניעס (די זייער רײַכע פירמעס פונ סעמיועל אונ שעל, וואָס זײַנענ פארבונדנ אויכ מיטנ ענגלישנ קאפּיטאל). די לעצטע דרײַ גרופּעס אונטערנעמונגענ זײַנענ פארבונדנ מיט די גרויסע דײַטשישע בענק, מיטנ גרעסטנ "דײַטשישנ באנק" בעראָש. די דאָזיקע בענק האָבנ זעלבשטענדיק אונ פּלאנמעסיק אנטוויקלט די נאפט־אינדוסטריע, למשל אינ רומעניע, קעדיי צו האָבנ אנ "אייגענעמ" אָנשפּאַר־פּונקט. אינ דער רומענישער נאפט־אינדוסטריע האָט זיכ אינ 1907־טנ יאָר גערעכנט 185 מיליאָנ פראנק אויס־לענדישע קאפּיטאלנ, דערונטער 74 מיליאָנ דײַטשישע.

ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ א קאמפּ, וואָס ווערט אזוי טאקע אינ דער עקאָ־נאָמישער ליטעראטור אָנגערופנ: קאמפּ פאר „צעטיילנ די וועלט". פונ איינ זײַט, האָט ראָקפעלערס „נאפט־טרעסט", וועלנדיק פארכאפּנ א ל צ אינ זײַנע הענט, געגרינדעט אינ האָלאנד ג ו פּ ע א „טאָכטער-געזעלשאפט", אָנגעהויבנ אופקויפנ די נאפט־קוואלנ אינ דער האָלענדישער אינדיע, קעדיי אזויארומ א קלאפּ טאָנ זײַנ הויפּט-סוינע: דעמ האָלענדיש-ענגלישנ טרעסט „שעל". פונ דער אנדערער זײַט, האָט דער „דײַטשישער באנק" אונ די איבעריקע בער־לינער בענק געשטרעבט „אײַנצוהאלטנ" „פאר זיכ" רומעניע אונ זי פאריי־ניקנ מיט רוסלאנד קעגנ ראָקפעלערנ. דער לעצטער האָט פארמאָגט אָנ אנ ערעכ א גרעסערנ קאפּיטאל אונ אנ אויסגעצייכנטע אָרגאניזאציע פונעמ טראנספּאָרט אונ פונעמ צושטעלנ די נאפט צו די געברויכער. דער קאמפּ האָט זיכ געמוזט ענדיקנ אונ האָט זיכ געענדיקט אינ 1907 יאָר מיט א פולשטענדיקער מאפּאָלע פונעמ „דײַטשישנ באנק", וועלכנ ס'איז געבליבנ איינס פונ די ביידע: אָדער ליקווידירנ מיט מיליאָנענ העזעק זײַנע „נאפט־אינטערעסנ", אָדער זיכ אונטערגעבנ. מע האָט אויסגעקליבנ דאָס לעצטע אונ געשלאָסנ מיטנ „נאפט-טרעסט" אנ אָפּמאכ, וואָס האָט זייער ניט געלוינט פארנ „דײַטשישנ באנק". לויטנ דאָזיקנ אָפּמאכ האָט זיכ דער „דײַטשישער באנק" פארפליכטעט „ניט פאָרצונעמענ קיינ שומ זאכ, וואָס זאָל ניט לוינענ די אמעריקאנער אינטערעסנ", נאָר דערבײַ איז פונדעסטוועגנ פאָרויסגעזענ גע־וואָרנ, אז דער אָפּמאכ פארלירט זײַנ קראפט, אויב אינ דײַטשלאנד וועט דורכ־גיינ א געזעצ וועגנ מעלוכישער מאָנאָפּאָליע אפ נאפט.

דאנ הייבט זיכ אָנ די „נאפט־קאָמעדיע". איינער פונ די פינאנצ-קיניגנ אינ דײַטשלאנד, פאָנ גווינער, דירעקטער פונעמ „דײַטשישנ באנק", הייבט אופ דורכ זײַנ פּריוואט־סעקרעטאר, שטאוס, אנ אגיטאציע פ א ר א נאפט־מאָ־

נאָפּאָליע. עס ווערט געבראַכט אין באַוועגונג דער גאַנצער גיגאַנטישער אפּאַראַט פון דעם גרעסטן בערלינער באַנק, אַלע זײַנע ברייטע „פאַרבינדונגען", די פּרעסע ווערט פאַרכלינעט פון „פּאַטריאָטישע" געשרייען קעגן דעם „יאָך" פונעם אַמעריקאַנער טרעסט, און דעם 15-טן מאַרט 1911 יאָר נעמט אָן דער רײַכסטאַג קימאַט איינשטימיק א רעזאָלוציע, וואָס רופט די רעגירונג, זי זאָל אויסאַרבעטן א פּראָיעקט וועגן נאַפט־מאָנאָפּאָליע. די רעגירונג האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר אָט דער „פּאָפּולערער" אידיי, און ס׳האָט זיך גע־דוכט, אַז דער „דײַטשישער באַנק", וואָס האָט געהאַט בעדייע אָפּצונאַרן זײַן אַמעריקאַנער קאָנטראַגענט און צו פאַרבעסערן זײַנע געשעפטן מיט דער הילף פון דער מעלוכע-מאָנאָפּאָליע, האָט געוווּנען די שפּיל. די דײַטשישע נאַפט־קיניגן האָבן שוין באַצײַטנס געשמאַקעוועט דעם ריזיקן רעווח, וואָס וועט זײַן ניט קלענער פאַר דעם רעווח פון די רוסישע צוקער־זאַוואָדטשיקעס... נאָר, ערשטנס, האָבן די גרויסע דײַטשישע בענק זיך צעריסן צווישן זיך פאַר טיילן דעם רויב, און די „דיסקאָנט־געזעלשאַפט" האָט דעמאַסקירט די אייגננוציקע אינטערעסן פונעם „דײַטשישן באַנק"; צווייטנס, האָט זיך די רעגירונג דערשראָקן פאַרן קאַמף מיט ראָקפעלערן, ווײַל ס׳איז געווען א גרויסער סאָפעק, צי וועט דײַטשלאַנד קריגן נאַפט ערגעץ־ווו אַנדערש (די פּראָדוקטיווקייט פון רומעניע איז ניט קיין גרויסע); דריטנס, איז אונטערגעקומען די מיליאַרד-אַסיגנירונג פון 1913 יאָר אַף דער מיליטער׳ישער צוגרייטונג פון דײַטשלאַנד. דעם פּראָיעקט פון מאָנאָפּאָליע האָט מען אָפּגעלייגט. לעסאַטע איז ראָקפעלערס „נאַפט-טרעסט" אַרויס דער זיגער פונעם קאַמף.

דער בערלינער זשורנאַל „באַנק" האָט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט געשריבן, אַז דײַטשלאַנד וואָלט נאָר דאַן געקאָנט קעמפן קעגן „נאַפט־טרעסט", ווען עס וואָלט אײַנגעפירט א מאָנאָפּאָליע אַף עלעקטרישן שטראָם און פאַרוואַנדלט די וואַסער־קראַפט אין ביליקער עלעקטרע.

נאָר — גיט ער צו — „די עלעקטרא־מאָנאָפּאָליע וועט קומען דאַן, ווען זי וועט זײַן נייטיק פאַר די פּראָדוציר׳ער; גראָד דאַן, ווען בײַ דער טיר וועט שטיין דער פאָלגנדיקער גרויסער קראַך פון דער עלעקטרא־אינדוסטריע און ווען די גיגאַנטישע, טײַערע עלעקטראָסטאַנציעס, וואָס ווערן איצט אומעטום געבויט דורך פּריוואַטע „קאָנצערנען" פון דער עלעקטרא־אינדוסטריע און פאַר וועלכע די דאָזיקע „קאָנצערנען" באַקומען שוין איצט געוויסע אײַנצלנע מאָנאָפּאָליעס פון שטעט, מעלוכעס אאַז״וו., וועלן זײַן ניט אימשטאַנד צו אַרבעטן מיט רעווח. דאַן וועט מען מוזן אָנהייבן אויסנוצן די וואַסער־קראַפט; מע וועט זי אָבער ניט קאָנען פאַרוואַנדלען אין קיין ביליקער עלעקטרע אַפן מעלוכישן כעזשבן און מע וועט זי ווידעראַמאָל מוזן איבערגעבן צו דער „פּריוואַטער מאָנאָפּאָליע, וועלכע ווערט קאָנטראָלירט דורך דער מעלוכע", ווײַל די פּריוואַטע אינדוסטריע האָט שוין געשלאָסן א רײַ אָפּמאַכן און האָט אויסגענומען פאַר זיך גרויסע באַלוינונגען... אַזוי איז עס געווען מיט דער

קאַלי־מאָנאָפּאָליע, אַזוי איז עס איצט מיט דער נאַפט־מאָנאָפּאָליע, אַזוי וועט עס זײַן מיט דער עלעקטרע־מאָנאָפּאָליע. ס׳איז שוין צײַט, אַז אונדזערע מעלוכע־סאָציאַ־ליסטן, וואָס לאָזן זיך פאַרבלענדן פון אַ שיינעם פּרינציפּ, זאָלן, סאָפקאָלסאָף, פאַר־שטיין, אַז אין דײַטשלאַנד האָבן די מאָנאָפּאָליעס קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ צוועק און ניט געפירט צו אַזאַ רעזולטאַט, אַז די געברויכער זאָלן דערפון עפּעס האָבן אָדער אַז די מעלוכע זאָל באַקומען כאָטש אַ טייל פון דעם אונטערנעמערישן רעווח, זיי האָבן בלויז געדינט דערצו, אַז די פּריוואַטע אינדוסטריע, וואָס האָט שוין גע־האַלטן קיין באַנקראָטירן, זאָל געהיילט ווערן אויף מעלוכישן כעזשבן".

אָט אַזוינע ווערטפולע אַנערקענונגען מוזן מאַכן בורזשואַזע עקאָ־נאָמיסטן אין דײַטשלאַנד. מיר זעען דאָ באַשײַמפּערלעך, ווי אין דער עפּאָכע פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל פלעכטן זיך איבער אײנײנעם די פּריוואַטע און מעלוכישע מאָנאָפּאָליעס, ווײַל סײַ די סײַ יענע זײַנען אינדערעמעסן ניט מער ווי אײנצלנע רינגען פונעם אימפּעריאַליסטישן קאַמף צווישן די גרעסטע מאָנאָפּאָליסטן פאַר דער צעטיילונג פון דער וועלט.

אויך אינעם האַנדל־פלאָט האָט דער גיגאַנטישער וווּקס פון דער קאָנ־צענטראַציע געפירט צו דער צעטיילונג פון דער וועלט. אין דײַטשלאַנד האָבן זיך אויסגעטיילט די צוויי גרעסטע געזעלשאַפטן: „האַמבורג־אַמעריקע" און „צאָפן־דײַטשישער לויד", ביידע מיט אַ קאַפּיטאַל צו 200 מיליאָן מאַרק (אַקציעס און אָבליגאַציעס), מיט דאַמפּ־שיפן, וואָס זײַנען ווערט 185—189 מיליאָן מאַרק. פון דער צווייטער זײַט, האָט זיך דעם ערשטן יאַנוואַר 1903 יאָר אין אַמעריקע אויסגעבילדעט דער אַזוי־גערופענער מאָרגאַן־טרעסט, די „צווישנפעלקערלעכע קאָמפּאַניע פאַר יאַם־האַנדל", וואָס פאַראייניקט 9 אַמעריקאַנישע און ענגלישע שיף־קאָמפּאַניעס און האָט אין איר רעשוס אַ קאַפּיטאַל פון 120 מיליאָן דאָלער (480 מיליאָן מאַרק). שוין אין 1903 יאָר איז צווישן די דײַטשישע ריזן מיט אָט דעם אַמעריקאַניש־ענגלישן טרעסט געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך וועגן אײַנטיילן צווישן זיך די וועלט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צעטיילונג פונעם רעווח. די דײַ־טשישע געזעלשאַפטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון קאָנקורענץ אינעם טראַנספּאָרט צווישן ענגלאַנד און אַמעריקע. ס׳איז פּינקטלעך פעסטגעשטעלט געוואָרן, וואָס פאַר אַ האַפנס ווער „ס׳באַקומט", ס׳איז באַשאַפן געוואָרן אַ געמײנ־זאַמער קאָנטראָל־קאָמיטעט אאַוו. דער אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן אויף 20 יאָר, מיטן פאָרזיכטיקן אויסרייד, אַז אין פאַל פון אַ מילכאָמע פאַר־לירט ער זײַן קראַפט.

העכסט באַלערעוודיק איז אויך די געשיכטע, וויאַזוי ס׳האָט זיך אויס־געבילדעט דער „צווישנפעלקערלעכער רעלסן־קאַרטעל". דעם ערשטן מאָל האָבן געמאַכט אַ פּרווו צו גרינדן אַזאַ קאַרטעל די ענגלישע, בעלגישע און

דײַטשישע רעלסן־זאַוואָדן נאָך אין 1884 יאָר, — אין א צײַט פון שטאַרק־סטער דעפּרעסיע אין דער אינדוסטריע. מע איז אײַנגעגאַנגען ניט צו קאָנ־קורירן אפּן אינערלעכן מארק פון די לענדער, וואָס האָבן געשלאָסן צווישן זיך דעם אָפּמאַך, און די אויסערלעכע מערק האָט מען צעטײלט צווישן זיך לויט דער נאָרמע: 66% — ענגלאַנד, 27% — דײַטשלאַנד און 17% — בעלגיע. אינדיע איז אינגאַנצן אָפּגעגעבן געוואָרן צו ענגלאַנד. קעגן איינע ענגלישער פירמע, וועלכע איז ניט צוגעשטאַנען צום אָפּמאַך, האָט מען אָנגעהויבן געמיינזאַם פירן א מילכאָמע, די הוצאָעס אפ דער דאָזיקער מילכאָמע האָט מען געדעקט מיט א געוויסן פּראָצענט פון די אַלגעמיינע געשעפטן. נאָר אין 1886 יאָר, ווען פונעם דאָזיקן פאַרבאַנד זײַנען ארויסגעטראָטן צוויי ענגלישע פירמעס, איז ער צעפאַלן געוואָרן. כאַראַק־טעריסטיש איז, אז אין די שפּעטערדיקע פּעריאָדן פון אופשטײַג אין דער אינדוסטריע האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו קומען צו אן אויסגלײַך.

אין אָנהייב 1904 יאָר איז געגרינדעט געוואָרן דער „שטאָל־סינדי־קאַט“ אין דײַטשלאַנד. אין נאָיאַבער 1904 יאָר איז באַנײַט געוואָרן דער „צווישנפעלקערלעכער רעלסן־קאַרטעל“ לויט די נאָרמעס: ענגלאַנד — 53,5%, דײַטשלאַנד — 28,83%, בעלגיע — 17,67%. דערנאָך איז צוגעשטאַנען פראַנק־רײַך מיט די נאָרמעס 4,8%, 5,8% און 6,4% דעם ערשטן, צווייטן און דריטן יאָר, איבער 100%, דה. בא דער סומע פון 104,8% אאַזו. אין 1905 איז צוגעשטאַנען דער „שטאָל־טרעסט“ פון די פאַרייניקטע שטאַטן („די שטאָל־קאָרפּאָראַציע“), דערנאָך עסטרײַך און שפּאַניע.

„אין דעם געגעבענעם מאָמענט, — האָט אין 1910־טן יאָר געשריבן פאָגעל־שטיין, — איז שוין פאַרענדיקט די צעטיילונג פון דער ערד, און די גרויסע גע־ברויכער, אין דער ערשטער ריי די מעלוכישע אײַזנבאַנען, קאָנען זיך לעבן, ווי דער פּאָעט בא יופּיטערן אין די הימלען, קוים האָט מען זייערע אינטערעסן ניט גענומען אין באַטראַכט און די וועלט איז שוין פאַרטיילט“.

מירן נאָך דערמאָנען דעם „צווישנפעלקערלעכן צינק־סינדיקאַט“, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1909 יאָר און וואָס האָט גענוי פאַרטײלט די גרייס פון דער פּראָדוקציע צווישן 5 גרופּעס זאַוואָדן: דײַטשישע, בעל־גישע, פראַנצויזישע, שפּאַנישע, ענגלישע; דערנאָך דעם „צווישנפעלקער־לעכן פּולווער־טרעסט“, אָט דעם, ווי ליפמאַן דריקט זיך אויס,

„פולשטענדיק מאָדערנעם ענגן פאַרבאַנד צווישן אלע דײַטשישע פאַבריקן פון אופרייס־שטאָפן, וועלכע האָבן דערנאָך צוזאַמען מיט די אַנאַלאָגיש אָרגאַניזירטע פראַנצויזישע און אַמעריקאַנישע דינאַמיט־פאַבריקן צעטיילט צווישן זיך, אַזוי צו זאָגן, די גאַנצע וועלט“.

ליפמאנ האָט געהאלטנ, אז אינ 1897 יאָר זײַנענ אינגאנצנ געווענ אנערעכ 40 צווישנפעלקערלעכע קארטעלנ, אינ וועלכע דײַטשלאנד האָט אָנטיילגענומענ, און אינ 1910 יאָר — שוינ ארומ 100.

אייניקע בורזשואזע שרײַבער (צו זיי האָט זיכ איצט פארייניקט אויכ ק. קאוטסקי, וועלכער האָט אינגאנצנ פאראטנ זײַנ מארקסיסטישע פּאָזיציע, צב., פונ 1909 יאָר) האָבנ ארויסגעזאָגט אזא מיינונג, אז די צווישנפעלקערלעכע קארטעלנ, וואָס זײַנענ איינער פונ די סאמע רעליעפע אויסדרוקנ פונ דער אינטערנאציאָנאליזירונג פונעמ קאפּיטאל, גיבנ א מעגלעכקײַט צו האָפנ אפ שאָלעמ צווישנ די פעלקער באמ קאפּיטאליזם. די דאָזיקע מיינונג איז טעאָרעטיש א פולשטענדיקער אומזינ, און פּראקטיש איז עס א סאָפיזמ און א מיטל אפ אנ אומערלעכנ אויפנ צו פארטיידיקנ דעמ ערגסטנ אָפּאָרטוניזם. די צווישנפעלקערלעכע קארטעלנ באווײַזנ, ווי ווײַט עס זײַנענ איצט אויסגעוואָקסנ די קאפּיטאליסטישע מאָנאָפּאָליעס, און צוליב וואָס עס פירט זיכ דער קאמפ צווישנ די קאפּיטאליסטנ-פארבאנדנ. אָט דער לעצטער אומשטאנד איז דער סאמע וויכטיקסטער; בלויז ער מאכט אונדז קלאָר דעמ היסטאָריש-עקאָנאָמישנ זינ פונ דעמ, וואָס עס קומט פאָר, ווײַל די פאָרמ פונ קאמפ קאָנ זיכ ענדערנ און ענדערט זיכ קעסיידער, אָפּהענגיק פונ פארשיידענע, לעפּערעכ פּריוואטע און צײַטווײַליקע, סיבעס, אָבער דער טאָכ פונעמ קאמפ, זײַנ קלאסנ-אינהאלט קאָנ זיכ ניט ענדערנ, קאָלזמאנ עס עקזיסטירט קלאסנ. ס׳פארשטייט זיכ, אז לעמאָשל דער דײַטשישער בורזשואזיע, וואָס צו איר איז, אינ טאָכ גענומענ, אריבער אינ זײַנע טעאָרעטישע כקירעס קאוטסקי (וועגנ דעמ וועלנ מיר נאָכריידנ שפּעטער), לוינט צו פארשמירנ דעמ אינהאלט פונ דעמ איצטיקנ עקאָנאָמישנ קאמפ (די צעטיילונג פונ דער וועלט) און אונטערשטרײַכנ אמאָל די אמאָל יענע פאָרמ פונ דעמ דאָזיקנ קאמפ. דעמ זעלביקנ פעלער באגייט קאוטסקי. און ריידנ רעדט זיכ, נאטירלעכ, ניט וועגנ דער דײַטשישער, נאָר וועגנ דער אלוועלטלעכער בורזשואזיע. ניט פונ ספּעציעלער שלעכטקײַט טיילנ די קאפּיטאליסטנ צווישנ זיכ די וועלט, נאָר דערפאר, ווײַל די דערגרייכטע שטופע פונ קאָנצענטראציע צווינגט זיי צו שטעלנ זיכ אפ אָט דעמ וועג, קעדיי צו באקומענ רעוועכ; דערבײַ טיילנ זיי די וועלט „לויטנ קאפּיטאל״, „לויטנ קויעכ״ — קיינ אנדער טיילונג-מיטל קאָנ ניט זײַנ אינ דער סיסטעמ פונ סכוירע-פּראָדוקציע און קאפּיטאליזם. דער קויעכ ווידער ענדערט זיכ לויט דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אנטוויקלונג; קעדיי צו פארשטיינ, וואָס דאָ קומט פאָר, דארפ מענ ויסנ, וועלכע פראגעס ווערנ געלייזט דורכ די ענדערונגענ פונעמ קויעכ, און צי זײַנענ די דאָזיקע

ענדערונגענ „רייג“-עקאָנאָמישע אָדער אויסערעקאָנאָמישע (מיליטערישע־ לעמאָשל), — דאָס איז שוינ א פראגע פונ צווייטנ גראד, וואָס קאָנ גאָרנישט ניט ענדערנ אינ די גרונט-אָנשויונגענ אפ דער נײַסטער עפּאָכע פונעם קא־ פיטאליזם. פארבײַטנ די פראגע וועגנ איִנהאלט פונעם קאמפ אונ פונ די אָפּמאכנ צווישנ די קאפיטאליסטנ-פארבאנדנ אפ דער פראגע וועגנ דער פאָרם פונעם קאמפ אונ פונ די אָפּמאכנ (וואָס קאָנ הײַנט פאָרקומענ אפ א פרידלעכנ אופנ, מאָרגנ אפ א ניט־פרידלעכנ, איבערמאָרגנ — ווידער אפ א ניט פרידלעכנ) הייסט אראָפּלאָזנ זיכ צו דער ראָליע פונ א סאָפיסט.

די עפּאָכע פונעם נײַסטנ קאפיטאליזם באווײַזט אונדז, אז צווישנ די קאפיטאליסטנ־פארבאנדנ בילדנ זיכ אויס געוויסע פארהעלטענישנ אפנ באָדנ פונ עקאָנאָמישנ צעטיילנ די וועלט, אונ צוגלײַכ דערמיט, אינ פאר־ בינדונג דערמיט בילדנ זיכ אויס צווישנ די פאָליטישע פארבאנדנ, צווישנ די מעלוכעס, געוויסע פארהעלטענישנ אפנ באָדנ פונ טעריטאָריעלנ אײַנטיילנ די וועלט, אפנ באָדנ פונ קאמפ פאר קאָלאָניעס, פונ „קאמפ פאר א ווירט־ שאפטלעכער טעריטאָריע“.

## VI. די צעטיילונג פונ דער וועלט צווישנ די גרויסמאכטנ

דער געאָגראפ א. סופאנ ציט אונטער אינ זײַנ בוכ וועגנ דער „טערי־ טאָריעלער אנטוויקלונג פונ די אייראָפּייִשע קאָלאָניעס“ אזא מינ קורצנ סאכאקל פונ דער דאָזיקער אנטוויקלונג אינ סאָפ XIX יאָרהונדערט:

דער פראָצענט ערד־שעטעכ, וואָס געהערט צו די אייראָפּייִשע קאָלאָניאלע מאכטנ (ארײַנגערעכנט די פאריייניקטע שטאטנ):

| | 1876 | 1900 | פארגרעסערט אפ |
|---|---|---|---|
| אינ אפריקע . . . . | 10,8% | 90,4% | + 79,6% |
| „ פאָלינעזיע . . . | 56,8% | 98,9% | + 42,1% |
| „ אזיע . . . . | 51,5% | 56,6% | + 5,1% |
| „ אווסטראליע . . . | 100,0% | 100,0% | — |
| „ אמעריקע . . . . | 27,5% | 27,2% | — 0,3% |

„דער כאראקטעריסטישער שטריכ פונ דעמ דאָזיקנ פעריאָד, — מאכט ער דעמ אויספיר, — איז, הייסט עס, די צעטיילונג פונ אפריקע אונ פאָלינעזיע“.

אזויווי אינ אזיע אונ אינ אמעריקע זײַנענ ניטאָ קיינ ניט־פארנומענע טעריטאָריעס, דה. אזעלכע, וואָס זאָלנ ניט געהערנ צו קיינ איינ מעלוכע, דארפ מענ סופאנס אויספיר פארברייטערנ אונ זאָגנ, אז דער כאראקטע־ ריסטישער שטריכ פונ דעמ באטראכטנ פעריאָד איז די ענדגילטיקע צעטיי־ לונג פונ דער וועלט, ענדגילטיקע ניט אינ דעמ זינ, אז ס'זאָל אוממעגלעכ

זײַנ אַנ איבערפאַרטײלונג — פאַרקערט, איבערפאַרטײלונגענ זײַנענ מעגלעכ אונ אומפאַרמײַדלעכ—נאָר אינ דעמ זינ, וואָס די קאָלאָניאַלע פּאָ־ליטיק פונ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט שוינ פאַרענדיקט דאָס פאַרכאַפּנ די ניט־פאַרנומענע טעריטאָריעס אַפ אונדזער פּלאַנעטע. די וועלט איז צומ ערשטנ מאָל אַזוי פאַרטײלט געוואָרנ, אַז אַפ ווײַטער שטייענ פאַר בלויז איבערפאַרטײלונגענ, דה. אַנ איבערגאַנג פונ אײנ „באַזיצער" צו אַ צווייטנ אונ ניט פונ גאָר אָנ אַ באַלעבאָס צו אַ „באַלעבאָס".

מיר לעבנ, הייסט עס, איבער אַנ אייגנאַרטיקע עפּאָכע פונ דער אַל־וועלטלעכער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק, וואָס איז אַפּנ ענגסטנ אויפנ פאַרבונדנ מיט דער „נײַסטער שטופע אינ דער אַנטוויקלונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ", מיטנ פינאַנצ־קאַפּיטאַל. דעריבער מוז מענ זיכ קוידעמקאָל אויספירלעכער אָפּשטעלנ אַפ די פאַקטישע אָנגאַבנ, קעדיי ווי ווײַט מעגלעכ פּינקטלעכער קלאָר צו מאַכנ סײַ מיט וואָס עס אונטערשיידט זיכ אָט די עפּאָכע פונ די פריִער־דיקע סײַ די זאַכלאַגע בא הײַנטיקער צײַט. דאָ שווימענ אַרויס קוידעמקאָל צוויי פאַקטישע פראַגעס: צי באַמערקט זיכ אַ פאַרשטאַרקונג פונ דער קאָ־לאָניאַלער פּאָליטיק, אַ פאַרשאַרפונג פונעמ קאַמפּ פאַר קאָלאָניעס, דאַפקע אינ דער עפּאָכע פונעמ פינאַנצ־קאַפּיטאַל, אונ וויאַזוי טאַקע איז אינ דעמ פּראַט צעטײלט די וועלט בא הײַנטיקער צײַט.

דער אַמעריקאַנער שרײַבער מאָריס מאַכט אַ פּרווו אינ זײַנ בוכ וועגנ „דער געשיכטע פונ קאָלאָניזאַציע" צו סומירנ די ציפערנ וועגנ דער גרייס פונ ענגלאַנדס, פראַנקרײַכס אונ דײַטשלאַנדס קאָלאָניאַלע באַזיצנ אינ פאַר־שיידענע פּעריִאָדנ פונ XIX יאָרהונדערט. אָט זײַנענ בעקיצער די סאַכאַק־לענ, וואָס ער האָט באַקומענ:

די גרייס פונ די קאָלאָניאַלע באַזיצנ

| יאָרנ | ענגלאַנד: דער שטעטכ (מיליאָנ קוואַד. מײַלנ) | ענגלאַנד: באַפעלקערונג (אינ מיליאָנענ) | פראַנקרײַכ: דער שטעטכ (מיליאָנ קוואַד. מײַלנ) | פראַנקרײַכ: באַפעלקערונג (אינ מיליאָנענ) | דײַטשלאַנד: דער שטעטכ (מיליאָנ קוואַד. מײַלנ) | דײַטשלאַנד: באַפעלקערונג (אינ מיליאָנענ) |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1830 — 1815 . . . | ? | 126,4 | 0,02 | 0,5 | — | — |
| 1860 . . . . . | 2,5 | 145,1 | 0,2 | 3,4 | — | — |
| 1880 . . . . . | 7,7 | 267,9 | 0,7 | 7,5 | — | — |
| 1899 . . . . . | 9,3 | 309,0 | 3,7 | 56,4 | 1,0 | 14,7 |

אינ ענגלאַנד פאַלט אויס דער פּעריִאָד פונ קאָלאָסאַלער פאַרשטאַרקונג פונ די קאָלאָניאַלע פאַרכאַפּונגענ אַפ די יאָרנ 1860—1880 אונ פונ גאָר אַ

באדייטנדיקער פארשטארקונג אפ די לעצטע 20 יאָר פונעם XIX יאָרהונ־דערט. אין פראנקרייך און דייטשלאנד — אויך גראָד אפ אָט די 20 יאָר. אויבן האָבן מיר געזען, אז דער פעריאָד פון דער העכסטער אנטוויקלונג פונעם פאר־מאָנאָפּאָליסטישן קאפּיטאליזם, פונעם קאפּיטאליזם מיט אן איבערוואָג פון פרייער קאָנקורענץ, פאלט אויס אפ די 1860־ער און 1870־ער יאָרן. איצט זעען מיר, אז גראָד אָט נאָך דעם פעריאָד הייבט זיך אָן א קאָלאָסאלער „אופשטייג" פון קאָלאָניאלע פארכאפּונגען, ס'ווערט אין א גוואלדיקער מאָס פארשארפט דער קאמף פאר דער טעריטאָריעלער צעטיילונג פון דער וועלט. עס איז, אלזאָ, אויסער צווייפל דער פאקט, אז דער איבערגאנג פונעם קאפּיטאליזם צו דער שטופע פונעם מאָנאָפּאָליסטישן קאפּיטאליזם, צום פינאנץ-קאפּיטאל איז אָן שום סאָפעק פארבונדן מיט דער פארשארפונג פונעם קאמף פאר דער צעטיילונג פון דער וועלט.

אין זיין ווערק וועגן אימפּעריאליזם טיילט האָבסאָן אויס די עפּאָכע פון די יאָרן 1884—1900, ווי אן עפּאָכע פון פארשטארקטער „עקספּאנסיע" (פארברייטערונג פון טעריטאָריעס) בא די אייראָפּייִשע הויפּט־מעלוכעס. לויט זיין כעזשבן, האָט ענגלאנד פאר דער דאָזיקער צייט דערוואָרבן 3,7 מיליאָן קוואדראט-מייל מיט א באפעלקערונג פון 57 מיליאָן; פראנקרייך האָט דערוואָרבן 3,6 מיליאָן קוואדראט־מייל מיט א באפעלקערונג פון $36\frac{1}{2}$ מיליאָן; דייטשלאנד — 1,0 מיליאָן קוואדראט - מייל מיט א באפעלקערונג פון 16,7 מיליאָן; בעלגיע — 900 טויזנט קוו.־מייל מיט 30 מיליאָן; פּאָרטוגאל — 800 טויזנט קוו.־מייל מיט 9 מיליאָן. די יאָגעניש מיצאד אלע קאפּיטאליס־טישע מעלוכעס נאָך קאָלאָניעס סאָף XIX יאָרהונדערט, באזונדערס זינט די 1880-ער יאָרן, איז אן אלגעמיין באוווּסטער פאקט אין דער געשיכטע פון דער דיפּלאָמאטיע און פון דער אויסערלעכער פּאָליטיק.

אין דער עפּאָכע פון העכסטן אופבלי פון דער פרייער קאָנקורענץ אין ענגלאנד, אין די יאָרן 1840 — 1860, זיינען זיינע אָנפירנדיקע בורזשואזע פּאָליטיקער געווען קעגנער פון קאָלאָניאלער פּאָליטיק, זיי האָבן געהאלטן פאר אן אומפארמיידלעכער און נוצלעכער זאך די באפרייאונג פון די קאָ־לאָניעס, זייער פולשטענדיקע אָפּטיילונג פון ענגלאנד. אין זיין ארטיקל וועגן „דעם נייסטן ענגלישן אימפּעריאליזם", וואָס איז דערשינען אין 1898 יאָר, ווייזט אָן מ. בער, ווי אין 1852 יאָר האָט אזא מעלוכע-טוער פון ענגלאנד, ווי דיזראעלי, וועלכער איז, אין אלגעמיין גערעדט, געווען גע־נייגט צום אימפּעריאליזם, געזאָגט: „די קאָלאָניעס — דאָס זיינען מילשטיי־נער אפ אונדזער האלדז". און סאָף XIX יאָרהונדערט זיינען די העלדן פון טאָג אין ענגלאנד שוין געווען סעסיל ראָדס און דזשאָזעף טשעמבערלען,

וועלכע האבן אפן געפריידיקט אימפעריאליזם און האבן אנגעווענדט די אימפעריאליסטישע פאליטיק מיטן גרעסטן ציניזם!

ס'איז אינטערעסאנט, אז שוין דאן איז פאר די דאזיקע אנפירנדיקע פאליטיקער פון דער ענגלישער בורזשואזיע קלאר געווען דער צוזאמענהאנג צווישן די, אזוי צו זאגן, ריין-עקאנאמישע און די סאציאל-פאליטישע ווארצלען פונעם נייסטן אימפעריאליזם. טשעמבערלען האט געפריידיקט דעם אימפעריאליזם אלס „עמעסע, קלוגע און שפארעוודיקע פאליטיק", און האט באזונדערס אנגעוויזן אף דער קאנקורענץ, מיט וועלכער ענגלאנד טרעפט זיך איצט אף דעם וועלט-מארק מיצאד דייטשלאנד, אמעריקע, בעלגיע. די רעטונג איז אין דער מאנאפאליע, — האבן געטענהט די קאפיטאליסטן, גרינדנדיק קארטעלן, סינדיקאטן, טרעסטן. די רעטונג איז אין דער מאנאפאליע, — האבן איבערגעכאזערט די פאליטישע פירער פון דער בורזשואזיע, איילנדיק זיך צו פארכאפן די נאך ניט צעטיילטע טיילן פון דער וועלט. און סעסיל ראדס האט אין 1895 יאר, ווי ס'גיט איבער זיין אינטימער פריינט, דער זשורנאליסט סטעד, געזאגט אים מיקויעך זיינע אימפעריאליסטישע אידייען:

„איך בין נעכטן געווען אין לאנדאנער איסט־ענד (אן ארבעטער־קווארטאל) און האב באזוכט א פארזאמלונג פון ארבעטסלאזע. ווען איך האב דארט אויסגעהערט די ווילדע רעדעס, וואס זיינען באשטאנען פון איין געשריי: ברויט, ברויט! האב איך, גייענדיק אהיים און באקלערנדיק דאס, וואס איך האב געזען, זיך נאך מער, איידער פריער, איבערציינגט אין דער וויכטיקייט פונעם אימפעריאליזם... די הויפקסטע אי־דיי איז בא מיר די ליזונג פון דער סאציאלער פראגע, נעמלעך: קעדיי צו ראטעווען די 40 מיליאן איינוווינער פונעם פאראייניקטן קיניגרייך פון א מערדערישן בירגער־קריג, מוזן מיר, קאלאניאלע פאליטיקער, פארכאפן נייע טעריטאריעס, קעדיי צו באזעצן דארט די איבערפליסיקע באפעלקערונג, קעדיי צו באקומען נייע געביטן, וווּ אפצוזעצן סכוירעס, וואס ווערן אויסגעארבעט אין די פאבריקן און אין די מעטאל־גרובן. די אימפעריע — און דאס האב איך שטענדיק געזאגט — איז א מאגן־פראגע. אויב איר ווילט ניט קיין בירגערקריג, מוזט איר ווערן אימפעריאליסטן".

אזוי האט אין 1895 יאר געטענהט סעסיל ראדס, א מיליאנער, א פינאנץ־קיניג, דער הויפט־שולדיקער פון דעם ענגליש-בורישן קריג; נאר זיין פארטיידיקונג פונעם אימפעריאליזם איז בלויז גראבלעך און ציניש, אבער אין טאך אונטערשיידט זי זיך דאך ניט פון דער „טעאריע" פון די הה' מאסלאוו, זידעקום, פאטרעסאוו, דאוויד, פונעם גרינדער פונעם רוסישן מארקסיזם* אא. אא. סעסיל ראדס איז נאר געווען א ביסעלע א מער ערלעכער סאציאל-שאוויניסט...

קעדיי צו געבן א ווי ווייט מעגלעך פינקטלעך בילד וועגן דער טעריטאריעלער צעטיילונג פון דער וועלט און וועגן די ענדערונגען, וואס

* געמיינט ג. ווי. פלעכאנאוו. רעד.

זײַנען אין דעם פּראַס פֿאָרגעקומען די לעצטע יאָרצענדליקער, װעלן מיר אויסנוצן די סאַכאַקלען, װאָס סופּאַן ברענגט אין דעם אָנגערופֿענעם װערק צו דער פֿראַגע װעגן די קאָלאָניאַלע באַזיצן פֿון אַלע מעלוכעס אין דער װעלט. סופּאַן נעמט דאָס 1876-טע און דאָס 1900־טע יאָר; מיר װעלן נעמען דאָס 1876-טע יאָר — אַ דאַטע, װאָס איז אויסגעקליבן זייער געלונגען, װײַל גראָד צו דער צײַט קאָן מען, אין אַלגעמיין, האַלטן, אַז עס האָט זיך פֿאַרענדיקט די אַנטװיקלונג פֿונעם מײַרעװו-אייראָפּייִשן קאַפּיטאַליזם אין זײַן פֿאַרמאָנאָפּאָליסטישער סטאַדיע — און דאָס יאָר 1914, דערבײַ װעלן מיר נאָר פֿאַרבײַטן סופּאַנס ציפֿערן מיט נײַערע, לויט היבנערס „געאָגראַפֿיש־סטאַטיסטישע טאַבעלן“. סופּאַן נעמט נאָר די קאָלאָניעס; מיר האַלטן פֿאַר נוצלעך — כּדי פֿאַרצושטעלן אַ מער פֿול בילד װעגן דער צעטיילונג פֿון דער װעלט — צוגעבן קורצע ידיעות אויך װעגן די ניט-קאָלאָניאַלע לענדער און װעגן די האַלב־קאָלאָניעס, צו װעלכע מיר רעכענען צו פּערסיע, כינע און טערקײַ: דאָס ערשטע פֿון די דאָזיקע לענדער איז שוין כּמעט אינגאַנצן געװאָרן אַ קאָלאָניע, דאָס צװייטע און דאָס דריטע האַלטן באַם װערן.

מיר באַקומען אַזעלכע סאַכאַקלען:

די קאָלאָניאַלע באַזיצן פֿון די גרויסמאַכטן:
(מיליאָנען קוואַדראַט-קילאָמעטער און מיליאָנען אײַנוווינער)

| | קאָלאָניעס 1876 יאָר | | קאָלאָניעס 1914 יאָר | | מעטראָפּאָליעס 1914 יאָר | | סאַכאַקל 1914 יאָר | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | קוואַד. קיל. | אײַנו. | קוואַד. קיל. | אײַנו. | קוואַד. קיל. | אײַנו. | קוואַד. קיל. | אײַנו. |
| ענגלאַנד . . . . . | 22,5 | 251,9 | 33,5 | 393,5 | 0,3 | 46,5 | 33,8 | 440,0 |
| רוסלאַנד . . . . . | 17,0 | 15,9 | 17,4 | 33,2 | 5,4 | 136,2 | 22,8 | 169,4 |
| פֿראַנקרײַך . . . . | 0,9 | 6,0 | 10,6 | 55,5 | 0,5 | 39,6 | 11,1 | 95,1 |
| דײַטשלאַנד . . . . | — | — | 2,9 | 12,3 | 0,5 | 64,9 | 3,4 | 77,2 |
| פֿאַרייניקטע שטאַטן . | — | — | 0,3 | 9,7 | 9,4 | 97,0 | 9,7 | 106,7 |
| יאַפּאַניע . . . . . | — | — | 0,3 | 19,2 | 0,4 | 53,0 | 0,7 | 72,2 |
| אינאיינעם 6 גרויסע מעלוכעס . . | 40,4 | 273,8 | 65,0 | 523,4 | 16,5 | 437,2 | 81,5 | 960,6 |
| די קאָלאָניעס פֿון די איבעריקע מעלוכעס (בעלגיע, האָלאַנד אאַ.) . . . . | | | | | | | 9,9 | 45,3 |
| האַלב־קאָלאָניעס (פּערסיע, כינע, טערקײַ) . . . . . . . . . . . . . . | | | | | | | 14,5 | 361,2 |
| די איבעריקע לענדער . . . . . . . . . . . . . . . . | | | | | | | 28,0 | 289,9 |
| די גאַנצע ערד . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . | | | | | | | 133,9 | 1657,0 |

מיר זעענ דאָ באַשײַמפערלעכ, ווי אפנ גרענעצ פונעמ XIX אונ XX יה. איז „פאַרענדיקט" געוואָרנ די צעטיילונג פונ דער וועלט. נאָכנ יאָר 1876 האָבנ זיכ די קאָלאָניאַלע באַזיצנ גיגאַנטיש פאַרברייטערט: מער ווי אינ אָנדערהאַלבנ מאָל, פונ 40 ביז 65 מיליאָנ קוואַדראַט־קילאָמעטער בא די זעקס גרעסטע מעלוכעס; דער צוזוואַקס באַטרעפט 25 מיליאָנ קוואַד. קילאָמעטער — אָנדערהאַלבנ מאָל מער פאַר דעמ שעטעכ פונ די מעטראָפּאָליעס (16½ מיליאָנ). דרײַ מעלוכעס האָבנ אינ 1876 יאָר ניט געהאַט גאָר קיינ קאָלאָניעס, אונ די פערטע, פראַנקרײַכ, האָט קימאַט ווי ניט געהאַט. צומ יאָר 1914 האָבנ די דאָזיקע פיר מעלוכעס באַקומענ קאָלאָניעס מיט א שעטעכ פונ 14,1 מיליאָנ קוואַדראַט־קילאָמעטער, דאָס הייסט, אַנערעכ אָנדערהאַלבנ מאָל גרעסער ווי דער שעטעכ פונ אייראָפּע, מיט א באַפעלקערונג פונ קימאַט 100 מיליאָנ. די ניט־גלײַכמעסיקײַט אינ דער פאַרברייטערונג פונ די קאָלאָניאַלנ באַזיצ איז זייער גרויס. אויב מע זאָל, לעמאָשל, פאַרגלײַכנ פראַנקרײַכ, דײַטשלאַנד אונ יאַפּאָניע, וואָס אונטערשיידנ זיכ ווייניק איינס פונעמ צווייטנ לויט דער גרייס פונעמ שעטעכ אונ לויט דער באַפעלקערונג, וועט זיכ אַרויסווײַזנ, אַז דאָס ערשטע פונ אָט די לענדער האָט באַקומענ קימאַט דרײַ מאָל אַזויפיל קאָלאָניעס (לויטנ שעטעכ), ווי דאָס צווייטע מיטנ דריטנ אינאיינעמ. נאָר לויט דער גרייס פונעמ פינאַנצ־קאַפּיטאַל איז פראַנקרײַכ אינ אָנהייב פונ דעמ באַטראַכטנ פעריאָד אויכ געווענ עפּשער אינ עטלעכע מאָל רײַכער איידער דײַטשלאַנד מיט יאַפּאָניע אינאיינעמ. אַכוצ די ריינ־עקאָנאָמישע באַדינגונגענ אונ טאַקע אפנ באַזיס פונ די דאָזיקע באַדינגונגענ ווירקנ אפ דער גרייס פונ די קאָלאָניאַלע באַזיצנ אויכ די געאָגראַפישע אונ אַנדערע באַדינגונגענ. ווי שטאַרק ס'איז פאַר די לעצטע יאָרצענדליקער ניט געגאַנגענ די ניוועלירונג פונ דער וועלט, די אויסגלײַכונג פונ די באַדינגונגענ אינ דער ווירטשאַפט אונ אינ דעמ לעבנ פונ פאַרשיידענע לענדער אונטערנ דרוק פונ דער גרויסער אינדוסטריע, פונעמ אויסטויש אונ פונעמ פינאַנצ־קאַפּיטאַל, איז פונדעסטוועגנ דער כילעק צווישנ זיי נאָכ אַלצ ניט קיינ קלענער, אונ צווישנ די זעקס אָנגערופענע לענדער זעענ מיר, פונ איינ זײַט, יונגע, אומגעווייניטלעכ גיכ פּראָגרעסירנדיקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער (אַמעריקע, דײַטשלאַנד, יאַפּאָניע); אונ פונ דער צווייטער זײַט, — לענדער פונ דער אַלטער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, וואָס האָבנ די לעצטע צײַט פּראָגרעסירט א סאַכ לאַנגזאַמער, איידער די פריערדיקע (פראַנקרײַכ אונ ענגלאַנד); פונ דער דריטער זײַט, א לאַנד, וואָס איז אַמערסטנ אָפּגעשטאַנענ אינ עקאָנאָמישער הינזיכט (רוסלאַנד), ווו דער נײַסטער קאַפּיטאַליסטישער אימפּעריאַליזמ איז נאָכ, אַזוי צו זאָגנ, אַרומ־

געפלאָכטן מיט א באזונדערס געדיכטער נעץ פאָרקאפּיטאליסטישע פארהעל־טענישן.

לעבן די קאָלאָניאַלע באזיצן פון די גרויסמאכטן האָבן מיר אוועק־געשטעלט די קליינע קאָלאָניעס פון די קליינע מעלוכעס, וועלכע זיינען, אזוי צו זאָגן, דער נאָענטסטער אָביעקט פאר דער מעגלעכער און ווארשיינ־לעכער „איבערפארטיילונג" פון די קאָלאָניעס. די דאָזיקע קליינע מעלוכעס האלטן איין זייערע קאָלאָניעס דאָסראָוו נאָר אדאנק דעם, וואָס צווישן די גרויסמאכטן עקזיסטירן קעגנזייטיקע אינטערעסן, רייבונגען, אאזוו., וועל־כע דערלאָזן ניט קיין אויסגלייך אין פּראט פון צעטיילן דעם רויב. וואָס אָנבאלאנגט די „האלב־קאָלאָניאַלע" מעלוכעס, גיבן זיי א מוסטער פון יע־נע איבערגאנג-פאָרמען, וואָס באגעגענען זיך אף אלע געביטן פון דער נאטור און פון דער געזעלשאפט. דער פינאנץ־קאפּיטאל איז אזא גרויסער, מע קאָן זאָגן, אנטשיידנדיקער קויעך אין אלע עקאָנאָמישע און אין אלע צווישנפעלקערלעכע פארהעלטענישן, אז ער איז בעקויעך אונטערטעניק צו מאכן פאר זיך און מאכט טאקע ווירקלעך אונטערטעניק אפילע אזעל־כע מעלוכעס, וואָס זיינען פּאָליטיש פולשטענדיק אומאָפּהענגיק; מיר וועלן באלד זען אזעלכע ביישפילן. די גרעסטע „באקוועמלעכקייטן" און די גרעסטע נוצן ברענגט אָבער, פארשטייט זיך, דעם פינאנץ-קאפּיטאל אזא אונטערטעניקייט, בא וועלכע די אונטערטעניקע לענ־דער און פעלקער פארלירן זייער פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט. די האלב־קאָלאָניאַלע לענדער זיינען טיפּיש, ווי א „מיט" אין דעם פּראט. ס'איז פארשטענדלעך, אז דער קאמף פאר אָט די האלב-אָפּהענ־גיקע לענדער האָט באזונדערס געמוזט פארשארפט ווערן אין דער עפּאָכע פונעם פינאנץ־קאפּיטאל, ווען די איבעריקע וועלט איז שוין געווען צעטיילט.

די קאָלאָניאַלע פּאָליטיק און דער אימפּעריאַליזם האָבן עקזיסטירט אויך ביז דער נייסטער שטופע פונעם קאפּיטאליזם און אפילע ביזן קאַ־פּיטאליזם. רוים, וועלכער איז געווען באזירט אף שקלאפעריי, האָט גע־פירט א קאָלאָניאַלע פּאָליטיק און האָט פארווירקלעכט דעם אימפּעריאַליזם.[19] אָבער „אלגעמיינע" סוואָרעס וועגן אימפּעריאליזם, וועלכע פארגעסן אָדער רוקן אָפּ אפּן הינטערגרונט דעם ראדיקאלן אונטערשייד צווישן די געזעל־שאפטלעך-עקאָנאָמישע פאָרמאציעס, ווערן אומפארמיידלעך פארוואנדלט אין פּוסטע באנאליטעטן אָדער בארימעריי, ווי, אשטייגער, דער פארגלייך צווישן „דעם גרויסן רוים מיט דער גרויסער בריטאניע". אפילע די קאפּי־טאליסטישע קאָלאָניאַלע פּאָליטיק פון די פריערדיקע סטאדיעס פונעם קאַ־

פּיטאַליזם אונטערשיידט זיך וועזנטלעך פון דער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק פונעם פינאנץ-קאַפּיטאַל.

די גרונט־אייגנשאפט פונעם נײַסטן קאַפּיטאַליזם איז די הערשאַפט פון מאָנאָפּאָליסטישע פארבאנדן פון די גרעסטע אונטערנעמער. אזעלכע מאָנאָפּאָליעס זײַנען שטאַרקער פאר אלץ דאָן, ווען ס׳ווערן פארכאפּט אין איין האנט אלע קוואלן פון רוימאַטעריאַלן, און מיר האָבן געזען, מיט וואָס פאר א פלײַס די צווישנפעלקערלעכע פארבאנדן פון די קאַפּיטאַליסטן שטרעבן געגן אָן אלע קויכעס, קעדיי ארויסצורײַסן באַם קעגנער יעדע מעגלעכקײַט פון קאָנקורענץ, קעדיי אופצוקויפן, למשל, די ערד־פּלעצער, וואָס זײַנען רײַך מיט אײַזנארץ אָדער מיט נאַפט-קוואלן אד״ג. בלויז דאָס באזיצן קאָלאָניעס גיט א פולשטענדיקע גאראנטיע פאר דעם דערפאָלג פון דער מאָנאָפּאָליע קעגן אלערליי צופעליקײַטן אינעם קאַמף מיטן קעגנער, — אפילע ביז אזא צופעליקײַט, ווען דער קעגנער וואָלט געוואָלט זיך פארטיידיקן מיט א געזעץ וועגן מעלוכע־מאָנאָפּאָליע. וואָס העכער עס שטייט די אנט־וויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם, וואָס שטאַרקער עס פילט זיך דער מאנגל אין רויוואַרג, וואָס שארפער עס איז די קאָנקורענץ און יאָגעניש נאָך רויוואַרג-קוואלן אין דער גאנצער וועלט, אלץ פארצווייפלטער איז דער קאַמף פארן דעראָבערן קאָלאָניעס.

„מע קאָן ארויסזאָגן א מיינונג, — שרייבט שילדער, — וועלכע אייניקע וועלן, עפשער, האלטן פאר א פּאראדאָקסאלער, נעמלעך: אז דער וווּקס פון דער שטאָטישער און אינדוסטריעלער באפעלקערונג וועט אין דער מער אָדער ווייניקער נאָענטער צו־קונפט א סאך גיכער זיין באגעגענען מיט א מאנגל פון רויוואַרג פאר דער אינדוס־טריע, איידער אין דעם מאנגל פון דערנערונג־פּראָדוקטן". אזוי, למשל, ווערט פאר־שארפט דער מאנגל אין האָלץ, וואָס ווערט אלץ טײַערער, אין פעל, — דעם רוישטאָף פאר דער טעקסטיל־אינדוסטריע. „די פארבאנדן פון די אינדוסטריעלער פרווון שאפן א גלײַכגעוויכט צווישן דער לאנדווירטשאפט מיט דער אינדוסטריע אין די גרענעצן פון דער גאנצער וועלט־ווירטשאפט; אלס בײַשפּיל קאָן מען אָנרופן דעם צווישנפעל־קערלעכן פארבאנד פון די פארבאנדן פון באוולשפּינערײַ־פאבריקאנטן אין עטלעכע זייער וויכטיקע אינדוסטריעלע מעלוכעס, וואָס עקזיסטירט פון 1904־טן יאָר; דער־נאָך דעם פארבאנד פון די אייראָפּעישע פארבאנדן פון לײַנשפּינער, וואָס איז געגרינ־דעט געוואָרן לויטן זעלבן מוסטער אין 1910 יאָר".

ס׳פארשטייט זיך, אז די בורזשואזע רעפאָרמיסטן און צווישן זיי באזונדערס די איצטיקע קאַוטסקיאַנער פּרוּוון זיך אָפּשוואַכן דעם באטײַט פון אזעלכע פאקטן, אָנווײַזנדיק, אז רויוואַרג „וואָלט מעגלעך געווען" צו באקומען אפן פרײַען מארק אָן דער „טײַערער און געפערלעכער" קאָלאָ־ניאַלער פּאָליטיק, אז „מע וואָלט קאָנען" גיגאנטיש פארגרעסערן דעם אָנ־

באַם פון רויוואַרג דורך אַ „פּאַשעטנ“ פארבעסערנ די באַדינגונגענ פון דער לאַנדווירטשאַפט ביכלאַל. נאָר אַזעלכע אָנגעוויזענע פּאַרוואַנדלענ זיך אינ אַפּאָלאָגעטיק פונעם אימפּעריאַליזם, אינ צופּוצנ אים, ווײַל זיי זײַנענ באַ־גרינדעט אַפ דעם, וואָס מע פאַרגעסט די הויפּט־באַזונדערקייטנ פונ דעם נײַסטנ קאַפּיטאַליזם: די מאָנאָפּאָליעס. דער פרײַער מאַרק ווערט אַלץ מער אַ פאַרגאַנגענהײַט, די מאָנאָפּאָליסטישע סינדיקאַטנ אונ טרעסטנ פאַרשמע־לערנ אים מיט יעדנ טאָג, אונ די „פּאַשעטע“ פאַרבעסערונג פונ די באַדינ־גונגענ פונ דער לאַנדווירטשאַפט דאַרפ באַשטיינ אינ פאַרבעסערנ די לאַגע פונ די מאַסנ, אינ העכערנ דעם אַרבעטלוינ אונ פאַרקלענערנ דעם רעווח. איז וואָ־זשע, אַכוץ ווי אינ דער פאַנטאַזיע פונ די זיסינקע רעפאָרמיסטנ, זײַנענ עס פאַראַנ טרעסטנ, וואָס זאָלנ זײַנ פייִק צו זאָרגנ וועגנ דער לאַ־גע פונ די מאַסנ, אָנשטאָט אײַנצונעמענ קאָלאָניעס?

פארנ פינאַנצ-קאַפּיטאַל האָבנ אַ באַדײַטונג ניט נאָר די שוינ אַנט־דעקטע קוואַלנ פונ רויוואַרג, נאָר אויכ די מעגלעכע קוואַלנ, וואָרעמ די טעכניק אַנטוויקלט זיך היינטיקע צײַטנ מיט אַנ אומגעהייערער שנעלקײַט, אונ ערד־פלעצער, וואָס טויגנ ניט הײַנט, קאָנענ געמאַכט ווערנ טויגבאַר מאָרגנ, אויב עס וועלנ אויסגעפונענ ווערנ נײַע מעטאָדנ (אונ אַ גרויסער באַנק קאָנ צוליב דעמ אויסריכטנ אַ ספּעציעלע עקספּעדיציע, פונ אינזשע־ניערנ, אַגראָנאָמענ אאַוו.), אויב עס וועט אַרײַנגעלייגט ווערנ אַ גרויסער קאַפּיטאַל. דאָס אייגענע איז אויכ מיט אָפּזוכנ מינעראַל־רײַכטימער, מיט נײַע אויפאַנים פונ באַאַרבעטנ אונ אוטיליזירנ די אָדער יענע רוי־מאַטע־ריאַלנ אאַ. אדג. פונדאַנענ נעמט זיך די אומפאַרמײַדלעכע שטרעבונג פונעם פינאַנצ-קאַפּיטאַל צו פאַרברייטערנ די ווירטשאַפטלעכע טעריטאָריע אונ אַפילע די טעריטאָריע ביכלאַל. פונקט ווי די טרעסטנ קאַפּיטאַליזירנ זייער פאַר־מעגנ לויט אַ צווייִקער אָדער דרײַיִקער אָפּשאַצונג, דיסקאָנטירנדיק די „מעגלעכע“ רעוואָכים אינ דער צוקונפט (אונ ניט די איצטיקע), דיסקאָנטירנ־דיק די ווײַטערדיקע רעזולטאַטנ פונ דער מאָנאָפּאָליע, אַזוי שטרעבט אויכ דער פינאַנצ־קאַפּיטאַל ביכלאַל צו פאַרכאַפּנ וואָס מער ערד, וואָסערע־ניט־איז, וואו־ניט־איז, ווי־ניט־איז, דיסקאָנטירנדיק די מעגלעכע קוואַלנ פונ רוי־וואַרג, מוירע האָבנדיק צו בלײַבנ הינטערשטעליק אינעם ווילדנ קאַמפ פאַר די לעצטע שטיקלעכ נאָכ ניט צעטיילטער וועלט אָדער פאַר איבערפּאַרטיילנ די שטיקלעכ, וואָס זײַנענ שוינ צעטיילט.

די ענגלישע קאַפּיטאַליסטנ זעענ מיט אַלע מיטלענ צו אַנטוויקלענ די פּראָדוק־ציע פונ בוימוואָל אינ זייער קאָלאָניע, אינ עגיפּטנ. — אינ 1904 יאָר איז פונ די 2,3 מיליאָנ העקטאַר קולטורעל־באַאַרבעטע ערד 0,6 מיליאָנ, דאָס

הייסט, העכער א פערטל, געוועג שוינ פארזייט מיט בוימוואל, — די רוסישע אינ זייער קאלאניע — טורקעסטאנ, ווייל אפ אזא אופנ איז זיי גרינגער בייצוקומענ זייערע אויסלענדישע קאנקורענטנ, אפ אזא אופנ קאנענ זיי גרינגער צוקומענ צו מאנאפאליזירנ די קוואלנ פונ רויוואַרג, אפ אזא אופנ וועלנ זיי גרינגער שאפנ א מער שפארעוודיקנ אונ מער האכנאסעדיקנ טעקסטיל־טרעסט מיט א „קאמבינירטער" פראדוקציע, קאנצענטרירנדיק אינ איינע הענט אלע סטאדיעס פונ דער פראדוקציע אונ פונ באארבעטנ די בוימוואל.

דאסגלייכנ שטויסנ די אינטערעסנ פונ קאפיטאל־עקספארט צו דעראָבערנ קאלאניעס, ווייל אפנ קאלאניאלנ מארק איז גרינגער (אונ אמאל איז עס דאס איינציקע מעגלעכע ארט) צו באזייטיקנ אפ א מאנאפאליסטישנ אופנ דעמ קאנקורענט, צו זיכערנ פאר זיכ די ליפערונג, צו פארפעסטיקנ די געהעריקע „פארבינדונגענ" אאוו.

דער אויסער־עקאנאמישער אויבערבוי, וואס וואקסט אויס אפנ באדנ פונ פינאנצ־קאפיטאל, זיינ אידעאלאגיע פארשטארקנ די שטרעבונג צו קאלאניאלע דעראבערונגענ. „דער פינאנצ־קאפיטאל וויל ניט קיינ פרייהייט, נאר הערשאפט", — זאגט מיט רעכט הילפערדינג. אונ איינ פראנצויזישער בורזשואזער שרייבער, גלייכ ווי ער וואלט אנטוויקלענ אונ דערגאנצנ סעסיל ראדס* אויבנ געבראכטע געדאנקענ, שרייבט, אז צו די עקאנאמישע סיבעס פונ דער איצטיקער קאלאניאלער פאליטיק דארפ מענ נאכ צוגעבנ סאציאלע סיבעס:

„מאכמעס דער וואקסנדיקער קאמפליצירטקייט פונעמ לעבנ אונ די שווערי־קייטנ, וואס דריקנ ניט נאר אפ די ארבעטער־מאסנ, נאר אויכ אפ די מיטלקלאסנ, קלייבנ זיכ אינ אלע לענדער פונ דער אלטער ציוויליזאציע אומגעדולד, אופרעגונג, האס, וואס זיינענ א געפאר פאר דער געזעלשאפטלעכער רויקייט; די ענערגיע, וואס ווערט ארויסגעשטופט פונ א באשטימטער קלאסנ־קאליע, דארפ מענ זענ ערגעצ אנ־ווענדנ, געבנ איר וואס צו טאנ אויסערנ לאנד, קעדיי עס זאל ניט פארקומענ קיינ אופרייס אינעווייניק".

וויבאלד ס'האנדלט זיכ וועגנ דער קאלאניאלער פאליטיק אינ דער עפאכע פונעמ קאפיטאליסטישנ אימפעריאליזמ, מוז מענ פארצייכענענ, אז דער פינאנצ־קאפיטאל אונ די אימ אנטשפרעכיקע צווישנפעלקערלעכע פאליטיק, וואס באשטייט אינעמ קאמפ צווישנ די גרויסע מעלוכעס פאר דער עקאנאמישער אונ פאליטישער צעטיילונג פונ דער וועלט, שאפנ א גאנצע ריי איבערגאנג־פארמענ פונ מעלוכישער אפהענגיקייט. פאר דער דאזיקער

* זע ז. 72—73 פונעמ דאזיקנ בוכ. ר ע ד.

עפּאָכע זײַנען טיפּיש ניט בלויז די צוויי גרונט־גרופּעס לענדער: די, וואָס האָבן קאָלאָניעס, און די, וואָס זײַנען קאָלאָניעס, נאָר אויך די פאַרשיידנאַרטיקע פאָרמען אָפּהענגיקע לענדער, וואָס זײַנען פּאָליטיש, פאָרמעל זעלבשטענדיק, אָבער פאַקטיש זײַנען זיי פאַרפלאָנטערט אין א נעץ פון פינאַנציעלער און דיפּלאָמאַטישער אָפּהענגיקײַט. איינע פון די פאָרמען — האַלב־קאָלאָניעס — האָבן מיר שוין אָנגעוויזן אויבן. פאַר א מוסטער פון א צווייטער פאָרם קאָן דינען, למשל, אַרגענטינע.

„דאָרעם־אַמעריקע, און באַזונדערס אַרגענטינע, — שרײַבט שולצע־געווערניץ אין זײַן ווערק וועגן דעם בריטישן אימפּעריאַליזם, — איז אַזוי פינאַנציעל אָפּ־הענגיק פון לאָנדאָן, אַז מע דאַרף זי קימאַט אָנרופן ענגלישע האַנדל־קאָלאָניע“.

די קאַפּיטאַלן, וואָס ענגלאַנד האָט פאַרטאָן אין אַרגענטינע, רעכנט שילדער אויס, לויט די מיטיילונגען פון דעם עסטרײַך־אונגאַרישן קאָנסול אין בוענאָס־אײַרעס פאַרן 1909 יאָר, אין א סומע פון $8^3/_4$ מיליאַרד פראַנק. ס'איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס פאַר א פעסטע פאַרבינדונגען ס'באַקומט אַדאַנק דעם דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל — און זײַן געטרײַער „פרײַנט“ די דיפּלאָמאַטיע — פון ענגלאַנד מיט דער בורזשואַזיע פון אַרגענטינע, מיט די אָנפירנדיקע קרײַזן פון איר גאַנצן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן.

עטוואָס אַן אַנדער פאָרם פון פינאַנציעלער און דיפּלאָמאַטישער אָפּהענגיקײַט, בײַ פּאָליטישער אומאָפּהענגיקײַט, באַווײַזט אונדז דער בײַשפּיל פון פּאָרטוגאַל. פּאָרטוגאַל איז א זעלבשטענדיקע, סוווערענע מלוכה, פאַקטיש אָבער געפינט עס זיך אין א מעשׂה פון מער ווי 200 יאָר, זינט דער מלחמה איבער דער שפּאַנישער ירושה (1700 — 1714), אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון ענגלאַנד. כּדי צו פאַרפעסטיקן זײַן פּאָזיציע אינעם קאַמף מיט זײַנע קעגנער, מיט שפּאַניע און פראַנקרײַך, האָט ענגלאַנד פאַרטיידיקט פּאָרטוגאַל און זײַנע קאָלאָניאַלע באַזיצן. דערפאַר האָט ענגלאַנד באַקומען האַנדל־פּריווילעגיעס, בעסערע באַדינגונגען אַרויסצופירן סחורות און באַזונדערס אַרויסצופירן קאַפּיטאַל קיין פּאָרטוגאַל און אין זײַנע קאָלאָניעס, א מעגלעכקײַט צו באַנוצן זיך מיט די האַפנס און מיט די אינדזלען פון פּאָרטוגאַל, מיט זײַנע קאַבעלן אא. אאַוו. באַציִונגען פון אַזאַ מין צווישן איינצלנע גרויסע און קליינע מלוכות זײַנען אַלעמאָל געווען, נאָר אין דער עפּאָכע פונעם קאַפּיטאַליסטישן אימפּעריאַליזם ווערן זיי אַן אַלגעמיינע סיסטעם, זיי גייען אַרײַן אַלס א טייל אינעם סכום באַציִונגען פון „צעטיילן די וועלט“, זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין רינגען פון די אָפּעראַציעס פונעם אַלוועלטלעכן פינאַנץ־קאַפּיטאַל.

קעדיי צו פארענדיקנ מיט דער פראגע וועגנ צעטיילנ די וועלט, מוזנ מיר נאָכ פארצייכענענ אָט וואָס. שוינ גאָר צומ סאָפ XIX אונ אָנהייב XX יאָרהונדערט האָט ניט בלויז די אמעריקאנישע ליטעראטור נאָכ דעמ שפאניש־אמעריקאנישנ קריג אונ די ענגלישע נאָכנ ענגליש-בורישנ קריג גאנצ אָפנ אונ קלאָר אוועקגעשטעלט די דאָזיקע פראגע, ניט בלויז די דייטשישע ליטעראטור, וואָס האָט „מיטנ גרעסטנ פלייס" נאָכגעשפירט נאָכנ „בריטישנ אימפעריאליזמ", פלעגט סיסטעמאטיש אָפשאצנ דעמ דאָזיקנ פאקט. אויכ אינ דער פראנצויזישער בורזשואזער ליטעראטור איז די פראגע אוועקגעשטעלט געוואָרנ גאנצ קלאָר אונ ברייט, אפ וויפל דאָס איז ביכלאל מעגלעכ פונעמ בורזשואזנ שטאנדפונקט. מיר וועלנ זיכ פארופנ אָפנ היס־טאָריקער דריאָ, וועלכער האָט אינ זיינ בוכ: „די פּאָליטישע אונ סאָציאלע פראָבלעמעס אינ סאָפ XIX יאָרהונדערט", אינעמ קאפיטל וועגנ „די גרויסע מעלוכעס אונ די צעטיילונג פונ דער וועלט" אזוי געשריבנ:

„אינ משך פונ די לעצטע יאָרנ זיינענ אלע פרייע פלעצער אפ דער ערד, אויסער כינע, פארנומענ פונ די מעלוכעס פונ אייראָפּע אונ פונ צאָפנ־אמעריקע. אפ דעמ דאָזיקנ באָדנ זיינענ שוינ פארגעקומענ עטלעכע קאָנפליקטנ אונ עס האָבנ זיכ שוינ געביטנ די השפּאָעס, וואָס דאָס איז אנ אָנזאָג פונ מער שרעקלעכע איבערבייסנ אינ דער נאָענטסטער צוקונפט. ווארעמ עס קומט אויס צו אייַלנ זיכ: די פעלקער, וואָס האָבנ זיכ ניט באזאָרגט, שטייענ פאר דער סאקאנע קיינמאל ניט צו באקומענ זייער כוילעק אונ ניט צו באטייליקנ זיכ אינ יענער גיגאנטישער עקספּלואטאציע פונ דער וועלט, וואָס וועט זיינ איינער פונ די איקער־פאקטנ אינ דעמ קומענדיקנ (דאָס הייסט צוואנציקסטנ) יאָרהונדערט. אָט פארוואָס גאנצ אייראָפּע אונ אמעריקע געפינענ זיכ די לעצטע צייט אינ א פיבער פונ קאָלאָניאלע פארברייטערונגענ, פונ „אימפעריאליזמ", וואָס איז דער סאמע מערקווירדיקסטער כאראקטעריסטישער שטריכ פונעמ סאָפ ניינ־צנטנ יאָרהונדערט".

אונ דער אווטער גיט נאָכ צו:

„באַ דער דאָזיקער צעטיילונג פונ דער וועלט, אינ דער דאָזיקער ווילדער יאָג־ניש נאָכ די אוצרעס אונ נאָכ די גרויסע מערק פונ דער וועלט אנטשפּרעכט אבסאָ־ליוט ניט די רעלאטיווע קראפט פונ די אימפעריעס, וואָס זיינענ געגרינדעט געוואָרנ אינ דעמ דאָזיקנ, ניינצנטנ יאָרהונדערט, דעמ פּלאַץ, וועלכנ עס פארנעמענ אינ איי־ראָפּע די פעלקער, וואָס האָבנ זיי געגרינדעט. די מעלוכעס, וואָס האָבנ די איבער־האנט אינ אייראָפּע, וואָס אינ זייערע הענט געפינט זיכ איר גוירל, פארנעמענ ניט אינ דער זעלביקער מאָס דעמ איבערהאנט אינ דער גאנצער וועלט. אונ אזוי ווי די קאָ־לאָניאלע מעכטיקייט, די האָפענונג צו באקומענ רייכטימער, וואָס זיינענ נאָכ ניט דיסקאָנטירט געוואָרנ, וועט אפּאָנעמ האָבנ איר אָפּגעשפּיגלטע ווירקונג אפ דער רעלאַ־טיווער קראפט פונ די אייראָפּייִשע מעלוכעס, וועט אדאנק דעמ די קאָלאָניאלע פראגע — דער „אימפעריאליזמ", אויב איר ווילט — וואָס האָט שוינ געענדערט די פּאָליטישע באדינגונגענ אינ אייראָפּע גופא, זיי ווייטער ענדערנ אלצ מער אונ מער".

# VII. דער אימפעריאליזם, אלס באזונדערע סטאדיע פונעם קאפיטאליזם

איצט דארפן מיר פרובן אונטערציען געוויסע סאכאקלען, צונויפנעמענ איינעם אלץ, וואס איז אויבן געזאגט געווארן וועגן דעם אימפעריאליזם. דער אימפעריאליזם איז אויסגעוואקסן אלס אנטוויקלונג און דירעקטע פארזעצונג פון די גרונט־אייגנשאפטן פונעם קאפיטאליזם ביכלאל. אבער בלויז אפ א באשטימטער, זייער הויכער שטופע פון זיין אנטוויקלונג איז דער קאפיטאליזם געווארן א קאפיטאליסטישער אימפעריאליזם, — דאן, ווען אייניקע גרונט־אייגנשאפטן פונעם קאפיטאליזם האבן גענומען פארוואנדלט ווערן אין זייער היפעך, ווען דורכויס האבן זיך אויסגעבילדעט און אנטפלעקט שטריכן פון אן איבערגאנג־עפאכע פון קאפיטאליזם צו א העכערן געזעלשאפטלעך־עקאנאמישן סיידער. דאס עקאנאמיש גרונטלעכע אין דעם דאזיקן פראצעס איז דער פארבייט פון דער קאפיטאליסטישער פרייער קאנקורענץ אפ קאפיטאליסטישע מאנאפאליעס. די פרייע קאנקורענץ איז די גרונט־אייגנשאפט פונעם קאפיטאליזם און פון דער סכוירע־פראדוקציע ביכלאל; די מאנאפאליע איז א דירעקטער היפעך פון פרייער קאנקורענץ, נאר פאר אונדזערע אויגן האט זיך די פרייע קאנקורענץ אנגעהויבן פארוואנדלען אין א מאנאפאליע דורך שאפן די גרויס־פראדוקציע, דורך ארויסשטופן די קליינע, דורך פארבייטן די גרויס־פראדוקציע אפ גאר א גרויסער, דערפירנדיק די קאנצענטראציע פון דער פראדוקציע און פונעם קאפיטאל אזוי וויט, אז פון איר פלעגט אויסוואקסן און ס'וואקסט אויס די מאנאפאליע: קארטעלן, סינדיקאטן, טרעסטן, און דערמיט גיסט זיך צונויף דער קאפיטאל פון אוועלכן צענדליק בענק, וואס דרייען מיט מיליארדן. און אין דער זעלביקער צייט, ארויסוואקסנדיק פון דער פרייער קאנקורענץ, באזייטיקן ניט די מאנאפאליעס די פרייע קאנקורענץ, נאר זיי עקזיסטירן איבער איר און זייט בא זייט מיט איר, ארויסרופנדיק דורך דעם א ריי באזונדערס שארפע און שטילע ווידערשפרוכן, רייבונגען, קאנפליקטן. די מאנאפאליע איז אן איבערגאנג פונעם קאפיטאליזם צו א העכערן סיידער.

אויב ס'וואלט געווען נייטיק צו געבן א ווי וויינט מעגלעך קורצע דעפיניציע פונעם אימפעריאליזם, וואלט מען געדארפט זאגן, אז דער אימפעריאליזם איז די מאנאפאליסטישע סטאדיע פונעם קאפיטאליזם. אזא דעפיניציע וואלט אין זיך איינגעשלאסן דעם סאמע איקער, ווייל, פון איין זייט, איז דער פינאנץ־קאפיטאל א באנק־קאפיטאל פון א מאנאפאליסטיש קליי-

נער צאָל גרעסטע בענק, וואָס האָט זיכ צונויפגעגאָסנ מיטנ קאַפּיטאַל פונ די מאָנאָפּאָליסטישע פאַרבאַנדנ פונ אינדוסטריעלער; אונ, פונ דער אנדערער זײַט, איז די צעטיילונג פונ דער וועלט אַנ איבערגאַנג פונ דער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק, וואָס פאַרברייטערט זיכ אומגעשטערט אַפ די געגנטנ, וועלכע זײַנענ נאָכ ניט פאַרכאַפּט געוואָרנ פונ קיינ איינ קאַפּיטאַליסטישער מעלוכע, צו אַ קאָלאָניאַלער פּאָליטיק פונ מאָנאָפּאָליסטישער הערשאַפט איבער דער וועלט־טעריטאָריע, וועלכע איז שוינ צעטיילט ביזנ סאָפ.

אָבער צו קורצע דעפיניציעס, האָגאַמ זיי זײַנענ באַקוועמ, ווײַל זיי פאַרסאַכאַקלענ דאָס הויפּטלעכע,— זײַנענ זיי דאָכ ניט גענוג, אַפ וויפל מע דאַרפ פונ זיי ספּעציעל אַרויסדרינגענ ביז גאָר וועזנטלעכע שטריכנ פונ דער דערשײַנונג, וועלכע מע דאַרפ דעפינירנ. דעריבער איז, ניט פאַרגעסנדיק דעמ באַדינגלעכנ אונ רעלאַטיוונ באַטײַט פונ אַלע דעפיניציעס בכלל, וואָס קאָנענ קיינמאָל ניט אַרומנעמענ די אַלזײַטיקע פאַרבינדונגענ פונ דער דערשײַנונג אינ איר פולער אַנטוויקלונג, דאַרפ מענ געבנ אַזאַ דעפיניציע פונעמ אימפּעריאַליזמ, וואָס זאָל אײַנשליסנ פּאָלגנדיקע פינפ גרונט־סימאָנימ זײַנע: 1) די קאָנצענטראַציע פונ דער פּראָדוקציע אונ פר־נעמ קאַפּיטאַל, וועלכע איז דערגאַנגענ צו אַזאַ הויכער אַנטוויקלונג־שטופּע, אַז זי האָט געשאַפנ די מאָנאָפּאָליעס, וואָס שפּילנ אַנ אַנטשיידנדיקע ראָליע אינעמווירטשאַפטלעכנ לעבנ; 2) די צונויפגיסונג פונעמ באַנק־קאַפּיטאַל מיטנ אינדוסטריעלנ אונ די שאַפונג פונ אַ פינאַנצ־אָליגאַרכיע אַפ דער באַזע פונ דעמ דאָזיקנ „פינאַנצ־קאַפּיטאַל“; 3) דער עקספּאָרט פונ קאַפּיטאַל, וואָס באַקומט, צומ אונטערשייד פונעמ סכוירע־עקספּאָרט, אַ באַזונדערס וויכטיקנ באַטײַט; 4) עס בילדנ זיכ אויס צווישנפעלקערלעכע מאָנאָפּאָליסטישע קאַפּיטאַליסטנ־פאַרבאַנדנ, וואָס טיילנ די וועלט, אונ 5) ס'איז פאַרענדיקט די טעריטאָריעלע פאַנאַנדערטיילונג פונ דער וועלט צווישנ די גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס. דער אימפּעריאַליזמ — דאָס איז דער קאַפּיטאַליזמ אַפ יענער אַנטוויקלונג־סטאַדיע, ווענ ס'האָט זיכ אויסגעבילדעט די הערשאַפט פונ די מאָנאָפּאָליעס אונ פונעמ פינאַנצ־קאַפּיטאַל, ווענ ס'האָט באַקומענ אַנ אָנגעזעענע באַדײַטונג דער עקספּאָרט פונ קאַפּיטאַל, ווענ די צווישנפעלקערלעכע טרעסטנ האָבנ אָנגעהויבנ פאַנאַנדערטיילנ די וועלט אונ ווענ ס'האָט זיכ פאַרענדיקט די צעטיילונג פונ דער גאַנצער וועלט־טעריטאָריע צווישנ די גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס.

מיר וועלנ נאָכ ווײַטער זענ, וויאַזוי מע קאָנ אונ מע דאַרפ אַנדערש דעפינירנ דעמ אימפּעריאַליזמ, ווענ מע זאָל האָבנ אינזינענ ניט בלויז די

ריין־עקאָנאָמישע גרונט־באַגריפן (מיט וועלכע עס באַגרענעצט זיך די געבראַכטע דעפיניציע), נאָר דאָס היסטאָרישע אָרט פון דער געגעבענער סטאַדיע פונעם קאַפּיטאַליזם בענעגייע דעם קאַפּיטאַליזם בכלל, אָדער די באַציונג צווישן דעם אימפּעריאַליזם און די צוויי גרונט־ריכטונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. איצט אָבער מוז מען פאַרצייכענען, אַז דער אימפּעריאַליזם, אויב מע פאַרשטייט אים אין דעם אָנגעוויזענעם זין, שטעלט פון זיך פאָר, אָן שום ספק, אַ באַזונדערע סטאַדיע אין דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם. כדי צו געבן דעם לעזער אַ ווי ווײַט מעגלעך מער באַגרינדעטע פאָרשטעלונג וועגן אימפּעריאַליזם, האָבן מיר בעקיוון געזוכט צו ברענגען וואָס מער מיינונגען פון בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן, וואָס זײַנען געצוווּנגען צו אָנערקענען די באַזונדערס אומבאַשטרײַטלעכע פעסטגעשטעלטע פאַקטן פון דער נײַסטער עקאָנאָמיק פונעם קאַפּיטאַליזם. צוליב דעם זעלבן ציל האָבן מיר געבראַכט אויספירלעכע סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן, וואָס גיבן אונדז די מעגלעכקײַט צו זען, אין ווי ווײַט ס'איז אויסגעוואַקסן דער באַנק־קאַפּיטאַל אאַז״וו., אין וואָס נעמלעך עס האָט זיך אויסגעדריקט דער איבערגאַנג פון קוואַנטיטעט אין קוואַליטעט, דער איבערגאַנג פונעם אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם אין אימפּעריאַליזם. ס'איז, פאַרשטייט זיך, איבעריק צו ריידן, אַז אין דער נאַטור און אין דער געזעלשאַפט זײַנען אַלע גרענעצן באַדינגלעך און באַוועגלעך, אַז עס וואָלט געווען אַן אומזין צו שטרײַטן, למשל, וועגן דעם, אין וואָס פאַר אַ יאָר אָדער יאָרצענדליק האָט זיך „ענדגילטיק" אײַנגעשטעלט דער אימפּעריאַליזם.

אָבער שטרײַטן וועגן דער דעפיניציע פונעם אימפּעריאַליזם קומט יאָ אויס און קודם־כּל קעגן דעם מאַרקסיסטישן הויפּט־טעאָרעטיקער פון דער עפּאָכע פון דעם אַזוי־גערופענעם II אינטערנאַציאָנאַל, דאָס הייסט, פון די 25 יאָר 1889—1914, — קעגן ק. קאַוטסקי׳ן.

קעגן די גרונט־אידייען, וואָס זײַנען אויסגעדריקט אין דער דעפיניציע פונעם אימפּעריאַליזם, וועלכע מיר האָבן געגעבן, איז קאַוטסקי גאַנץ קאַטעגאָריש אַרויסגעטראָטן סײַ אין 1915 יאָר און אַפילו נאָך אין נאָיאַבער 1914 יאָר. ער האָט דערקלערט, אַז אונטער אימפּעריאַליזם דאַרף מען פאַרשטיין ניט קיין „פאַזע" אָדער שטופע פון דער ווירטשאַפט, נאָר אַ פּאָליטיק, נעמלעך, אַ באַשטימטע פּאָליטיק, וועלכע „געפעלט בעסער" דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, אַז מע טאָר ניט „אידענטיפיצירן" דעם אימפּעריאַליזם מיט דעם „מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם", אַז אויב מע זאָל אונטער אימפּעריאַליזם פאַרשטיין „אַלע דערשײַנונגען פון דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם" — די קאַרטעלן, דעם פּראָטעקציאָניזם, די הערשאַפט פון די פינאַנציסטן, די קאָלאָניאַל־פּאָליטיק — דאַן וועט די פראַגע וועגן דער נייטיקײַט פונעם

אימפעריאַליזמ פאַרנ קאַפּיטאַליזמ זײַנ די „פלאַכסטע טאַווטאָלאָגיע”, ווײַל דאַנ „איז דער אימפעריאַליזמ, נאַטירלעכ, א לעבנס-נויטווענדיקײַט פאַרנ קאַפּיטאַליזמ” אאַוו. מיר וועלנ פּינקטלעכער פאַר אַלץ אויסדריקנ קאַוטסקיס געדאַנק, אויב מיר וועלנ ברענגענ די דעפיניציע פונעמ אימפעריאַליזמ, וואָס ער האָט געגעבנ אונ וואָס איז געווענדט דירעקט קעגנ דעמ טאָכ פונ די אידייענ, וואָס מיר זאָגנ אַרויס (ווארעמ די דערווידערונגענ פונעמ לאַגער פונ די דײַטשישע מאַרקסיסטנ, וואָס האָבנ אינ מעשעכ פונ א גאַנצער ריי יאָרנ דורכגעפירט ענלעכע אידייענ, זײַנענ לאַנג באַוווסט קאַוטסקינ אַלס דערווידערונגענ פונ א באַשטימטער שטרעמונג אינעמ מאַרקסיזמ).

קאַוטסקיס דעפיניציע איז אַזאַ:

„דער אימפעריאַליזמ איז א פּראָדוקט פונ דעמ הויכ־אנטוויקלטנ אינדוסטריעלנ קאַפּיטאַליזמ. ער באַשטייט אינ דער שטרעבונג פונ איטלעכער אינדוסטריעלער קאַפּי־טאַליסטישער נאַציע צוצונעמענ פאַר זיכ אָדער אונטערצוואַרפנ צו זיכ אַלץ גרעסערע אַגראַרע (קאַוטסקיס קורסיוו) געגנטנ, ניט אָפּהענגיק פונ דעמ, מיט וואָס פאַר א פעלקער די דאָזיקע געגנטנ זײַנענ באַזעצט”.

די דאָזיקע דעפיניציע טויג לאַכלוטנ צו גאָרניט, ווײַל זי טיילט אויס איינזײַטיק, דה. ווילקירלעכ בלויז די נאַציאָנאַלע פראַגע אַליינ (האַגאַמ דאָס איז זייער א וויכטיקע פראַגע סײַ אַליינ פאַר זיכ סײַ אינ איר שײַ־כעס צומ אימפעריאַליזמ), בינדט זי צונויפ ווילקירלעכ אונ ניט ריכ־טיק בלויז מיטנ אינדוסטריעלנ קאַפּיטאַל אינ די לענדער, וועלכע אַנעק־סירנ אַנדערע נאַציעס, פּונקט ווי זי רוקט ווילקירלעכ אונ ניט ריכטיק אַרויס די אַנעקסיע פונ אַגראַר-געגנטנ.

דער אימפעריאַליזמ איז א שטרעבונג צו אַנעקסיעס — אָט אינ וואָס עס באַשטייט דער פּאָליטישער טייל פונ קאַוטסקיס דעפיניציע. ער איז ריכטיק, אָבער אויסערסט ניט פול, ווײַל דער אימפעריאַליזמ איז פּאָליטיש ביכלאַל א שטרעבונג צו גוואַלט אונ צו רעאַקציע. אונדז אינטערעסירט דאָ אָבער די עקאָנאָמישע זײַט פונעמ איניענ, וואָס קאַוטסקי האָט אַליינ אַרײַנגעבראַכט אינ זײַנ דעפיניציע. די ניט־ריכטיקײַטנ אינ קאַוטסקיס דע־פיניציע וואַרפנ זיכ אינ די אויגנ. פאַרנ אימפעריאַליזמ איז כאַראַקטעריס־טיש גראָד ניט דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל, נאָר דער פינאַנצ-קאַפּי־טאַל. ס'איז ניט קיינ צופעליקײַט, וואָס אינ פראַנקרײַכ האָט גראָד די באַזונדערס גיכע אַנטוויקלונג פונעמ פינאַנצ-קאַפּיטאַל בא דער אָפּגע־שוואַכטקײַט פונעמ אינדוסטריעלנ קאַפּיטאַל, אַרויסגערופנ, אָנהייבנדיק פונ די 80־ער יאָרנ פונעמ פאָריקנ יאָרהונדערט, א שטאַרקע פאַרשאַרפונג פונ דער אַנעקסיאָניסטישער (קאָלאָניאַלער) פּאָליטיק. פאַרנ אימפעריאַליזמ איז כאַראַק־

מעריסטיש גראָד די שטרעבונג צו אנעקסירנ ניט בלויז אגראר-געגנטנ, נאָר אפילע די סאמע אינדוסטריעלע (דײַטשלאנדס אפעטיטנ בנוגע בעלגיע, פראנקרײַכס בנוגע לאָטארינגיענ), וואָרעמ, ערשטנס, צווינגט די פארענדיקטע צעטיילונג פונ דער ערד אויסצושטרעקנ די האנט, בא דער איבערפארטיילונג, צו אלערליי טעריטאָריעס; צווייטנס, איז פארנ אימפעריאליזמ וועזנטלעכ דער פארמעסט צווישנ עטלעכע גרויסע מעלוכעס אינ דער שטרעבונג צו העגעמאָניע, דה. צו פארכאפנ לענדער ניט אזויפיל דירעקט פאר זיכ, וויפל קעדיי אָפצושוואכנ דעמ קעגנער אונ אונטערצײַנ זײַנ העגעמאָניע (פאר דײַטשלאנד איז באזונדערס וויכטיק בעלגיע, ווי א שטיצפונקט קעגנ ענגלאנד; פאר ענגלאנד — באגדאד, ווי א שטיצפונקט קעגנ דײַטשלאנד[20] אאוו.).

קאוטסקי פארופט זיכ באזונדערס — אונ ניט איינ מאָל — אפ די ענגלענדער, וועלכע האָבנ, קלוימערשט, אײַנגעפירט דעמ ריינ-פאָליטישנ באטײַט פונעמ וואָרט אימפעריאליזמ אינ דעמ זעלביקנ זינ, ווי ער, קאוטסקי. מיר נעמענ דעמ ענגלענדער האָבסאָנ אונ לייענענ אינ זײַנ ווערק „אימפעריאליזמ“, וואָס איז ארויס אינ 1902 יאָר:

„דער נײַער אימפעריאליזמ אונטערשיידט זיכ פונ דעמ אלטנ, ערשטנס, דערמיט, וואָס אנשטאָט די שטרעבונגענ פונ איינ וואקסנדיקער אימפעריע שטעלט ער אוועק די טעאָריע אונ די פראקטיק פונ קאָנקורירנדיקע אימפעריעס, וואָס יעדע פונ זיי איז דורכגעדרונגענ מיט אלצײַנע גלוסטעניש צו פאָליטישער פארברייטערונג אונ צו קאָמערציעלע געווינסנ; צווייטנס, דערמיט, וואָס איבער די האנדל־אינטערעסנ הערשנ די פינאנציעלע אינטערעסנ אָדער אזעלכע, וואָס זײַנענ שײַעכ צומ ארײַנלייגנ קאפיטאל“.

מיר זעענ, אז קאוטסקי איז פאקטיש אבסאָליוט ניט גערעכט אינ זײַנ פארופנ זיכ אפ די ענגלענדער בכלל (ער וואָלט זיכ נאָכ עפשער געקאָנט פארופנ אפ די וווּלגארע ענגלישע אימפעריאליסטנ אָדער אפ די דירעקטע אפאָלאָגעטנ פונעמ אימפעריאליזמ). מיר זעענ, אז קאוטסקי, וואָס פרעטענדירט דערופ, אז ער זעצט פאָר די פארטיידיקונג פונ מארקסיזמ, מאכט אינדערעמעסנ א טריט אפ צוריק אינ פארגלײַכ מיטנ סאָציאל-ליבעראל האָבסאָנ, וועלכער דיסקאָנטירט ריכטיקער די צוויי „היסטאָריש-קאָנקרעטע“ (קאוטסקי מיט זײַנ דעפיניציע כויזעקט גראָד אָפ פונ דער היסטאָרישער קאָנקרעטקײַט!) באזונדערקײַטנ פונ דעמ מאָדערנעמ אימפעריאליזמ: 1) די קאָנקורענצ צווישנ עטלעכע אימפעריאליזמענ אונ 2) די אויבערהאנט פונעמ פינאנסיסט איבערנ הענדלער. ווענ ס'האנדלט זיכ אָבער דעריקער ווענג דעמ, אז אנ אינדוסטריעל לאנד אנעקסירט אנ אגראר־לאנד, איז מיט דעמ רוקט מענ דאָכ ארויס די אָנפירנדיקע ראָליע פונ דעמ הענדלער.

קאַוטסקיס דעפיניציע איז ניט נאָר ניט קיין ריכטיקע און ניט קיין מאַרקסיסטישע. זי דינט פאַר א באַזע פון א גאַנצער סיסטעם אָנשויונגען, וואָס רייסן אײַן איבער דער גאַנצער ליניע סײַ מיט דער מאַרקסיסטישער טעאָריע סײַ מיט דער מאַרקסיסטישער פּראַקטיק; וועגן דעם וועלן מיר נאָך שפּעטער ריידן. איינגאַנצן ניט ערנסט איז יענער שטרײַט וועגן ווערטער, וואָס קאַוטסקי האָט אויפגעהויבן: צי דאַרף מען אָנרופן די נײַסטע שטופע פונעם קאַפּיטאַליזם אימפּעריאַליזם, אָדער שטופע פונעם פינאַנץ-קאַפּיטאַל. רופט אָן, ווי איר ווילט; דאָס איז אַלצאיינס. דער טאָך פון דער זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס קאַוטסקי רײַסט אָפּ די פּאָליטיק פונעם אימפּעריאַליזם פון זײַן עקאָנאָמיק, וועדן ער רעדט וועגן אַנעקסיעס, ווי וועגן א פּאָליטיק, וואָס „געפעלט בעסער” דעם פינאַנץ-קאַפּיטאַל, און ווען ער שטעלט איר אַנטקעגן אַן אַנדער בורזשואַזע פּאָליטיק, וועלכע איז קלוימערשט מעגלעך אָפּ דער זעלבער באַזע פונעם פינאַנץ-קאַפּיטאַל. עס קומט אויס, אַז מאָנאָפּאָליעס אין דער עקאָנאָמיק קאָנען זיך פּאָרן מיט ניט קיין מאָנאָפּאָליסטישער, מיט ניט קיין גוואַלטאַמער, מיט ניט קיין פאַרכאַפּערישער האַנדלונג אין דער פּאָליטיק. עס קומט אויס, אַז די טעריטאָריעלע פאַנאַנדערטיילונג פון דער ערד, וואָס איז פאַרענדיקט געוואָרן גראָד אין דער עפּאָכע פונעם פינאַנץ-קאַפּיטאַל און וואָס איז דער גרונט פון דער אייגנאַרטיקייט פון די איצטיקע פאָרמען פון קאָנקורענץ צווישן די גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס, קאָן זיך פּאָרן מיט א ניט-אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק. אָפּ אַזאַ אויפן ווערן פאַרשמירט און פאַרטעמפּט די סאַמע גרונטלעכע ווידערשפּרוכן פון דער נײַסטער שטופע פונעם קאַפּיטאַליזם, אָנשטאָט אויפצודעקן זייער טיפקייט, עס באַקומט זיך בורזשואַזער רעפאָרמיזם אָנשטאָט מאַרקסיזם.

קאַוטסקי פּאָלעמיזירט מיט דעם דײַטשישן אַפּאָלאָגעט פון אימפּעריאַליזם און פון אַנעקסיעס קונאָוו, וועלכער טײַנעט וווּלגאַר און ציניש: דער אימפּעריאַליזם איז דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם; די אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם איז אומפאַרמײַדלעך און פּראָגרעסיוו; הייסט עס, אַז דער אימפּעריאַליזם איז פּראָגרעסיוו; הייסט עס, אַז מע דאַרף זיך בוקן פאַרן אימפּעריאַליזם און זינגען אים לויבגעזאַנגען! ס'דערמאָנט א ביסל יענע קאַריקאַטור, וואָס די פּאָלקיסטן פלעגן מאָלן קעגן די רוסישע מאַרקסיסטן אין די יאָרן 1894—1895: ווי איינער רעדט, אויב די מאַרקסיסטן האַלטן דעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד פאַר אומפאַרמײַדלעך און פּראָגרעסיוו, דאַרפן זיי עפענען א שענק און זיך פאַרנעמען מיט אײַנפלאַנצן קאַפּיטאַליזם. קאַוטסקי „דערווידערט” קעגן קונאָוו: ניין, דער אימפּעריאַליזם

איז ניט דער מאָדערנער קאפּיטאַליזם, ער איז בלויז איינע פון די פּאַר־מענ פון דער פּאָליטיק פונעם מאָדערנעם קאפּיטאליזם, און מיר קאָנענ און דארפנ קעמפנ קעגנ דער דאָזיקער פּאָליטיק, קעמפנ קעגנ אימפּעריאַ־ליזם, קעגנ אנעקסיעס אאוו.

די דאָזיקע דערווידערונג זעט גאנצ פיינ אויס, אינדערעמעסנ אָבער איז זי בלויז געגליכנ צו א מער ראפינירטער, מער פארדעקטער (און דעריבער מער געפערלעכער) פריידיקונג פונ שאָלעם מאכנ מיטנ אימפּע־ריאַליזם, ווייל א „קאמפ״ קעגנ דער פּאָליטיק פונ די טרעסטנ און פונ די בענק, וואָס רירט ניט אָנ די יעסוידעס פונ דער עקאָנאָמיק פונ די טרעסטנ און בענק, לאָזט זיכ אויס צו בורזשואזנ רעפאָרמיזם און פּאַצי־פיזם, צו גוטינקע און אומשולדיקע פרומע ווונטשנ. ארויסדרייענ זיכ פונ די עקזיסטירנדיקע ווידערשפרוכנ, פארגעסנ וועגנ די וויכטיקסטע פונ זיי, אָנ־שטאָט אופצודעקנ די גאנצע טיפקייט פונ די ווידערשפרוכנ — אָט דאָס איז קאוטסקיס טעאָריע, וואָס האָט לאכלוטנ גאָרנישט צו טאָנ מיט מארקסיזם. און ס׳פארשטייט זיכ, אז אזא „טעאָריע״ דינט בלויז צו פארטיידיקנ די אידיי פונ אכדעס מיט קונאָוונ!

„פונ ריינ־עקאָנאָמישנ שטאנדפּונקט, — שרייבט קאוטסקי, — איז ניט אוממעג־לעכ, אז דער קאפּיטאליזם זאל איבערלעבנ נאָכ איינ נייע פאזע, ווענ די פּאָליטיק פונ די קארטעלנ וועט אריבערגעטראָגנ ווערנ אפ דער אויסערלעכער פּאָליטיק, א פאזע פונ אולטרא־אימפּעריאַליזמ,“ דאָס הייסט אנ איבער־אימפּעריאַליזמ, א פארייניקונג צווישנ די אימפּעריאַליזמענ פונ דער גאנצער וועלט און ניט קיינ קאמפ צווישנ זיי, א פאזע, ווענ באמ קאפּיטאליזמ הערנ אופ מילכאָמעס, א פאזע פונ „געמיינזאמענ עקספּלואטירנ די וועלט דורכ דעמ אינטערנאציאָנאל־פארייניקטנ פינאנצ־קאפּיטאל“.

אפ דער דאָזיקער „טעאָריע פונ אולטרא־* אימפּעריאַליזם״ וועט אונדז נאָכ אויסקומענ אָפּצושטעלנ זיכ, קעדיי אויספירלעכ צו באווייזנ, אפ וויפל זי רייסט איינ מיטנ מארקסיזם אנטשיידנ און ניט אפ אומצוקערנ זיכ. דאָ אָבער דארפנ מיר אינ העסקעם מיט דעם אלגעמיינעם פּלאַנ פונ אונדזער עסקיז א קוק טאָנ אפ די פּינקטלעכע עקאָנאָמישע אָנגאבנ, וואָס זיינענ שייכ צו דער דאָזיקער פראגע. צי איז „פונ ריינ־עקאָנאָמישנ שטאנד־פּונקט״ מעגלעכ אנ „אולטרא־אימפּעריאַליזם״ אָדער דאָס איז אנ אולטרא־נארישקייט?

אויב מיר זאָלנ אונטער דעם ריינ־עקאָנאָמישנ שטאנדפּונקט פארשטיינ א „ריינע״ אבסטראַקציע, דאנ וועט אלץ, וואָס מע קאָנ זאָגנ, באשטיינ אינ

* אולטרא — איבער. ר עד.

דער האנאָכע, אז די אנטוויקלונג גייט צו מאָנאָפּאָליעס, אלזאָ, צו איינ אלוועלטלעכער מאָנאָפּאָליע, צו איינ אלוועלטלעכנ טרעסט. דאָס איז אומ־באשטרייטלעך, אָבער דאָס איז אויך אבסאָליוט אינהאלטלאָז, פּונקט ווי מע זאָל אָנווייזנ, אז „די אנטוויקלונג גייט" צו דער פּראָדוקציע פון שפּייז־מיטלענ אינ לאבאָראטאָריעס. אינ דעם פּראט איז די „טעאָריע" פון אולטרא-אימפּעריאַליזם פּונקט אזא אומזינ, ווי עס וואָלט געווענ די „טעאָריע פון אולטרא-לאנדווירטשאפט".

אויב מע זאָל אָבער ריידנ וועגנ די „ריינ-עקאָנאָמישע" באדינגונגענ פון דער עפּאָכע פונעם פינאנצ-קאפּיטאל, ווי וועגנ א היסטאָריש קאָנ־קרעטער עפּאָכע, וואָס געהערט צום אָנהייב XX יאָרהונדערט, וועט דער בעסטער ענטפער אפ די טויטע אבסטראקציעס פונעם „אולטרא-אימ־פּעריאליזם" (וואָס דינענ אויסשליסלעך דעם סאמע רעאקציאָנערסטנ ציל: אָפּווענדנ די אופמערקזאמקייט פונ דער טיפקייט פונ די פאראנענע ווידערשפּרוכנ) זיינ דאָס אנטקעגנשטעלנ קעגנ זיי די קאָנקרעט-עקאָנאָמישעווירקלעכקייט פון דער איצטיקער אלוועלטלעכער ווירטשאפט. אגעוו, קאוטס־קיס ביז גאָר אינהאלטלאָזע רייד וועגנ אולטרא־אימפּעריאַליזם מונטערנ אופ דעם העכסט פאלשנ געדאנק, וואָס גיסט וואסער אפ די רעדער פון די אפּאָלאָגעטנ פון אימפּעריאַליזם, אז די הערשאפט פון דעם פינאנצ-קאפּי־טאל שוואכט, קלוימערשט, אָפּ די ניט-גלייכמעסיקייט און ווידערשפּרוכנ אינווייניק אינ דער אלוועלטלעכער ווירטשאפט, ווענ אינדערעמעסנ מאכט זיי די דאָזיקע הערשאפט נאָך שטארקער.

אינ זיינ קליינעם ביכל „ארייַנפיר אינ דער אלוועלטלעכער ווירטשאפט" האָט ר. קאלווער געפּרווט צו פארסאכאקלענ די ריינ־עקאָנאָמישע הויפּט־פאקטנ, וואָס גיבנ די מעגלעכקייט קאָנקרעט פאָרצושטעלנ די צווישנבא־ציונגענ אינווייניק אינ דער אלוועלטלעכער ווירטשאפט אפנ גרענעצ צווישנ XIX און XX יאָרהונדערטנ. ער טיילט איינ די גאנצע וועלט אפ פינפ „ווירטשאפטלעכע הויפּט-געביטנ": 1) דער מיטל־אייראָפּייִשער (גאנצ איי־ראָפּע, אכוצ רוסלאנד און ענגלאנד); 2) דער בריטישער; 3) דער רוסלענ־דישער; 4) דער מיזרעכ־אזיאטישער און 5) דער אמעריקאנישער, ארייַנע־מענדיק די קאָלאָניעס אינ די „געביטנ" פון יענע מעלוכעס, צו וועלכע זיי געהערנ, און „לאָזנדיק אָנ א זייט" די קליינע צאָל לענדער, וואָס זיי־נענ ניט פארטיילט לויט געביטנ, ווי למשל פּערסיע, אפגאניסטאנ, ארא־ביע און אזיע, מאראָקאָ און אביסיניע אינ אפריקע אדג.

אָט זיינענ בעקיצער די עקאָנאָמישע אָנגאבנ, וועלכע ער ברענגט וועגנ די דאָזיקע געביטנ:

| די ווירטשאַפט־לעכע הויפּטגע־ביטן פון דער וועלט | די פּאַרקער־וועגן / דער שטעטך (מיליאָן קוואַד. קילאָמעטער) | די באַפעלקערונג (אין מיליאָנען) | אײַזנבאַנען (טויזנטער קילאָמעטער) | דער האַנדל / האַנדל־פלאָט (מיליאָנען טאָן) | דער אימפּאָרט און עקספּאָרט צוזאַמען (אין מיליאַרדן מאַרק) | די אינדוסטריע / אַרויסבאַקום / שטיינ־קוילן (מיליאָנען טאָן) | אַרויסבאַקום / טשוהונ (מיליאָנען טאָן) | די צאָל שפּינד־לען אין דער בוימוואָל־אינדוס־טריע (מיליאָנען) |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1) מיטל־אייראָ־פּייִשע * . . | 27,6 (23,6) | 388 (146) | 204 | 8 | 41 | 251 | 15 | 26 |
| 2) בריטישע * | 28,9 (28,6) | 398 (355) | 140 | 11 | 25 | 249 | 9 | 51 |
| 3) רוסלענדישע | 22 | 131 | 63 | 1 | 3 | 16 | 3 | 7 |
| 4) מיזרעך־אזיא־טישע . . . | 12 | 389 | 8 | 1 | 2 | 8 | 0,02 | 2 |
| 5) אמעריקאנישע | 30 | 148 | 379 | 6 | 14 | 245 | 14 | 19 |

מיר זעען דרײַ געביטן מיט א הויך אנטוויקלטן קאפּיטאליזם (א שטאר־קע אנטוויקלונג סײַ פון די טראנספּאָרט־מיטלען סײַ פונעם האנדל סײַ פון דער אינדוסטריע): דעם מיטל־אייראָפּייִשן, דעם בריטישן און דעם אמע־ריקאנישן. צווישן זיי געפינען זיך דרײַ מעלוכעס, וואָס הערשן איבער דער וועלט: דײַטשלאנד, ענגלאנד און די פאראייניקטע שטאטן. די אימפּע־ריאליסטישע קאָנקורענץ צווישן זיי און דער קאמף זײַנען ביז גאָר פאר־שארפט דורך דעם, וואָס דײַטשלאנד האָט א נישטיקן געביט און ווייניק קאָלאָניעס; דאָס שאפן א „מיטל־אייראָפּע" איז נאָך אין דער צוקונפט, און זי ווערט געבוירן אין א פארצווייפלטן קאמף. דערווײַל איז דער צייכן פון גאנץ אייראָפּע די פּאָליטישע צעברעקלטקײַט. אין דעם בריטישן און אמעריקאנישן געביט שטייט, פארקערט, זייער הויך די פּאָליטישע קאָנצענ־טראציע, נאָר ס'איז פאראן א קאָלאָסאלע ניט־אנטשפּרעכיקײַט צווישן די מוירעדיק גרויסע קאָלאָניעס פון דעם ערשטן און די נישטיקע — פון דעם צווייטן געביט. און אין די קאָלאָניעס הייבט ערשט אָן דער קאפּיטאליזם צו אנטוויקלען זיך. דער קאמף פאר דאָרעם־אמעריקע ווערט אלץ שארפער.

צוויי געביטן מיט א שוואך אנטוויקלטן קאפּיטאליזם — דאָס איז דער רוסלענדישער און דער מיזרעך־אזיאטישער. אין דעם ערשטן איז די באַ־פעלקערונג זייער א שיטערע, אינעם צווייטן — זייער א געדיכטע; אינעם ערשטן איז די פּאָליטישע קאָנצענטראציע גרויס, אין דעם צווייטן איז זי

* אין די קלאמערן דער שטעטך און די באפעלקערונג פון די קאָלאָניעס.

ניט פאראנ. כינע האָט מענ ערשט אָנגעהויבנ טיילנ, אונ דער קאמפ איבער איר צווישנ יאפאָניע, פאראייניקטע שטאטנ אאוו. ווערט אלצ שטארקער.

פארגלייכט מיט אָט דער ווירקלעכקייט — מיט דער גיגאנטישער פארשיידנארטיקייט פונ די עקאָנאָמישע אונ פאָליטישע באדינגונגענ, מיט דער גרעסטער ניט־אנטשפרעכיקייט אינ דער גיכקייט פונעמ וווּקס פונ פארשיידענע לענדער אאוו., מיטנ ווילדנ קאמפ צווישנ די אימפעריאליסטישע מעלוכעס — אָט מיט דעמ אלצ פארגלייכט קאוטסקיס נארישע באָבעמייסע וועגנ א „פרידלעכנ" אולטרא־אימפעריאליזמ. איז עס דענ ניט א רעאקציאָנערער פרווו פונ אנ אָנגעשראָקענעמ קליינבירגער אויסצובאהאלטנ זיכ פונ דער גרויזאמער ווירקלעכקייט? גיבנ אונדז דענ ניט די אינטערנאציאָנאלע קארטעלנ, וועלכע זעענ אויס קאוטסקינ ווי עמבריאָנענ פונעמ „אולטרא־אימפעריאליזמ" (פונקט אזוי „קאָנ מענ" די פראָדוקציע פונ טאבלעטקעס אינ א לאבאָראטאָריע אויכ דערקלערנ פאר אנ „עמבריאָנ" פונ אולטרא־לאנדווירטשאפט), א ביישפיל פונ פארטיילנ *אונ* פונ *איבערפארטיילנ* די וועלט, פונ איבערגאנג פונ א פרידלעכער צעטיילונג צו א *ניט*־פרידלעכער, אונ פארקערט? *טיילנ* דענ איצט ניט *איבער* דער אמעריקאנישער אונ דער איבעריקער פינאנצ־קאפיטאל, וואָס האָט מיט דייטשלאנדס אָנטייל אפ א פרידלעכנ אופנ שוינ געהאט צעטיילט די גאנצע וועלט, לאָמיר זאָגנ, אינ דעמ „אינטערנאציאָנאלנ רעלסנ־סינדיקאט" אָדער אינעמ „אינטערנאציאָנאלנ טרעסט פאר האנדל־שיפגאנג", *טיילנ* זיי דענ איצט ניט *איבער* די וועלט אפנ גרונט פונ נייע קויכעס־פארהעלטענישנ, וואָס ענדערנ זיכ אפ גאָר *ניט* קיינ פרידלעכנ אופנ?

דער פינאנצ־קאפיטאל אונ די טרעסטנ שוואכנ ניט אָפ, נאָר זיי פארשטארקנ די אונטערשיידנ צווישנ דער גיכקייט פונ דעמ וווּקס בא פארשיידענע טיילנ פונ דער אלוועלטלעכער ווירטשאפט. אונ וויבאלד די קויכעס־פארהעלטענישנ האָבנ זיכ געענדערט, איז אינ וואָס־זשע קאָנ, *באמ קאפיטאליזמ*, באשטיינ די לייזונג פונ דעמ ווידערשפרוכ, אויב ניט אינ *קראפט*? העכסט פינקטלעכע אָנגאבנ וועגנ דער פארשיידענער גיכקייט פונ וווּקס פונעמ קאפיטאליזמ אונ פונ דעמ פינאנצ־קאפיטאל אינ דער גאנצער אלוועלטלעכער ווירטשאפט האָבנ מיר אינ דער סטאטיסטיק פונ די אייזנבאנענ. פאר די לעצטע יאָרצענדליקער פונ דער אימפעריאליסטישער אנטוויקלונג האָט זיכ די לענג פונ די אייזנבאנענ געענדערט אפ אזא אופנ:

די אײַזנבאַנען
(אין טויזנט. קילאָמ.)

| | 1890 י. | | 1913 י. | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אייראָפּע . . . . . . . . . . . | 224 | | 346 | | +122 | |
| די פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע . | 268 | | 411 | | +143 | |
| אַלע קאָלאָניעס . . . . . . . . . | 82 | 125 | 210 | 347 | +128 | +222 |
| זעלבשטענדיקע און האַלב־זעלבשטענדיקע מעלוכעס פון אזיע און אמעריקע . . | 43 | | 137 | | +94 | |
| סאַכאַקל . . . . . . . . | 617 | | 1 104 | | | |

דאָס הייסט, אז גיכער פאַר אַלץ איז געגאַנגען די אנטוויקלונג פון אײַזנבאַנען אין די קאָלאָניעס און אין די זעלבשטענדיקע (און האַלב-זעלב־שטענדיקע) מעלוכעס פון אזיע און אמעריקע. ס'איז באַוווּסט, אז דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל פון די 4—5 גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס הערשט און רעגירט דאָ פולשטענדיק. צוויי הונדערט טויזנט קילאָמעטער נײַע אײַזנ־באַנען אין די קאָלאָניעס און אין די איבעריקע לענדער פון אזיע און אמעריקע באַדײַטן, אז א נײַער קאַפּיטאַל פון העכער 40 מיליאַרד מאַרק איז פאַרטאָן געוואָרן אף באַזונדערס לוינבאַרע באַדינגונגען, מיט באַזונ־דערע גאַראַנטיעס פון האַכנאָסעדיקײַט, מיט רעוועכדיקע באַשטעלונגען פאַר די שטאָלגוס־זאַוואָדן אדג. אאוו.

גיכער פאַר אַלץ וואַקסט דער קאַפּיטאַליזם אין די קאָלאָניעס און אין די טראַנסאָקעאַנישע לענדער. צווישן זיי קומען אוף נײַע אימפּעריאַ־ליסטישע מעלוכעס (יאַפּאַניע). דער קאַמף צווישן די אַלוועלטלעכע אימפּע־ריאַליזמען פאַרשאַרפט זיך. ס'וואַקסט דער צינז, וועלכן דער פינאַנץ־קאַ־פּיטאַל נעמט פון די באַזונדערס רעוועכדיקע קאָלאָניאַלע און טראַנס־אָקע־אַנישע אונטערנעמונגען. אן אויסשליסלעך גרויסער כיילעק באַם טיילן דעם דאָזיקן „רויב" פאַלט ארײַן אין די הענט פון די לענדער, וואָס ניט שטענ־דיק פאַרנעמען זיי דאָס ערשטע אָרט לויט דער גיכקײַט פון אנטוויקלען די פּראָדוקטיווע קויכעס. אין די גרעסטע מעלוכעס, צוזאַמען מיט זייערע קאָלאָניעס, האָט די לענג פון אײַזנבאַנען באַטראָפן:

(טויזנטער קילאָמעטער)

| | 1890 י. | 1913 י. | |
|---|---|---|---|
| פאַראייניקטע שטאַטן . . . . . . | 268 | 413 | +145 |
| די בריטישע אימפּעריע . . . | 107 | 208 | +101 |
| רוסלאַנד . . . . . . . . . | 32 | 78 | +46 |
| דײַטשלאַנד . . . . . . . . | 43 | 68 | +25 |
| פראַנקרײַך . . . . . . . . . | 41 | 63 | +22 |
| סאַכאַקל אין 5 מעלוכעס | 491 | 830 | +339 |

אלזא, קאָרעוו צו 80 פּראָצ. פון דעם גאנצן סכום אײַזנבאנען איז קאָנצענטרירט אין פינף גרעסטע מעלוכעס. אָבער די קאָנצענטראציע פון אײגנטום אף די דאָזיקע באנען, די קאָנצענטראציע פונעם פינאנץ-קאַ־פיטאל איז נאָך אָן אַן ערעך באדײַטנדיקער, ווײַל אַן אומגעהײער גרויסע מאסע אקציעס און אָבליגאציעס פון די אמעריקאנישע, רוסלענדישע און אנד. אײַזנבאנען געהערט, לעמאָשל, די ענגלישע און פראנצויזישע מיליאָנערן.

אדאנק זײַנע קאָלאָניעס האָט ענגלאנד פארגרעסערט „זײַן" אײַזנבאַנ־נעצ אף 100 טויזנט קילאָמעטער, אין פיר מאָל מער, אײדער דײַטשלאנד. און אלעמען איז דאָך באוווסט, אז די אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קויכעס, באזונדערס אין דער פּראָדוקציע פון שטײנקוילן און פון אײַזן, איז פאר דער צײַט געגאנגען אין דײַטשלאנד אָן אַן ערעך גיכער, אײדער אין ענגלאנד, שוין אָפּגערעדט פון פראנקרײַך און רוסלאנד. אין 1892 יאָר האָט דײַטשלאנד פּראָדוצירט 4,9 מיליאָן טאָן טשוהון קעגן 6,8 אין ענגלאנד; און אין 1912 יאָר — שוין 17,6 קעגן 9,0, דה. א גיגאנטישע איבערוואָג איבער ענגלאנד! פרעגט זיך, וואָס פאר אַן אנדער מיטל, אחוץ מילכאָמע, האָט אפּן באָדן פון קאפּיטאליזם געקאָנט זײַן, קעדײַ באזײַטיקן די אומאנטשפּרעכיקײַט צווישן דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קויכעס און דער אָנזאמלונג פון קאפּיטאל, פון אײן זײַט, און דער צעטײלונג פון די קאָלאָניעס און „ווירקונג-ספערעס" פארן פינאנץ־קאפּיטאל, פון דער אנדערער זײַט?

## VIII. פּאראזיטיזם און פארפוילונג פונעם קאפּיטאליזם

איצט דארפן מיר זיך אָפּשטעלן נאָך אף אײן זײער וויכטיקער זײַט פונעם אימפּעריאליזם, וועלכע ווערט דאָסראָוו ניט גענוג אָפּגעשאצט אין דער מערהײַט אָפּהאנדלונגען איבער דער דאָזיקער טעמע. אײנער פון די כעס־רוינעס פונעם מארקסיסט הילפערדינג איז דאָס, וואָס ער האָט גע־מאכט א טריט אף צוריק אין פארגלײַך מיטן ניט־מארקסיסט האָבסאָן. מיר רײדן וועגן דעם פּאראזיטיזם, וואָס איז אײגנטימלעך דעם אימפּעריאליזם.

ווי מיר האָבן געזען, איז די מאָנאָפּאָליע די סאמע טיפסטע עקאָנאָ־מישע באזע פונעם אימפּעריאליזם. דאָס איז א קאפּיטאליסטישע מאָנאָפּאָ־ליע, דה. אזא, וואָס איז אויסגעוואקסן פונעם קאפּיטאליזם און געפינט זיך אין דער אלגעמײנער סוויווע פון קאפּיטאליזם, פון סכוירע־פּראָדוקציע, פון קאָנקורענץ, אין א שטענדיקן און אויסוועגלאָזן ווידערשפּרוך מיט דער דאָזיקער אלגעמײנער סוויווע. און פונדעסטוועגן רופט זי, ווי יעדע מאָנאָ־

פאָליע, אומפארמײַדלעכ ארויס א שטרעבונג צו פארגליווערונג אונ פארפוילונג. אפ וויפל ס'ווערנ איַנגעשטעלט, זאָל זײַנ נאָר צײַטווײַליק, מאָנאָפאָל־פרײַזנ, אפ אזויפיל פארשווינדנ ביז א געוויסנ גראד די סטימולירנדיקע סיבעס פארנ טעכנישנ, אונ בעמײַלע אויכ פאר יעדנ אנדערנ פראָגרעס, פאר דער באוועגונג פאָרויס; אפ אזויפיל, ווײַטער, קומט אופ אנ ע ק אָ נ אָ מ י ש ע מעגלעכקײַט קינסטלעכ צו פארהאלטנ דעמ טעכנישנ פראָגרעס. א בײַשפיל: אינ אמעריקע האָט איינער אָוענס דערפונדנ א פלאש־מאשינ, וואָס רופט ארויס א רעוואָליוציע אינ דער פראָדוקציע פונ פלעשער. דער דײַטשישער קארטעל פונ פלעשער־פאבריקאנטנ קויפט אָפ אָוענס פאטענטנ, באהאלט זיי בא זיכ אונ פארהאלט זייער אָנווענדונג. פארשטייט זיכ, אז באמ קאפיטאליזמ קאָנ די מאָנאָפאָליע קיינמאָל ניט באזײַטיקנ פונעמ אלוועלטלעכנ מארק פולשטענדיק אונ אפ זייער א לאנגער צײַט די קאָנקורענצ (אינ דעמ שטעקט, אגעוו, איינע פונ די סיבעס, צוליב וועלכע די טעאָריע וועגנ אולטרא־אימפעריאליזמ איז אנ אומזינ). פארשטייט זיכ, אז די מעגלעכקײַט אראָפצוזעצנ די הויצאָעס פונ דער פראָדוקציע אונ צו פארגרעסערנ דעמ רעווער דורכ אײַנפירנ טעכנישע אויסבעסערונגענ ווירקט לעטויוועס ענדערונגענ. ס'ווירקט אָבער ווײַטער אויכ, פונ איר זײַט, די ט ע נ ד ע נ צ צו פארגליווערונג אונ פארפוילונג, וואָס איז אייגנטימלעכ פאר דער מאָנאָפאָליע, אונ אינ אייניקע אינדוסטריע־צווײַגנ, אינ איינצלנע לענדער באקומט זי אפ א געוויסער צײַט די אויבערהאנט.

אינ דער זעלבער ריכטונג ווירקט די מאָנאָפאָליע אפ באזיצנ באזונדערס גרויסע, רײַכע אָדער באקוועמ ליגנדיקע קאָלאָניעס.

ווײַטער. דער אימפעריאליזמ באטײַט א גוואלדיקע אָנזאמלונג פונ געלט־קאפיטאל אינ א קליינער צאָל לענדער, וואָס דערגרייכט, ווי מיר האָבנ געזענ, ביז 100—150 מיליארד פראנק אינ ווערטפאפירנ. פונדאנענ נעמט זיכ דער אויסערגעוויינלעכער וווקס פונעמ קלאס אָדער, ריכטיקער, פונעמ שיכט ראנטיע, דה. מענטשנ, וואָס לעבנ פונ „שנײַדנ קופאָנעס"— מענטשנ, לאכלוטנ אָפגעשיידטע פונ צו באטייליקנ זיכ אינ אוועלכער־ניט־איז אונטערנעמונג, — מענטשנ, וואָס זייער פראָפעסיע איז ליידיקגייערײַ. דער קאפיטאל־עקספאָרט, אלס איינער פונ די סאמע וועזנטלעכע עקאָנאָמישע יעסוידעס פונעמ אימפעריאליזמ, פארשטארקט נאָכ מער אָט די פולשטענדיקע אָפגעריסנקײַט פונ דער פראָדוקציע בא דעמ שיכט ראנטיע, ער לייגט ארופ א שטעמפל פונ פאראזיטיזמ אפ דעמ גאנצנ לאנד, וואָס לעבט פונ עקספלואטירנ די ארבעט פונ עטלעכע טראנס־אָקעאנישע לענדער אונ קאָלאָניעס.

„אין 1893 יאָר, — שרייבט האָבסאָן, — האָט דער בריטישער קאַפּיטאַל, וואָס איז געווען אינוועסטירט אין אויסלאַנד, אויסגעמאַכט בא 15 פּראָצענט פון דעם גאַנצן רייכטום פונעם פאַראייניקטן קיניגרייך“.

**מיר ווילן דערמאָנען, אַז צום 1915 יאָר האָט זיך דער דאָזיקער קאַפּיטאַל פאַרגרעסערט אַנערך אין צוויי א האַלב מאָל.**

„דער אַגרעסיווער אימפּעריאַליזם, — ליִיענען מיר ווייטער בא האָבסאָנען, — וועלכער קאָסט אַזוי טייער די שטייערצאָלער און וועלכער האָט אַזאַ קליינעם באַטייט פאַרן אינדוסטריעלער און פאַרן סוחר... איז א קוואַל פון גרויסע רעוואַכים פאַרן קאַפּיטאַליסט, וועלכער זוכט וווּ צו אינוועסטירן זיין קאַפּיטאַל“... (אין ענגליש ווערט דער דאָזיקער באַגריף באַצייכנט מיט איין וואָרט „אינוועסטער“—ראַנטיע)... „די גאַנצע יאָריקע האַכנאָסע, וואָס גרויסבריטאַניע באַקומט פון איר גאַנצן אויסערלעכן און קאָלאָניאַלן האַנדל, פון אימפּאָרט און עקספּאָרט, רעכנט אויס דער סטאַטיסטיקער גיפען אין 18 מיליאָן פונט סטערלינג (אַרום 170 מיליאָן רובל) אין 1899 יאָר, רעכענענדיק צו צוויי א האַלב פּראָצ. אפן גאַנצן אומזאַץ פון 800 מיליאָן פונט סטערלינג“.

**ווי גרויס ס'זאָל ניט זיין די דאָזיקע סומע, קאָן מיט איר פונדעסטוועגן ניט דערקלערט ווערן דער אַגרעסיווער אימפעריאַליזם פון גרויס־בריטאַניע. ער ווערט דערקלערט דורך דער סומע 90—100 מיליאָן פונט סטערלינג, וואָס שטעלט פאָר די האַכנאָסע פונעם „אינוועסטירטן“ קאַפּיטאַל, די האַכנאָסע פון דעם שיכט ראַנטיע.**

**די האַכנאָסע פון די ראַנטיע איז פינף מאָל אַזוי גרויס ווי די האַכנאָסע פונעם אויסערלעכן האַנדל אין דעם סאַמע „האַנדלס“־לאַנד פון דער וועלט! אָט דאָס איז דער טאָך פונעם אימפּעריאַליזם און פונעם אימפּעריאַליסטישן פּאַראַזיטיזם.**

**דער באַגריף „ראַנטיע-מעלוכע“ (Rentnerstaat) אָדער וווּכער־מעלוכע הייבט אָן דעריבער פון אַלעמען באַנוצט ווערן אין דער עקאָנאָמישער ליטעראַטור וועגן אימפּעריאַליזם. די וועלט האָט זיך צעטיילט אַף א הייפעלע וווּכער-מעלוכעס און אַף א גיגאַנטישער מערהייט מעלוכעס-באַל־כוויוועס.**

„צווישן די קאַפּיטאַלן, — שרייבט שולצע־געווערניץ, — וואָס זיינען אינוועסטירט אין אויסלאַנד, פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט די, וואָס גייען אין פּאָליטיש אָפּהענגיקע אָדער פאַרבינדעטע לענדער: ענגלאַנד גיט האַלוואָעס עגיפּטן, יאַפּאַניע, כינע, דרום־אַמעריקע. זיין קריג־פלאָט שפּילט, אין פאַל פון נויט, די ראָליע פון א געריכטס-עקזעקוטאָר. די פּאָליטישע קראַפט פון ענגלאַנד באַשיצט עס קעגן דעם צאָרן פון די באַל־כוויוועס“.

סארטאָריוס פאָן וואלטערסהאוזען שטעלט ארויס אין זיין ווערק „די פאָלקווירטשאפטלעכע סיסטעם פון אינוועסטירן קאפיטאל אין אויסלאנד“ האָלאנד פאר א מוסטער פון א „ראנטיע־מעלוכע“ און ווייזט אָן, אז ענגלאנד און פראנקרייך ווערן איצט אויך אזויגע מעלוכעס. שילדער האלט, אז פינף אינדוסטריעלע מעלוכעס — ענגלאנד, פראנקרייך, דייטשלאנד, בעלגיע און שווייץ — זיינען „קלאָר אויסגעשפּראָכענע לענדער קרעדיטאָרן“. האָלאנד פארעכנט ער ניט אהער בלויז דערפאר, וואָס עס איז „ווייניק אינדוסטריעל“. די פאראייניקטע שטאטן זיינען א קרעדיטער מער ניט ווי בענעגייע צו אמעריקע.

„ענגלאנד, — שרייבט שולצע־געווערניץ, — וואקסט ביסלעכווייז ארויבער פון אן אינדוסטריעלער מעלוכע אין א מעלוכע א קרעדיטער. ניט געקוקט אף דער אבסאָלוטער פארגרעסערונג פון דער אינדוסטריעלער פראָדוקציע און פונעם אינדוסטריעלן עקספּאָרט, וואקסט אויס דער רעלאטיווער באטייט פון די האכנאָסעס פון פראָצענטן און דיווידענדן, פון עמיסיעס, קאָמיסיעס און ספעקוליאציע פאר דער גאנצער פאָלקווירטשאפט. לויט מיין מיינונג, איז גראָד אָט דער פאקט דער עקאָנאָמישער באָדן פון דעם אימפעריאליסטישן אופשטייג. דער קרעדיטער איז פעסטער פארבונדן מיטן באלכויו, איידער דער פארקויפער מיטן קויפער“.

דער ארויסגעבער פונעם בערלינער זשורנאל „באנק“ א. לאנסבורג האָט אין 1911 יאָר אין ארטיקל: „דייטשלאנד — א ראנטיע־מעלוכע“ אזוי געשריבן וועגן דייטשלאנד:

„אין דייטשלאנד לאכט מען גערן פון דער נייטיע צו פארוואנדלען זיך אין ראנטיע, וואָס באמערקט זיך אין פראנקרייך. מע פארגעסט אָבער דערביי, אז אף וויפל ס'האנדלט זיך וועגן דער בורזשואזיע, ווערן די דייטשישע באדינגונגען אלץ מער ענלעך צו די פראנצויזישע“.

א ראנטיע־מעלוכע איז א מעלוכע פון א פאראזיטישן, פארפוילנדיקן קאפּיטאליזם, און אָט דער אומשטאנד מוז זיך אָפּשפּיגלען סיי אף אלע סאָציאל־פּאָליטישע באדינגונגען פון די געגעבענע לענדער בכלל, סיי באזונדערס אף די צוויי גרונט־שטרעמונגען אין דער ארבעטער־באוועגונג. קעדיי עס צו באווייזן ווי ווייט מעגלעך אָנשויליכער, וועלן מיר לאָזן ריידן האָבסאָנען, וועלכער איז מער פון אלץ „באגלייבט“ ווי אן איידעס, ווייל אים קאָן מען ניט כושעד זיין אין פניעס צו דער „מארקסיסטישער אָרטאָדאָקסיע“, און פון דער אנדערער זייט, איז ער אן ענגלענדער, וואָס ווייס גוט די זאכלאגע אינעם לאנד, וואָס איז רייכער פון אנדערע סיי מיט קאָלאָניעס סיי מיט פינאנץ־קאפּיטאל סיי מיט אימפעריאליסטישער דערפארונג.

באשרײַבנדיק, אונטערנ פרישנ אײַנדרוק פונ דעמ ענגליש־בורישנ קריג,[8] דעמ צוזאמענהאנג צווישנ דעמ אימפעריאליזמ מיט די אינטערעסנ פונ די „פינאנסיסטנ“, דעמ וווקס פונ זייערע רעוואכימ אפ די פאדריאדנ, ליפערונגענ אאוו., האט האבסאנ געשריבנ:

„די ריכטונג־געבער פונ אט דער בעפײַרעש פאראזיטישער פאליטיק זײַנענ די קאפיטאליסטנ; די זעלביקע מאטיוונ ווירקנ אבער אויכ אפ ספעציעלע קאטעגאריעס ארבעטער. אינ א סאכ שטעט זײַנענ די סאמע וויכטיקסטע אינדוסטריע־צווײַגנ אפהענגיק פונ רעגירונג־באשטעלונגענ; פונ אט דעמ פאקט הענגט אפ אינ ניט קיינ קליינער מאס דער אימפעריאליזמ פונ די צענטערס פונ דער מעטאלורגישער אינדוסטריע אונ פונ דער שיפבוי־אינדוסטריע“.

לויט דער מיינונג פונעמ אווטער, האבנ צווייערליי אומשטענדנ אפגעשוואכט די קראפט פונ די אלטע אימפעריעס: 1) דער „עקאנאמישער פאראזיטיזמ“ אונ 2) דאס, וואס די ארמיי פלעגט צוזאמענגעשטעלט ווערנ פונ אפהענגיקע פעלקער.

„דער ערשטער אומשטאנד איז די געוווינהײַט פונ עקאנאמישנ פאראזיטיזמ, לויט וועלכנ די הערשנדיקע מעלוכע נוצט אויס אירע פראווינצנ, קאלאניעס אונ אפהענגיקע לענדער, כדי צו באריַיכערנ איר רעגירנדיקנ קלאס אונ כדי אונטערצוקויפנ אירע נידעריקערע קלאסנ, אז זיי זאלנ בלײַבנ רויק“.

פאר דער עקאנאמישער מעגלעכקײַט פונ אזא אונטערקויפנ, אינ וואס פאר א פארמ דאס זאל ניט פארקומענ, איז נייטיק — וועלנ מיר צוגעבנ פונ זיכ — א מאנאפאליסטיש הויכער רעוועכ.

וועגנ דעמ צווייטנ אומשטאנד שרײַבט האבסאנ:

„איינער פונ די סאמע מעשונעדיקע סימפטאמענ פונ דער בלינדקײַט פונעמ אימפעריאליזמ איז די זארגלאזיקײַט, מיט וועלכער גרויס־בריטאניע, פראנקרײַכ אונ די איבעריקע אימפעריאליסטישע נאציעס שטעלנ זיכ אפ דעמ דאזיקנ וועג. גרויס־בריטאניע איז אוועק ווײַטער פונ אלעמענ. דעמ גרעסטנ טייל שלאכטנ, דורכ וועלכע מיר האבנ דעראבערט אונדזער אינדישע אימפעריע, האבנ געפירט אונדזערע ארמייענ, וואס זײַנענ געווענ צונויפגעשטעלט פונ ארטגעבוירטיקע אײַנוווינער; אינ אינדיע, ווי אויכ די לעצטע צײַט אינ עגיפטנ, געפינענ זיכ די גרויסע שטענדיקע ארמייענ אונטער דער קאמאנדע פונ ענגלענדער; קימאט אלע מילכאמעס, וואס זײַנענ פארבונדנ מיט אונדזער אײַנעמענ אפריקע, אכוצנ דאריעמ־טייל, האבנ דורכגעפירט פאר אונדז די ארטגעבוירטיקע אײַנוווינער“.

די פערספעקטיוו פונ צעטיילנ כינע רופט ארויס בא האבסאנען אזא עקאנאמישע אפשאצונג:

„דער גרעסטער טייל פון מערב־אייראפּע וואלט דאן געקאנט באקומען דעם אויסזען און דעם כאראקטער, וואס עס האבן איצט באזונדערע טיילן פון די דאזיקע לענדער: דאָרעם־ענגלאנד, די ריוויערא, די ערטער פון איטאליע און פון דער שווייץ, וואס ווערן אמערסטן באזוכט פון טוריסטן און זיינען באזעצט מיט גווירים, נעמלעך: א קליין הייפעלע רייכע אריסטאקראטן, וואס באקומען דיווידענדן און פענסיעס פונעם ווייטן מיזרח, מיט אן עטוואס גרעסערער גרופּע פּראָפעסיאָנעלע אנגעשטעלטע און סוחרים און מיט נאך א גרעסערער צאל הויזדינער און ארבעטער אין דער טראנספּאָרט־אינדוסטריע און אין דער אינדוסטריע, וואס איז פארנומען מיט דער ענדגילטיקער באארבעטונג פון פאבריקאטן. אבער די הויפּט־צווייגן פון דער אינדוסטריע וואלטן פארשווינדן, און די מאסעווע ערנערונגס־פּראָדוקטן, די מאסעווע האלב־פאבריקאטן וואלטן קומען, ווי צינז, פון אזיע און פון אפריקע". „אָט וואס פאר א מעגלעכקייטן ס'עפנט פאר אונדז א מער ברייטערער פארבאנד פון די מערב־מעלוכעס, אן אייראָפּיישע פעדעראציע פון די גרויסע מעלוכעס: זי וואלט ניט נאר ניט געריקט פאָרויס די אלוועלטלעכע ציוויליזאציע, נאר זי וואלט געקאנט באדייטן א ריזיקע געפאר פון א מערב־פּאראזיטיזם: זי וואלט אויסגעטיילט א גרופּע פארגעשריטענע אינדוסטריעלע נאציעס, וואס זייערע העכערע קלאסן באקומען א קאלאסאלן צינז פון אזיע און פון אפריקע און מיט דער הילף פון דעם דאזיקן צינז האלטן זיי אויס גרויסע דרעסירטע מאסן אנגעשטעלטע און דינער, וואס זיינען שוין פארנומען ניט מיט פּראָדוצירן לאנדווירטשאפטלעכע און אינדוסטריעלע מאסן־פּראָדוקטן, נאר מיט פּערזענלעכער באדינונג אָדער מיט א צווייטראנגיקער אינדוסטריעלער ארבעט, אונטערן קאנטראָל פון דער נייער פינאנץ־אריסטאָקראטיע. זאלן די, וואס זיינען גרייט אוועקצומאכן מיט דער האנט אזא טעאָריע" (מע האט באדארפט זאגן: פּערספּעקטיוו) „אלס אזא, וואס פארדינט ניט, מע זאל זי באטראכטן, זאלן זיי זיך ארייַנטראכטן אין די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באדינגונגען פון יענע באצירקן פון איצטיקן דאָרעם־ענגלאנד, וואס זיינען שוין געבראכט געוואָרן צו אזא צושטאנד. זאלן זיי א טראכט טאן, וואס פאר א קאלאסאלע פארברייטערונג פון אזא סיסטעם עס וואלט מעגלעך געווארן, ווען כינע וואלט אונטערפאלן אונטער עקאָנאָמישן קאנטראָל פון אזעלכע גרופּעס פינאנסיסטן, „קאפּיטאל־אינוועסטערס", פון זייערע פּאָליטישע און האנדל־אינדוסטריעלע אנגעשטעלטע, וואס פּאָמפּען ארויס רעווחים פון דעם גרעסטן פּאָטענציעלן רעזערוואר, וועלכן די וועלט האט אמאל געוווּסט, כדי צו פארברויכן די דאזיקע רעוואָכים אין אייראָפּע. פארשטייט זיך, די סיטואציע איז א צו פארוויקלטע, ס'איז צו שווער צו דיסקאנטירן די שפּיל פון די וועלט־קויכעס, אז מע זאל רעכענען פאר זייער ווארשיינלעך די אָדער אנדערע אויסטייטשונג פון דער צוקונפט בלויז אין איין ריכטונג. אבער די ווירקונגען, וואס באהערשן בא היינטיקער צייט דעם אימפּעריאליזם אין מערב־אייראָפּע, גייען אין אָט דער ריכטונג, און אויב זיי וועלן ניט קריגן קיין ווידערשטאנד, אויב זיי וועלן ניט אָפּגעצויגן ווערן אין אן אנדער זייט, ארבעטן זיי בעפייערעש אין דער ריכטונג פון אָט אזא מין פארענדיקן דעם פּראָצעס".

**דער אווטער איז פולשטענדיק גערעכט: אויב די קויכעס פונעם אימפּעריאַליזם וואָלטן ניט באגעגנט קיין ווידערשטאנד, וואָלטן זיי בעפייערעש**

געבראַכט דערצו. דער באַטײַט פון די „פּאַרזיניקטע שטאַטן פון אייראָפּע" אין דער מאָדערנער, אימפּעריאַליסטישער, סיטואַציע איז דאָ ריכטיק אָפּגעשאַצט. מע האָט נאָר געדאַרפט צוגעבן, אַז אויך אינעווייניק אין דער אַרבעטער־באַוועגונג „אַרבעטן" די אָפּאָרטוניסטן, וואָס האָבן איצט צײַטווײַליק געזיגט אין דעם גרעסטן טייל לענדער, סיסטעמאַטיש און אומאָפּגעבלעך דאַפקע אין אָט דער ריכטונג. דער אימפּעריאַליזם, וואָס באַטײַט די צעטיילונג פון דער וועלט און די עקספּלואַטאַציע ניט נאָר פון איין כינע, וואָס באַטײַט מאָנאָפּאָליסטיש־הויכע רעוואָכים פאַר אַ הײַפעלע זייער רײַכע לענדער, שאַפט אַן עקאָנאָמישע מעגלעכקײַט אונטערצוקויפן די אויבערשטע צווישנשיכטן פונעם פּראָלעטאַריאַט, און דערמיט שפּײַזט ער, פאָרמירט אויס און פאַרשטאַרקט דעם אָפּאָרטוניזם. מע דאַרף נאָר ניט פאַרגעסן אָן יענע קויכעס, וואָס ווירקן קעגן דעם אימפּעריאַליזם ביכלאַל און קעגן דעם אָפּאָרטוניזם ביפראַט, קויכעס, וואָס דער סאָציאַל־ליבעראַל האָבסאָן האָט, נאַטירלעך, ניט געקאָנט זען.

דער דײַטשישער אָפּאָרטוניסט גערהאַרד הילדעבראַנד, וואָס איז בעשײַטע אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי דערפאַר, ווײַל ער האָט פאַרטיידיקט דעם אימפּעריאַליזם, און וואָס וואָלט איצט געקאָנט זײַן אַ פירער פון דער אַזויגערופענער „סאָציאַל־דעמאָקראַטישער" פּאַרטיי פון דײַטשלאַנד, דערגאַנצט גוט האָבסאָנען, ווען ער פּריידיקט „פאַרזיניקטע שטאַטן פון מײַרעוו־אייראָפּע" (אָן רוסלאַנד) צוליב „געמיינזאַמע" אַקציעס... קעגן די אַפריקאַנישע נעגערס, קעגן דער „גרויסער איסלאַם־באַוועגונג", קעדיי אויסהאַלטן „אַ שטאַרקע אַרמיי און פלאָט" קעגן דער „יאַפּאַניש־כינעזישער קאָאַליציע" אאַ.

די באַשרײַבונג פונעם „בריטישן אימפּעריאַליזם" בא שולצע־געווערניצן באַווײַזט אונדז די זעלבע שטריכן פון פּאַראַזיטיזם. די פאָלק־האַכנאָסע אין ענגלאַנד איז פונעם 1865 יאָר ביז 1898 יאָר געוואָרן קימאַט 2 מאָל אַזוי די גרייס, און די האַכנאָסע „פון אויסלאַנד" איז פאַר דער זעלבער צײַט אויסגעוואָקסן אין נײַן מאָל. אויב דער „פאַרדינסט" פונעם אימפּעריאַליזם באַשטייט אין „דערציִען דעם נעגער צו אַרבעט" (אָן צוואַנג קאָן מען זיך ניט באַגיין...), באַשטייט די „געפאַר" פונעם אימפּעריאַליזם אין דעם, וואָס

„אייראָפּע וועט אַרויפוואַרפן די פיזישע אַרבעט — צוערשט די לאַנדווירטשאַפטלעכע און באַרגישע און דערנאָך די גראָבערע אינדוסטריעלע אַרבעט — אַף די פלייצעס פון דער טונקלהויטיקער מענטשהײַט, און אַליין וועט זי זיך באַנוגענען מיט דער ראָליע פון ראַנטיע, צוגרייטנדיק דערמיט, עפּשער, די עקאָנאָמישע, דערנאָך אויך די פּאָליטישע עמאַנסיפּאַציע פון די רויטהויטיקע און טונקלהויטיקע ראַסעס".

אינ ענגלאנד נעמט מענ אָפּ אַלץ מער אונ מער ערד בא דער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע אונ מע גיט זי אוועק אַפּ ספּאָרט, אַפּ פאַר־ווײַלונגען פאר די גווירים. וועגנ שאָטלאַנד — דאָס סאַמע אַריסטאָקראַטישע אָרט פאר געיעג אונ אַנדערליי ספּאָרט — זאָגט מענ, אז „עס לעבט פונ זײַנ פאַרגאַנגענהײַט אונ פונ דעם מיסטער קאַרנעדזשי" (אַנ אַמעריקאַנער מיליאַרדער). בלויז אַפּ פערד-ספּאָרט אונ געיעג אַפּ פוקסנ גיט ענגלאַנד אויס 14 מיליאָנ פונט סטערלינג (בא 130 מיליאָנ רובל) א יאָר. די צאָל ראַנ־טיע באַטרעפט אינ ענגלאַנד בא א מיליאָנ. דער פּראָצענט פּראָדוקטיווע באַפעלקערונג ווערט אַלץ קלענער:

| | די באַפעלקערונג אינ ענגלאַנד | די צאָל ארבעטער אינ די הויפּט-צווײַגנ פונ דער אינדוסטריע | וויפל פּראָצ. באַ־פעלקערונג מאַכט עס אויס |
|---|---|---|---|
| | (אינ מיליאָנעג) | | |
| 1851 . . . . | 17,9 | 4,1 | 23% |
| 1901 . . . . | 32,5 | 4,9 | 15% |

אונ, ריידנדיק וועגנ דעם ענגלישנ ארבעטער־קלאַס, איז דער בורזשואַזער פּאָרשער פונעם „בריטישנ אימפּעריאַליזם פונ אָנהייב XX יאָרהונ־דערט" געצוווּנגענ סיסטעמאַטיש דורכצופירנ א כילעק צווישנ דעם „אויבערשיכט" ארבעטער אונ „אייגנטלעכ פּראָלעטאַרישנ אונ־טערשטנ שיכט". דער אויבערשטער שיכט גיט די מאַסע מיטגלידער פונ קאָאָפּעראַטיווּנ אונ פּראָפאַריינענ, ספּאָרט-געזעלשאַפטנ אונ פילצאָליקע רעליגיעזע סעקטעס. צו זײַנ ניוואָ איז צוגעפּאַסט דאָס וואַלרעכט, וואָס איז אינ ענגלאַנד „נאָכ אַלץ גענוג באַשרענקט, כדי אויסצו־שליסנ דעם אייגנטלעכ פּראָלעטאַרישנ אונטערשטנ שיכט"!! כדי צוצופוצנ די לאַגע פונעם ענגלישנ ארבעטער־קלאַס, רעדט מענ געוויינלעכ בלויז וועגנ דעם דאָזיקנ אויבערשטנ שיכט, וואָס באַטרעפט א מינ־דערהייט פונעם פּראָלעטאַריאַט: לעמאָשל,

„די פראגע וועגנ ארבעטלאָזיקייט איז דעריקער א פראגע, וואָס רירט אָנ לאָנ־דאָנ אונ דעם פּראָלעטאַרישנ אונטערשטנ שיכט, מיט וועלכנ די פּאָליטיקער רעכענענ זיכ ווייניק..."

מע וואָלט געדאַרפט זאָגנ: מיט וועלכנ די בורזשואַזע פּאָליטיקאַנער אונ די „סאָציאַליסטישע" אָפּאָרטוניסטנ רעכענענ זיכ ווייניק.

צו די באַזונדערקייטן פונעם אימפעריאַליזם, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט דעם קרײַז דערשײַנונגען, וועלכע מיר האָבן באַשריבן, געהערט אויך די פאַרקלענערונג פון דער עמיגראַציע, וואָס גייט פון די אימפעריאַליסטישע לענדער, און די פאַרגרעסערונג פון דער אימיגראַציע (דאָס אַרײַנקומען פון אַרבעטער און איבערוואַנדערונג) אין די דאָזיקע לענדער פון די מער אָפּגעשטאַנענע לענדער, מיט א נידעריקערן אַרבעטלוין. ווי עס מערקט אָן האָבסאָן, פאַלט די עמיגראַציע פון ענגלאַנד, אָנהייבנדיק פון 1884 יאָר: אין דעם יאָר האָבן עמיגרירט 242 טויזנט מאַן, און אין 1900 יאָר — 169 טויזנט. די עמיגראַציע פון דײַטשלאַנד האָט דערגרייכט איר מאַקסימום אין דעם יאָרצענדליק 1881—1890: 1453 טויזנט, און אין די צוויי ווײַטערדיקע יאָרצענדליקער איז זי געפאַלן ביז 544 און 341 טויזנט. דערפאַר איז געוואָקסן די צאָל אַרבעטער, וואָס קומען קיין דײַטשלאַנד פון עסטרײַך, איטאַליע, רוסלאַנד אאַ. לויט דער פאָלק־ציילונג פון 1907 יאָר, זײַנען אין דײַטשלאַנד געווען 1342294 אויסלענדער, פון זיי אינדוסטריעלע אַרבעטער — 440.800, לאַנדווירטשאַפטלעכע — 257329. אין פראַנקרײַך זײַנען די אַרבעטער פון דער באַרג־אינדוסטריע „אין א באַדײַטנדיקן טייל" אויסלענדער: פּאָליאַקן, איטאַליענער, שפּאַניער. אין די פאַרייניקטע שטאַטן פאַרנעמען די אימיגראַנטן פון מיזרעך־ און דאָרעם־אייראָפּע די ערטער, וואָס ווערן באַצאָלט אַמערגסטן, און די אַמעריקאַנער אַרבעטער גיבן דעם גרעסטן פּראָצענט אַזעלכע, וואָס רוקן זיך אַרויס אלס אויפזעער און באַקומען די אַמבעסטן באַצאָלטע אַרבעט. דער אימפעריאַליזם האָט א טענדענץ אויסצוטיילן אויך פון די אַרבעטער פּריווילעגירטע קאַטעגאָריעס און זיי אָפּשפּאַלטן פון דער ברייטער מאַסע פּראָלעטאַריאַט.

ס'איז נייטיק צו פאַרצייכענען, אַז אין ענגלאַנד האָט די טענדענץ פונעם אימפעריאַליזם צו צעשפּאַלטן די אַרבעטער און צו פאַרשטאַרקן צווישן זיי דעם אָפּאָרטוניזם אַרויסצורופן א צײַטווײַליקע פאַרפוילונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג — זיך אָנגעהויבן אַרויסווײַזן א סאַך פריער, איידער סאָף XIX און אָנהייב XX יאָרהונדערט. וואָרעם צוויי גרויסע קענצייכנס פונעם אימפעריאַליזם זײַנען אין ענגלאַנד געווען נאָך פון מיטן XIX יאָרהונדערט: קאָלאָסאַלע קאָלאָניאַלע באַזיצן און די מאָנאָפּאָליסטישע לאַגע אפן אַלוועלטלעכן מאַרק. מאַרקס און ענגעלס האָבן סיסטעמאַטיש, אין מעשעך פון א ריי יאָרצענדליקער, נאָכגעשפּירט נאָך אָט דער פאַרבינדונג צווישן דעם אָפּאָרטוניזם אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און די אימפעריאַליסטישע באַזונדערקייטן פון דעם ענגלישן קאַפּיטאַליזם. ענגעלס, למשל, האָט געשריבן מאַרקסן דעם 7־טן אָקטיאַבער 1858 יאָר:

„דער ענגלישער פּראָלעטאַריאַט ווערט פאַקטיש אַלץ מער און מער פאַרבורזשואַ־זעוועט, אַזוי, אַז די דאָזיקע סאַמע בורזשואַזע נאַציע פון אַלע נאַציעס וויל אַפּאַ־נעם דערפירן די זאַך סאָפקאָלסאָפ צו דעם, אַז צוגלייַך מיט דער בורזשואַזיע זאָל זי האָבן אויך אַ בורזשואַזע אַריסטאָקראַטיע און אַ בורזשואַזן פּראָלעטאַריאַט. פאַרשטייט זיך, מיצאַד אַזאַ נאַציע, וואָס עקספּלואַטירט די גאַנצע וועלט, איז דאָס אין אַ געוויסער מאָס רעכטמעסיק“.

**קימאַט אין אַ פערטל יאָרהונדערט אַרום רעדט ער אין זיין בריוו פון 11־טן אויגוסט 1881 יאָר וועגן**

„די ערגסטע ענגלישע טרעד־יוניאָנען, וועלכע דערלאָזן, אַז ס'זאָלן מיט זיי אָנפירן מענטשן, אונטערגעקויפטע פון דער בורזשואַזיע אָדער יעדנפאַלס פון איר באַצאָלטע“.

**און אין זיין בריוו צו קאַוטסקין פון 12־טן סענטיאַבער 1882 יאָר האָט ענגעלס געשריבן:**

„איר פרעגט מיך, וואָס דענקען די ענגלישע אַרבעטער וועגן דער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק? דאָס אייגענע, וואָס זיי דענקען בכלל וועגן פּאָליטיק. דאָ איז ניט פאַ־ראַן קיין אַרבעטער־פּאַרטיי, דאָ זיינען פאַראַן נאָר קאָנסערוואַטיווע און ליבעראַלע ראַדיקאַלן, און די אַרבעטער באַנוצן זיך גאַנץ רויִק באַגלייַך ווי זיי מיט ענגלאַנדס קאָלאָניאַלער מאָנאָפּאָליע און מיט זיין מאָנאָפּאָליע אויף דעם אַלוועלטלעכן מאַרק“ (דאָס זעלבע האָט ענגעלס אויך געשריבן אין דער פאָרעדע צו דער צווייטער אויפלאַגע פונעם בוך „די לאַגע פונעם אַרבעטער־קלאַס אין ענגלאַנד“, אין 1892 יאָר). 21

**דאָ זיינען קלאָר אָנגעוויזן די סיבעס און די פאָלגן. די סיבעס: 1) דאָס, וואָס דאָס געגעבענע לאַנד עקספּלואַטירט די גאַנצע וועלט; 2) זיין מאָנאָפּאָליסטישע לאַגע אויף דעם אַלוועלטלעכן מאַרק; 3) זיין קאָלאָניאַלע מאָנאָפּאָליע. די פאָלגן: 1) אַ טייל פונעם ענגלישן פּראָלעטאַריאַט ווערט פאַרבורזשואַזעוועט; 2) אַ טייל פון אים דערלאָזט, אַז מיט אים זאָלן אָנ־פירן מענטשן, וואָס זיינען געקויפט פון דער בורזשואַזיע אָדער וואָס ווערן יעדנפאַלס באַצאָלט פון איר. דער אימפּעריאַליזם פון אָנהייב XX יאָרהונדערט האָט פאַרענדיקט די צעטיילונג פון דער וועלט צווישן אַ הייפעלע מעלוכעס, וואָס איטלעכע פון זיי עקספּלואַטירט איצט (אין זין פון באַקומען איבער־רעווער) עטוואָס אַ קלענערן טייל פון „דער גאַנצער וועלט“, איידער ענגלאַנד אין 1858 יאָר; איטלעכע פאַרנעמט אַ מאָנאָפּאָליסטישע לאַגע אויף דעם אַלוועלטלעכן מאַרק אַדאַנק די טרעסטן, קאַרטעלן, דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, די באַציִונגען פונעם קרעדיטער צום**

באַלכוין; איטלעכע פאַרמאָגט ביז אַ געוויסער מאָס אַ קאָלאָניאַלע מאָנאָפּאָליע (מיר האָבן געזען, אַז פון 75 מיליאָן קוואַדראַט-קילאָמעטער, וואָס עס פאַרנעמען אַלע קאָלאָניעס פון דער וועלט, זיינען 65 מיליאָן, דה. 86 פּראָצענט, קאָנצענטרירט אין די הענט פון זעקס מעלוכעס; 61 מיליאָן, דה. 81 פּראָצענט, איז קאָנצענטרירט אין די הענט פון דריי מעלוכעס).

דער קענצייכן פון דער איצטיקער לאַגע באַשטייט אין אַזעלכע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען, וואָס האָבן ניט געקאָנט ניט פאַרשטאַרקן די אומבעשאָלעמדיקייט צווישן דעם אָפּאָרטוניזם מיט די אַלגעמיינע און איקערדיקע אינטערעסן פון דער אַרבעטער-באַוועגונג: דער אימפּעריאַליזם איז פון אַן עמבריאָן אויסגעוואַקסן אין אַ הערשנדיקער סיסטעם; די קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָליעס האָבן פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין דער פאָלקווירטשאַפט און אין דער פּאָליטיק; די צעטיילונג פון דער וועלט איז דערפירט ביזן סאָף; און, פון דער אַנדער זייט, זעען מיר, אַנשטאָט דער ניטגעטיילטער מאָנאָפּאָליע פון ענגלאַנד, אַ קאַמף צווישן אַ קליינער צאָל אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס פאַרן אָנטיילנעמען אין דער מאָנאָפּאָליע — אַ קאַמף, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם גאַנצן אָנהייב פון XX יאָרהונדערט. דער אָפּאָרטוניזם קאָן איצט ניט אַרויסווייזן זיך אַלס פולשטענדיקער זיגער אין דער אַרבעטער-באַוועגונג פון אַזעלכן ניט-אין לאַנד אַף אַ לאַנגער ריי יאָרצענדליקער, ווי עס האָט געהאַט געזיגט דער אָפּאָרטוניזם אין ענגלאַנד אין דער צווייטער העלפט XIX יאָרהונדערט, נאָר ער איז שוין ענדגילטיק צייטיק געוואָרן, ער האָט איבערגעצייטיקט און איז צעפוילט אין אַ ריי לענדער, האָבנדיק זיך פולקום צונויפגעוואַקסן מיט דער בורזשואַזער פּאָליטיק, אַלס סאָציאַל-שאָוויניזם.*

## IX. די קריטיק פונעם אימפּעריאַליזם

די קריטיק פונעם אימפּעריאַליזם פאַרשטייען מיר אין ברייטן זינען פונעם וואָרט, ווי אַ באַציִונג צו דער פּאָליטיק פונעם אימפּעריאַליזם מיצאַד פאַרשיידענע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער אַלגעמיינער אידעאָלאָגיע.

---

* דער רוסישער סאָציאַל-שאָוויניזם פון די הערן פּאָטרעסאָוו, טשכענקעליס, מאַסלאָוו אאוו. סיי דער אָפענער און סיי דער פאַרשטעלטער (פון די הערן טשכעידזע, סקאָבעלעוו, אַקסעלראָד, מאַרטאָוו אאַ.), איז אויך אויסגעוואַקסן פון דער רוסישער וואַריאַציע פון אָפּאָרטוניזם, נעמלעך, פון דער ליקווידאַטאָרסטווע.

פון איין זײַט, די ריזיקע מאסשטאבן פונעם פינאנץ-קאפיטאל, וואָס איז קאָנצענטרירט אין א קליינער צאָל הענט און שאפט אַן אויסערגע־וויינלעך ברייט צעווּאָרפענע און געדיכטע נעץ פארהעלטענישן און פאר־בינדונגען, וועלכע מאכט צו אים אונטערטעניק א מאסע ניט בלויז מיטע־לע און קליינע, נאָר אויך די סאמע דריבנע קאפיטאליסטן און באלעבעס־לעך, און פון דער אנדער־ער זײַט, דער פארשארפטער קאמף קעגן אנדערע נאציאָנאל מעלוכישע גרופעס פינאנסיסטן פאר דער צעטיילונג פון דער וועלט און פאר דער הערשאפט איבער די איבעריקע לענדער, — דאָס אלץ רופט ארויס א מאסנווײַזן איבערגאנג פון אלע פארמעגלעכע קלאסן אפ דער זײַט פונעם אימפעריאליזם. „אלגעמיינע" באגײַסטערונג פון זײַנע פערספעקטיוון, מעשוגענע פארטיידיקונג פונעם אימפעריאליזם, אלערליי פארפוצונגען פאר אים, — אָט דאָס איז דער צייכן פון אונדזער צײַט. די אימפעריאליסטישע אידעאָלאָגיע דרינגט ארײַן אויך אינעם ארבעטער־קלאס. קיין כינעזישע וואנט זונדערט אים ניט אָפּ פון די איבעריקע קלאסן. אויב די פירער פון דער איצטיקער אזויגערופענער „סאָציאל־דעמאָקראטי־שער" פארטיי אין דײַטשלאנד האָבן מיט רעכט באקומען דעם נאָמען „סאָציאל-אימפעריאליסטן", דאָס הייסט, סאָציאליסטן לויט זייערע רייד און אימפעריאליסטן לויט זייערע מעשׂים, האָט האָבסאָן נאָך אין 1902 יאָר פארצייכנט די עקזיסטענץ פון „פאביאנישע אימפעריאליסטן" אין ענגלאנד, וואָס געהערן צו דער אָפּאָרטוניסטישער „פאביאנער גע־זעלשאפט".

די בורזשואזע געלערנטע און פובליציסטן טרעטן געוויינלעך ארויס אלס פארטיידיקער פון דעם אימפעריאליזם אין עטוואָס א פארדעקטער פאָרם, — זיי פארשמירן די פולשטענדיקע הערשאפט פונעם אימפעריאליזם און זײַנע טיפע וואָרצלען און זעען ארויסצורוקן אפן פאָדערגרונט פראַ־טים און אייגצלהײַטן פון צווייטן ראנג; זיי באמיִען זיך אָפּצוציִען די אויפמערקזאמקײַט פון דעם עצעם איניען מיט גאָר ניט קיין ערנסטע פראָ־יעקטן וועגן אזעלכע „רעפאָרמעס", ווי פאָליציייִשער אויפזיכט אפ די טרעסטן אָדער אפ די בענק אדג. זעלטענער טרעטן ארויס ציניש, אָפן־הארציקע אימפעריאליסטן, וואָס האָבן דעם מוט צו אנערקענען דעם אומ־זין פונעם געדאנק צו רעפאָרמירן די גרונט־אייגנשאפטן פונעם אימפערי־אליזם.

מיר וועלן ברענגען איין בײַשפיל. די דײַטשישע אימפעריאליסטן באמיִען זיך אין דער אויסגאבע: „דער ארכיוו פון דער אלוועלטלעכער ווירטשאפט" נאָכצושפירן די נאציאָנאל־באפרײַערישע באוועגונגען אין די

קאָלאָניעס, באזונדערס, פארשטייט זיכ, אינ די ניט־דײַטשישע. זיי פארצייכענענ יוירונג אונ פראָטעסטנ אינ אינדיע, א באוועגונג אינ נאטאל (דאָרעמ־אפריקע), אינ דער האָלענדישער אינדיע אאוו. אָט וואָס עס שרײַבט איינער פונ זיי אינ א נאָטיצ וועגנ אנ ענגלישער אויסגאבע, וואָס גיט א באריכט וועגנ דער קאָנפערענצ פונ אונטערטעניקע פעלקער אונ ראסעס, וועלכע איז פאָרגעקומענ דעמ 28—30 יונ 1910, א קאָנפערענצ פונ פאָרשטייער פונ פארשיידענע פעלקער פונ אזיע, אפריקע, אייראָפע, וואָס געפינענ זיכ אונטער פרעמדלענדישער הערשאפט. אָפשאצנדיק די רעדעס, וואָס זײַנענ געהאלטנ געוואָרנ אפ דער דאָזיקער קאָנפערענצ, שרײַבט ער:

„מע זאָגט אונדז, אז מע מוז קעמפנ קעגנ דעמ אימפעריאַליזמ; די הערשנדיקע מעלוכעס מוזנ אנערקענענ דאָס רעכט פונ די אונטערטעניקע פעלקער אפ זעלבשטענדיקײט; א צווישנפעלקערלעכער טריבונאל דאַרפ אכטונג געבנ, ס'זאָלנ אויסגעפילט ווערנ די אפמאכנ, וואָס זײַנענ געשלאָסנ געוואָרנ צווישנ די גרויסמאכטנ מיט די שוואכע פעלקער. ווײַטער פונ אָט די אומשולדיקע ווונטשנ גייט ניט די קאָנפערענצ. מיר זעענ דאָ ניט קיינ ברעקל פארשטייענ פונ יענעמ עמעס, אז דער אימפעריאַליזמ איז ענג צוזאמענגעבונדנ מיטנ קאפיטאליזמ אינ זײַנ איצטיקער פאָרמ אונ אז דעריבער (!!) איז דער דירעקטער קאמפ קעגנ אימפעריאַליזמ האָפענונגלאָז, סײַדנ זיכ באַגרענעצנ מיט ארויסטרעטונגענ קעגנ איינצלנע, באזונדערס עקלהאפטע, עקסצעסנ".

אזויווי דאָס רעפאָרמיסטישע פאריכטנ די יעסוידעס פונעמ אימפעריאַליזמ איז א שווינדל, אנ „אומשולדיקער ווונטש", אזויווי די בורזשואזע פאָרשטייער פונ די אונטערדריקטע נאציעס גייענ ניט „ווײַטער" פאָרויס, גייט דערפאר דער בורזשואזער פאָרשטייער פונ דער אונטערדריקנדיקער נאציע „ווײַטער" אפ צוריק אונ פאלט אפ די קני פארנ אימפעריאַליזמ, צודעקנדיק דאָס מיט דער פרעטענזיע אפ „וויסנשאפטלעכקײט". אויכ א „לאָגיק"!

די פראגנ וועגנ דעמ, צי איז מעגלעכ אפ א רעפאָרמיסטישנ אויפנ צו ענדערנ די יעסוידעס פונעמ אימפעריאַליזמ, צי דאַרפ מענ גיינ פאָרויס, צו דער ווײַטערדיקער פארשארפונג אונ פארטיפונג פונ די ווידערשפרוכנ, וועלכע ער רופט ארויס, אָדער מע דאַרפ גיינ אפ צוריק, צו פארטעמפנ זיי — דאָס זײַנענ די גרונט־פראגנ פאר דער קריטיק פונעמ אימפעריאַליזמ. אזויווי די פאָליטישע באזונדערקײַטנ פונעמ אימפעריאַליזמ זײַנענ די רעאקציע איבער דער גאנצער ליניע אונ די פארשטארקונג פונעמ נאציאָנאלנ דרוק אינ צוזאמענהאנג מיטנ דרוק פונ דער פינאנצ־אָליגארכיע אונ מיט דער באזײַטיקונג פונ דער פרײַער קאָנקורענצ, טרעט דע־

ריבער ארויס די קליינבירגערלעך־דעמאָקראַטישע אָפּאָזיציע קעגן דעם אים־פּעריאַליזם קימאט אין אלע אימפּעריאַליסטישע לענדער פון אָנהייב XX יאָרהונדערט. און דאָס, וואָס קאַוטסקי און דער ברייטער אינטערנאַציאָנאַ־לער קאַוטסקיאַניזם האָבן אײַנגעריסן מיטן מאַרקסיזם, באַשטייט טאַקע דערין, וואָס קאַוטסקי האָט ניט נאָר ניט געזאָרגט און ניט געקאָנט זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן אָט דער קליינבירגערלעכער, רעפאָרמיסטישער אָפּאָ־זיציע, וואָס איז עקאָנאָמיש רעאַקציאָנער לויט איר יעסאָד, נאָר ער האָט זיך, פאַרקערט, פּראַקטיש מיט איר צונויפגעגאָסן.

אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָט די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע קעגן שפּאַניע אין 1898 י. ארויסגערופן אַן אָפּאָזיציע מיצאַד די „אַנ־טי־אימפּעריאַליסטן“, מיצאַד די לעצטע מאָהיקאַנער פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, זיי האָבן געהאַלטן די דאָזיקע מילכאָמע פאַר א „פאַרברע־כערישער“, זיי האָבן געהאַלטן, אַז מיטן אַנעקסירן פרעמדע לענדער איז מען אויוועק אָפּ דער קאָנסטיטוציע, זיי האָבן דערקלערט פאַר א „שווינדל פון די שאָוויניסטן“ די האַנדלונג קעגן אַגווינאַלדאָן, דעם פירער פון די אָרטגעבירטיקע אײַנוווינער פון די פיליפּינען (מע האָט אים צוגעזאָגט, אַז זײַן לאַנד וועט בלײַבן פרײַ, און דערנאָך האָט מען ארויסגעזעצט אָפּ די אינדזלען אַמעריקאַניש מיליטער און אַנעקסירט די פיליפּינען); זיי פלעגן ציטירן לינקאָלנס ווערטער:

„ווען א ווייסער מענטש פארוואלטעט מיט זיך אליין, איז עס זעלבסטפארוואל־טונג; ווען ער פארוואלטעט מיט זיך אליין און צוגלייך אויך מיט אנדערע, איז עס שוין ניט קיין זעלבסטפארוואלטונג, דאָס איז שוין דעספּאָטיזם“.

נאָר קאָלומאַן אָט די גאַנצע קריטיק האָט מוירע געהאַט צו אַנערקע־נען דעם פעסטן צוזאַמענבונד פון דעם אימפּעריאַליזם מיט די טרעסטן, און, דאָס הייסט, מיט די יעסוידעס פונעם קאַפּיטאַליזם, קאָלומאַן זי האָט מוירע געהאַט צוצושטיין צו די קויכעס, וואָס ווערן ארויסגערופן דורכן גרויס־קאַפּיטאַליזם און דורך זײַן אַנטוויקלונג, איז זי פאַרבליבן אַ „אום־שולדיקער ווונטש“.

פּונקט אַזאַ איז אויך האָבסאָנס גרונט־פּאָזיציע אין זײַן קריטיק פו־נעם אימפּעריאַליזם. האָבסאָן איז נאָר פאָרלאָפן דעם וועג קאַוטסקין, ווען ער האָט זיך ארויסגעזאָגט קעגן דער „אומפאַרמײַדלעכקײַט פונעם אימפּע־ריאַליזם“ און האָט אָפּעלירט צו דער נייטיקײַט „אופצוהייבן די געברויכ־פייִקײַט“ פון דער באַפעלקערונג (באַם קאַפּיטאַליזם!). די ניט איין מאָל פון אונדז ציטירטע אַגאַד, א. לאַנסבורג, ל. עשוועגע, און פון די פראַנ־צויזישע שרײַבער — וויקטאָר בעראַר, דער אַוטאָר פון דעם אויבערפלעכ־

לעכן בוך: „ענגלאַנד און דער אימפּעריאַליזם״, וואָס איז אַרויס אין 1900 יאָר, זיי אַלע שטייען אויף דעם קלײנבירגערלעכן שטאַנדפּונקט אין דער קריטיק פונעם אימפּעריאַליזם, פון דער אַלמעכטיקײַט פון די בענק, פון דער פינאַנץ־אָליגאַרכיע אאַז״װ. זיי אַלע, האַגאַם זיי פּרעטענדירן גאָר ניט אויף מאַרקסיזם, שטעלן זיי אַנטקעגן די פרײַע קאָנקורענץ און די דעמאָ־קראַטיע קעגן דעם אימפּעריאַליזם, זיי פאַרורטײלן דעם אויפטו מיט דער באַגדאַדער אײַזנבאַן, [15] װעלכער פירט צו קאָנפליקטן און צו מילכאָמע, זיי זאָגן אַרויס „אומשולדיקע װוּנטשן״ װעגן שאָלעם אאַז״װ; אַזוי האַנדלט אויך דער סטאַטיסטיקער פון צווישנפעלקערלעכע עמיסיעס א. ניימאַרק, װעלכער האָט אויסגעשריבן אין 1912 יאָר, צונויפרעכנענדיק די הונ־דערטער מיליאַרדן פראַנק „צווישנפעלקערלעכע״ װערטן: „צי קאָן מען גאָר אפילע מיינען, אַז עס קאָן צעשטערט װערן דער שאָלעם?.. אַז בײַ אַזעלכע קאָלאָסאַלע ציפערן זאָל מען ריזיקירן אַרויסצורופן אַ מילכאָמע?״

מיצאַד בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן איז אַזאַ נאַיװקײַט ניט קיין װוּנדער; דערבײַ לוינט זיי טאַקע זיך פאַרצושטעלן פאַר אַזעלכע נאַיװע און צו ריידן „ערנסט״ װעגן שאָלעם בײַם אימפּעריאַליזם. אָבער װאָס איז פאַר־בליבן פונעם מאַרקסיזם בײַ קאַוטסקין, װען ער שטעלט זיך אין די יאָרן 1914, 1915, 1916 אויף דעם זעלביקן בורזשואַז־רעפאָרמיסטישן שטאַנדפּונקט און באַהויפּט, אַז „אַלע זײַנען מאַסקים״ (אימפּעריאַליסטן, קלוימערשט־סאָציאַליסטן און סאָציאַל־פּאַציפיסטן) אין דער פראַגע װעגן שאָלעם? אַנשטאָט צו אַנאַליזירן און אויפדעקן די טיפקײַטן פון די סטי־רעס אינעם אימפּעריאַליזם, זעען מיר בלויז אַ רעפאָרמיסטישן „אומשול־דיקן װוּנטש״ אָפּצוטרײַסלען זיך, אַרויסצודרייען זיך פון זיי.

אָט איז אַ מוסטער פון קאַוטסקיס עקאָנאָמישער קריטיק פונעם אימ־פּעריאַליזם. ער נעמט די ציפערן װעגן עקספּאָרט און אימפּאָרט פון עגיפּטן קיין ענגלאַנד אין די יאָרן 1872 און 1912; װײַזט זיך אַרויס, אַז דער דאָזיקער עקספּאָרט און אימפּאָרט איז געוואַקסן שוואַכער, איידער דער אַלגעמיינער עקספּאָרט און אימפּאָרט אין ענגלאַנד. פונדאַנען דרינגט קאַוטסקי אַזוי:

„מיר האָבן קיין שום גרונט ניט צו מיינען, אַז אויב עגיפּטן װאָלט ניט פאַר־נומען געוואָרן פון מיליטערישער קראַפט, װאָלט דער האַנדל מיט איר װייניקער אויסגעוואַקסן צוליב דער װירקונג פון דעם פּאַשעטן געוויכט פון די עקאָנאָמישע פאַקטאָרן״. „די שטרעבונגען פונעם קאַפּיטאַל צום פאַרברייטערן זיך״ „קאָנען בע־סער פאַר אַלץ דערגרייכט װערן ניט דורך די גוואַלט־מעטאָדן פונעם אימפּעריאַליזם, נאָר דורך פרידלעכער דעמאָקראַטיע״.

אָט די כקירע קאוטסקיס, וועלכע עס כאזורט איבער אפ הונדערטערליי אויפאנימ זיינ רוסלענדישער וואָפנטרעגער (אונ רוסלענדישער צודעקער פונ די סאָציאַל־פאשיסטנ) ה' ספעקטאטאָר, איז דער יעסאָד פונ דער קאוטסקיאנישער קריטיק פונעמ אימפעריאַליזמ, אונ מיר מוזנ זיכ דעריבער אויספירלעכער אפ אימ אָפּשטעלנ. לאָמיר אָנהייבנ מיט א ציטאטע פונ הילפערדינג, וואָס זיינע אויספירנ האָט קאוטסקי פיל מאָל, אויכ אינ אפּרעל 1915 יאָר, דערקלערט „פאר איינשטימיק אָנגענומענע פונ אלע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער".

„ס'איז ניט די זאכ פונעמ פּראָלעטאריאט — שרייבט הילפערדינג, — אנטקעגנצושטעלנ דער מער פּראָגרעסיווער קאפּיטאַליסטישער פּאָליטיק די ערע פונ פרייענ האנדל אונ פונ פיינטלעכער באציונג צו דער מעלוכע, אנ ערע, וואָס איז שוינ געבליבנ הינטער אונדז. אפ דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פונעמ פינאנצ־קאפּיטאל, אפנ אימפעריאַליזמ, דארפ דער פּראָלעטאריאט ענטפערנ ניט מיט פרייהייט פונ האנדל, נאָר בלויז מיט סאָציאַליזמ. ניט אזא אידעאל, ווי צוריקופשטעלנ די פרייע קאָנקורענצ, קאָנ איצט זיינ דער ציל פונ דער פּראָלעטארישער פּאָליטיק, — ער האָט זיכ איצט פארוואנדלט אינ א רעאקציאָנערנ אידעאל, — נאָר בלויז די פולשטענדיקע פארניכטונג פונ קאָנקורענצ דורכנ אפשאפנ דעמ קאפּיטאַליזמ".

קאוטסקי האָט איינגעריסנ מיטנ מארקסיזמ, ווענ ער האָט גענומענ פאר־טיידיקנ פאר דער עפּאָכע פונעמ פינאנצ־קאפּיטאל א „רעאקציאָנערנ אידעאל", די „פרידלעכע דעמאָקראטיע", דעמ „פּאָשעטנ געוויכט פונ עקאָנאָמישע פאקטאָרנ", ווארעמ אָט דער אידעאל שלעפּט אָביעקטיוו אפ צוריק, פונ דעמ מאָנאָפּאָליסטישנ קאפּיטאַליזמ צו דעמ ניט־מאָנאָפּאָליסטישנ, ער איז א רעפאָרמיסטישער שווינדל.

דער האנדל מיט עגיפּטנ (אָדער מיט אנ אנדער קאָלאָניע צי מיט א האלב־קאָלאָניע) „וואָלט אויסגעוואקסנ" שטארקער אָנ א מיליטערישער אָקופּאציע, אָנ דעמ אימפעריאַליזמ, אָנ דעמ פינאנצ־קאפּיטאל. וואָס באטייט עס? אז דער קאפּיטאַליזמ וואָלט זיכ אנטוויקלט גיכער, ווענ די פרייע קאָנקורענצ וואָלט ניט געווענ באגרענעצט ניט דורכ מאָנאָפּאָליעס ביכלאל, ניט דורכ „פארבינדונגענ" אָדער דורכ דרוק (דה. אויכ מאָנאָפּאָליע) פונעמ פינאנצ־קאפּיטאל, ניט דורכ דעמ, וואָס איינצלנע לענדער באזיצנ מאָנאָפּאָליסטיש קאָלאָניעס?

קיינ אנדער זינ קאָנענ קאוטסקיס כקירעס ניט האָבנ אונ דער דאָזיקער „זינ" איז אנ אומזינ. זאָל זיינ, אז יאָ, אז די פרייע קאָנקורענצ אָנ שומ מאָנאָפּאָליעס וואָלט גיכער אנטוויקלט דעמ קאפּיטאַליזמ אונ דעמ האנדל. אָבער וואָס גיכער עס גייט די אנטוויקלונג פונעמ האנדל אונ פונעמ קאפּיטאַליזמ, אלצ שטארקער איז די קאָנצענטראציע פונ דער פּראָ-

דוקציע אונ פונעמ קאפיטאל, וואס געבוירט די מאנאפאליע. אונ די מאנאפאליעס זײַנענ שוינ געבוירנ געווארנ — אונ טאקע פונ דער פרײַער קאנקורענצ! אויב אפילע די מאנאפאליעס האבנ גענומענ איצט פארלאנג־זאמענ די אנטוויקלונג, איז עס נאכ ניט קיינ ארגומענט לעטויוועס פרײַער קאנקורענצ, וועלכע איז אומעגלעכ נאכ דעמ, ווי זי האט געבוירנ די מאנאפאליעס.

ווי איר זאלט ניט דרייענ קאוטסקיס כקירעס, איז אכוצ רעאקציאנערישקײַט אונ בורזשואזנ רעפארמיזמ אינ זיי גארנישט ניטא.

אויב מע זאל אויסבעסערנ די דאזיקע כקירע אונ זאגנ, ווי עס זאגט ספעקטאטאר: דער האנדל פונ די ענגלישע קאלאניעס מיט ענגלאנד אנטוויקלט זיכ איצט לאנגזאמער, איידער מיט אנדערע לענדער — וועט עס אויכ ניט ראטעווענ קאוטסקינ. ווארעמ ענגלאנד ווערט געשלאגנ אויכ דורכ דער מאנאפאליע, אויכ דורכ אימפעריאליזמ, — נאר פונ אנ אנדער לאנד (פונ אמעריקע, דײַטשלאנד). ס'איז באוווסט, אז די קארטעלנ האבנ געבראכט צו שוצ־אפצאלונגענ פונ א נײַעמ, אריגינעלנ טיפ: ס'ווערנ באשיצט (דאס האט נאכ ענגעלס פארצייכנט אינעמ III באנד „קאפיטאל")[22] גראד יענע פראדוקטנ, וועלכע טויגנ פארנ עקספארט. ווײַטער איז באוווסט די סיסטעמ, וואס ליגט אינ דער טעווע פונ די קארטעלנ אונ פונעמ פינאנצ־קאפיטאל — „צו עקספארטירנ לויט שלײַדער־(דעמפינג-) פרײַזנ", די סיסטעמ פונ „ארויס־שלײַדערנ", ווי עס דריקנ זיכ אויס די ענגלענדער: אינווייניק אינ לאנד פארקויפט דער קארטעל זײַנע פראדוקטנ לויט א מאנאפאליסטיש־הויכנ פרײַז אונ אינ אויסלאנד פארקויפט ער זיי האלב אומזיסט, כדי אונטערצוריײַסנ דעמ קאנקורענט, כדי פארברייטערנ ביזנ מאקסימומ זײַנ פראדוקציע אאוו. אויב דײַטשלאנד אנטוויקלט גיכער, איידער ענגלאנד, זײַנ האנדל מיט די ענגלישע קאלאניעס, — באווײַזט עס נאר, אז דער דײַטשישער אימפעריאליזמ איז פרישער, שטארקער, ארגאניזירטער, העכער פארנ ענגלישנ, דאס באווײַזט אבער לאכלוטנ ניט „די איבערוואג" פונ דעמ פרײַענ האנדל, ווײַל דא קעמפט ניט דער פרײַער האנדל קעגנ פראטעקציאניזמ, קעגנ קאלאניאלער אפהענגיקײַט, נאר דא קעמפט איינ אימפעריאליזמ קעגנ צווייטנ, איינ מאנאפאליע קעגנ דער צווייטער, איינ פינאנצ-קאפיטאל קעגנ צווייטנ. די איבערוואג פונעמ דײַטשישנ אימפעריאליזמ איבערנ ענגלישנ איז שטארקער, איידער די וואנט פונ קאלאניאלע גרענעצנ אדער פונ שוצ־אפצאלונגענ: נעמענ דאס פאר אנ „ארגומענט" לעטויוועס דעמ פרײַענ האנדל אונ „פרידלעכער דעמאקראטיע" איז באנאל, דאס הייסט פארגעסנ די גרונט־שטריכנ אונ אייגנשאפטנ פונעמ אימפעריאליזמ, דאס הייסט פארבײַטנ דעמ מארקסיזמ אפ קליינבירגערלעכנ רעפארמיזמ.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז אפילו דער בורזשואזער עקאָנאָמיסט א. לאַנס-בורג, וועלכער קריטיקירט דעם אימפּעריאַליזם פונקט אַזוי קלײנבירגערלעך, ווי קאַוטסקי, איז פונדעסטוועגן געקומען צו א מער ווישנשאַפטלעכן באַ-אַרבעטן די אָנגאַבן פון דער האַנדל-סטאַטיסטיק. ער האָט פאַרגליכן ניט נאָר אײן צופעליק גענומענעם לאַנד און ניט בלויז א קאָלאָניע מיט די איבעריקע לענדער, נאָר ער האָט פאַרגליכן דעם עקספּאָרט פון אן אימפּעריאַליסטיש לאַנד 1) אין די לענדער, וואָס זײַנען פון אים פינאַנציעל אָפּהענגיק, וואָס לײַען בא אים געלט, און 2) אין די לענדער, וואָס זײַנען פינאַנציעל ניט אָפּהענגיק. האָט זיך באַקומען אָט וואָס:

דער עקספּאָרט פון דײַטשלאַנד (מיליאָנען מאַרק)

| | | 1889 | 1908 | פאַרגרעסערט אין % |
|---|---|---|---|---|
| אין לענדער, וואָס זײַנען פינאַנציעל אָפּהענגיק פון דײַטשלאַנד | רומעניע | 48,2 | 70,8 | + 47% |
| | פּאָרטוגאַל | 19,0 | 32,8 | + 73% |
| | אַרגענטינע | 60,7 | 147,0 | + 143% |
| | בראַזיליע | 48,7 | 84,5 | + 73% |
| | טשילי | 28,3 | 52,4 | + 85% |
| | טערקײַ | 29,9 | 64,0 | + 114% |
| | *סאַכאַקל* | *234,8* | *451,5* | *+ 92%* |
| אין לענדער, וואָס זײַנען פינאַנציעל אומאָפּהענגיק פון דײַטשלאַנד | גרויסבריטאַניע | 651,8 | 997,4 | + 53% |
| | פראַנקרײַך | 210,2 | 437,9 | + 108% |
| | בעלגיע | 137,2 | 322,8 | + 135% |
| | שווייץ | 177,4 | 401,1 | + 127% |
| | אויסטראַליע | 21,2 | 64,5 | + 205% |
| | האָלענד. אינדיע | 8,8 | 40,7 | + 363% |
| | *סאַכאַקל* | *1206,6* | *2264,4* | *+ 87%* |

לאַנסבורג האָט ניט אונטערגעפירט קײן סאַכאַקלען און האָט דעריבער, צום באַוווּנדערן, ניט באַמערקט, אַז אויב די דאָזיקע ציפערן דערווײַזן עפּעס יאָ, איז נאָר קעגן אים, ווײַל דער עקספּאָרט אין פינאַנציעל-אָפּהענגיקע לענדער איז, האַגאַם אָפּ ניט קײן סאַך, נאָר דאָך געוואַקסן גיכער, איידער אין די פינאַנציעל-אומאָפּהענגיקע (מיר שטרײַכן אונטער „אויב“, ווײַל לאַנסבורגס סטאַטיסטיק איז נאָך ווײַט ניט קײן פולע).

נאָכשפּירנדיק דעם צוזאַמענהאַנג פונעם עקספּאָרט מיט די האַלוואָעס, שרײַבט לאַנסבורג:

„אין 1890—1891 איז געשלאָסן געוואָרן די רומענישע האַלוואָע דורך דער פאַרמיטלונג פון די דײַטשישע בענק, וואָס האָבן שוין אין די פריִערדיקע יאָרן אָפּ דעם סמאַך אַרויסגעגעבן האַלוואָעס. די האַלוואָע האָט דעריקער געדינט אָפּ אײַנצוקויפן אײַזנבאַן-מאַטעריאַל, וועלכן מע פלעגט באַקומען פון דײַטשלאַנד. אין 1891

יאָר האָט דער דײַטשישער עקספּאָרט קיין רומעניע באטראָפן 55 מיליאָן מארק. אינעם פאָלגנדיקן יאָר איז דער עקספּאָרט געפאלן ביז 39,4 מיליאָן און, מיט איבעררײַסן, איז ער געפאלן ביז 25,4 מיליאָן אין 1900־טן יאָר. ערשט די סאמע לעצטע יאָרן האָט ער ווידער דערגרייכט ביז דער הייך פון 1891 יאָר,—אדאנק צוויי נײַע הלוואָעס.

„דער דײַטשישער עקספּאָרט קיין פּאָרטוגאל איז אויסגעוואקסן, אדאנק די הלוואָעס פון 1888—1889, ביז 21,1 מיליאָן (1890); אין די ווײַטערדיקע צוויי יאָר איז ער געפאלן ביז 16,2 און 7,4 מיליאָן און האָט ערשט אין 1903־טן יאָר דערגרייכט צו זײַן פריִערדיקער הייך.

„נאָך בולעטער זײַנען די ציפערן וועגן דעם דײַטשיש־ארגענטינישן האנדל. אדאנק די הלוואָעס פון די יאָרן 1888 און 1890 האָט דער דײַטשישער עקספּאָרט קיין ארגענטינע דערגרייכט אין 1889־טן יאָר 60,7 מיליאָן. מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט דער עקספּאָרט באטראָפן אינגאנצן 18,6 מיליאָן, ווייניקער ווי א דריט־כיילעך פונעם פריִערדיקן. ערשט אין 1901־טן יאָר האָט דער עקספּאָרט דערגרייכט און איבערגעשטיגן דעם ניוואָ פון 1889־טן יאָר, און דאָס איז געווען פארבונדן מיט נײַע מעלוכישע און שטאָטישע הלוואָעס, מיט ארויסגעבן געלט אָפּ צו בויען עלעקטרישע זאוואָדן און מיט אנדערע קרעדיט־אָפּעראציעס.

„דער עקספּאָרט קיין טשילי איז אויסגעוואקסן, אדאנק דער הלוואָע פון 1889־טן יאָר, ביז 45,2 מיליאָן (1892), און דערנאָך, אין א יאָר ארום, איז ער געפאלן ביז 22,5 מיליאָן. נאָך א נײַער הלוואָע, וואָס איז געמאכט געוואָרן דורך דער פארמיט־לונג פון דײַטשישע בענק אין 1906־טן יאָר, האָט דער עקספּאָרט זיך אויפגעהויבן ביז 84,7 מיליאָן (1907), און איז ווידער געפאלן ביז 52,4 מיליאָן אין 1908־טן יאָר".

פון אָט די פאקטן פירט לאנסבורג ארויס יענע קאָמישע קליינבירגער־לעכע מאָראל, ווי ניט פעסט און ניט גלײַכמעסיק ס'איז דער עקספּאָרט, וואָס איז פארבונדן מיט הלוואָעס, ווי ניט גוט עס איז ארויסצופירן די קאפּיטאלן קיין אויסלאנד, אָנשטאָט צו אנטוויקלען „נאטירלעך" און „האר־מאָניש" די אייגענע אינדוסטריע בא זיך אין לאנד, ווי „טײַער" ס'קאָסט קרופּן די פילמיליאָניקע באקשישן* בא די אויסלענדישע הלוואָעס אדג. אָבער די פאקטן ריידן קלאָר: די העכערונג פונעם עקספּאָרט איז גראָד פארבונדן מיט די שווינדלערישע שטיק פונעם פינאנצ-קאפּיטאל, וועלכער זאָרגט ניט וועגן דער בורזשואזער מאָראל און שינדט אראָפּ פונעם אָקס צוויי פעלן: ערשטנס, רעווען פון דער הלוואָע, צווייטנס,—רעווען פון דער זעלביקער הלוואָע, בעשאס זי ווערט ארויסגעגעבן אָפּ אײַנקויפן קרופּס פּראָדוקציע אָדער די אײַזנבאן-מאטעריאלן פון דעם „שטאָל־סינדיקאט" אאוו.

מיר כאזערן איבער, אז מיר האלטן לאכלוטן ניט לאנסבורגס סטאטיס־טיק פאר קיין פולקומע, נאָר מע האָט זי נייטיק געמוזט ברענגען, ווײַל זי איז וויסנשאפטלעכער, איידער קאוטסקי'ס און ספּעקטאטאָרס סטאטיסטיק,

* אָפּ טאָטעריש — כאבאר. רעד.

ווײַל לאַנסבורג האָט אָנגעמערקט אַ ריכטיקן צוגאַנג צו דער פראַגע. קעריי צו רײַ״ן וועגן דעם באַטײַט פונעם פינאַנץ-קאַפּיטאַל אין פּראַט פון עקספּאָרט אדג., דאַרף מען קאָנען אויסטיילן די פאַרבינדונג פונעם עקספּאָרט ספּעציעל און בלויז מיט די שווינדלערײַען פון די פינאַנסיסטן, ספּעציעל און בלויז אין צוזאַמענהאַנג מיטן אָפּזעצן די קאַרטעל-פּראָדוקטן אאַוו. פּאַשעט אָבער פאַרגלײַכן קאָלאָניעס ביכלאַל מיט ניט-קאָלאָניעס, איין אימ־פּעריאַליזם מיט אַ צווייטן אימפּעריאַליזם, איין האַלב־קאָלאָניע אָדער קאָ־לאָניע (עגיפּטן) מיט אַלע איבעריקע לענדער — הייסט פאַרבײַגיין און פאַר־שמירן גראָד דעם טאָכ פונעם עיניען.

דערפאַר טאַקע האָט קאַוטסקיס טעאָרעטישע קריטיק פונעם אימפּעריִ־אַליזם קיין שום שײַכעס ניט צום מאַרקסיזם, דערפאַר טויג זי נאָר ווי אַ צוגאַנג אַף פּריידיקן שאָלעם און איינהײַט מיט די אָפּאָרטוניסטן און סאָ־ציאַל-שאָוויניסטן, וואָרעם די דאָזיקע קריטיק גייט פאַרבײַ און פאַרשמירט גראָד די טיפסטע און איקערדיקע ווידערשפּרוכן פונעם אימפּעריאַליזם: דעם ווידערשפּרוך צווישן די מאָנאָפּאָליעס און דער פרײַער קאָנקורענץ, וואָס עקזיסטירט האַנט בא האַנט מיט זיי, צווישן די גיגאַנטישע „אָפּע־ראַציעס“ (און גיגאַנטישע רעוואָכים) פונעם פינאַנץ-קאַפּיטאַל מיטן „אָרנט־לעכן“ האַנדל אַפן פרײַען מאַרק, צווישן די קאַרטעלן און טרעסטן, פון איין זײַט, און דער ניט-קאַרטעלירטער אינדוסטריע—פון דער אַנדערער זײַט, אאַוו.

פּונקט אַזאַ רעאַקציאָנערן כאַראַקטער טראָגט אויך די באַרימטע טעאָריע פון „אולטראַ-אימפּעריאַליזם“, וואָס קאַוטסקי האָט פאַרפאַסט. פאַרגלײַכט זײַן כקירע אַף דער דאָזיקער טעמע אין 1915 יאָר מיט האָבסאָנס כקירע אין 1902 יאָר.

קאַוטסקי:

„...צי קאָן ניט אמאָל די איצטיקע אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק אַרויסגעשטויסן ווערן פון אַ נײַער, אַן אולטראַ־אימפּעריאַליסטישער, וואָס וועט אַפן אָרט פון קאַמף צווישן די נאַציאָנאַלע פינאַנץ־קאַפּיטאַלן אַוועקשטעלן אַ געמיינזאַמע עקספּלואַטאַציע פון דער וועלט מיצאַד דעם אינטערנאַציאָנאַל־פאַראייניקטן פינאַנץ־קאַפּיטאַל? אַזאַ מין נײַע פאַזע פון קאַפּיטאַליזם לאָזט זיך, יעדנפאַלס, דענקען. צי קאָן מען זי פאַר־ווירקלעכן, דאָס צו לייזן איז נאָך ניטאָ קיין גענוגע פאָרהאַנאָכעס“.

האָבסאָן:

„דאָס קריסטנטום, וואָס האָט זיך פאַרפעסטיקט אין אייניקע גרויסע אימ־פּעריעס, וואָס יעדע פון זיי האָט אַ ריי ניט־ציוויליזירטע קאָלאָניעס און אָפּהענ־גיקע לענדער, האַלטן אַ סאַך פאַר אַ מער געהעצלעכע אַנטוויקלונג פון די מאָדערנע טענדענצן און דערבײַ פון אַזאַ מין אַנטוויקלונג, וואָס וואָלט געגעבן מער פאַר

אַלץ האָפֿענונג אויף אַ שטענדיקן שאָלעם אויף דער פֿעסטער באַזע פֿון אינטער־אימפּעריאַליזם".

דאָס, וואָס האָבסאָן האָט מיט 13 יאָר פֿאַר קאַוטסקין אָנגערופֿן אינטער־אימפּעריאַליזם אָדער צווישן־אימפּעריאַליזם, האָט קאַוטסקי אָנגערופֿן אולטראַ־אימפּעריאַליזם אָדער איבער־אימפּעריאַליזם. אויסער דער פֿאַרפּאַסונג פֿון אָט דעם נײַעם קלוגעטשקן ווערטעלע — דורך פֿאַרבײַטן איין לאַטײַנישן טײלכל מיט אַ צווייטן, באַשטייט דער פּראָגרעס פֿון קאַוטסקיס „וויסנשאַפֿטלעכן" געדאַנק בלויז אין דער פּרעטענזיע אַרויסצוגעבן פֿאַר מאַרקסיזם דאָס, וואָס האָבסאָן באַשרײַבט, אייגנטלעך, אַלס צוויִעס פֿון די ענגלישע גאַלאָכימלעך. נאָכן ענגליש־בורישן קריג איז פֿאַרן דאָזיקן הויכגעשעצטן שטאַנד געווען גאַנץ נאַטירלעך צו ריכטן זײַנע הויפּט־אָנשטרענגונגען אויף טרייסטן די ענגלישע קלייבירגער און אַרבעטער, וואָס האָבן געהאַט פֿאַרלאָרן ניט ווײַניק געהאַרגעטע אין די דאָרעם־אַפֿריקאַנישע שלאַכטן און וואָס האָבן דורך געהעכערטע שטײַערן געצאָלט פֿאַר דעם, וואָס די ענגלישע פֿינאַנסיסטן האָבן זיך באַוואָרנט מיט געהעכערטע רעוואָכים. און וואָס פֿאַר אַ טרייסט האָט נאָך געקאָנט זײַן בעסער פֿון דעם, אַז דער אימפּעריאַליזם איז גאָר ניט אַזוי שלעכט, אַז ער איז נאָענט צום אינטער־ (אָדער אולטראַ־) אימפּעריאַליזם, וועלכער איז אימשטאַנד צו גאַראַנטירן אַ שטענדיקן שאָלעם? ווי פֿײַן און גוט עס זאָלן ניט זײַן די קאַוואָנעס בײַ די ענגלישע גאַלאָכימלעך אָדער בײַם זיסינקן קאַוטסקין, איז דער אָביעקטיווער, ד. ה. ווירקלעכער, סאָציאַלער זין פֿון זײַן „טעאָריע" איינער און בלויז איינער: דאָס סאַמע רעאַקציאָנערע טרייסטן די מאַסן מיט האָפֿענונגען, אַז ס'איז מעגלעך אַ שטענדיקער שאָלעם בײַם קאַפּיטאַליזם, מיטן אָפּציִען די אויפֿמערקזאַמקײַט פֿון די שאַרפֿע ווידערשפּרוכן און שאַרפֿע פּראָבלעמעס פֿון דער הײַנטצײַטיקײַט און ווענדן די אויפֿמערקזאַמקײַט אויף פֿאַלשע פּערספּעקטיוון פֿון עפּעס אַ קלוימערשט נײַעם צוקינפֿטיקן „אולטראַ־אימפּעריאַליזם". נאַרן די מאַסן — אויסער דעם איז אַבסאָליוט קיין שום זאַך ניטאָ אין קאַוטסקיס „מאַרקסיסטישער" טעאָריע.

אינדערעמעסן, ס'איז גענוג צו פֿאַרגלײַכן די אַלעמען באַוווּסטע, אומבאַשטרײַטבאַרע פֿאַקטן, קעדיי צו איבערצײַגן זיך, ווי פֿאַלש עס זײַנען די פּערספּעקטיוון, וועלכע קאַוטסקי באַמיט זיך אײַנצובילדן די דײַטשישע אַרבעטער (און די אַרבעטער פֿון אַלע לענדער). לאָמיר נעמען אינדיע, אינדאָ־כינע און כינע. ס'איז באַוווּסט, אַז אָט די דרײַ קאָלאָניאַלע און האַלבקאָלאָניאַלע לענדער מיט אַ באַפֿעלקערונג פֿון 6—7 הונדערט מיליאָן נעפֿאָשעס ווערן עקספּלואַטירט פֿונעם פֿינאַנץ־קאַפּיטאַל פֿון עטלעכע אימפּערי־

אליסטישע מעלוכעס: ענגלאנד, פראנקרײַך, יאפּאַניע, פאַרייניקטע שטאַטנ אאוו. זאָל זײַנ, אז אָט די אימפּעריאַליסטישע לענדער וועלנ זיך פאַרייניקנ אינ פאַרבאַנדנ, איינער קעגנ דעם צווייטנ, מיטנ צוועק צו באַשיצנ אָדער צו פאַרברייטערנ זייערע באַזיצנ, אינטערעסנ און „ווירקונג־ספעריס“ אינ די אָנגערופענע אַזיאַטישע מעלוכעס. דאָס וועלנ זײַנ „אינטער־אימפּעריאַ־ליסטישע“ אָדער „אולטרא־אימפּעריאַליסטישע“ פאַרבאַנדנ. זאָל זײַנ, אז אלע אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס וועלנ אויסבילדנ איינ פאַרבאַנד, קעדיי אפּ א „פרידלעכנ אויפנ“ צו צעטיילנ די אָנגערופענע אַזיאַטישע לענדער, — ווערט דאָס זײַנ אנ „אינטערנאַציאָנאַל־פאַרייניקטער פינאַנצ־קאַפּיטאַל“. פּאַקטישע בײַשפּילנ פונ אזא פאַרבאַנד זײַנענ פאַראַנ אינ דער געשיכטע פונ XX יאָר־הונדערט, למשל, אינ די באַציִונגענ פונ די מעלוכעס צו כינע. פרעגט זיך, צי איז „דענקבאַר“ אָנצונעמענ, באַם טנאַי, ווענ עס פאַרבלײַבט דער קאַפּיטאַליזמ (און גראָד אזא טנאַי איז דאָך מעשאַער קאַוטסקי), אז אַזעלכע פאַרבאַנדנ זאָלנ זײַנ ניט קיינ קורצטערמיניקע? אז זיי זאָלנ אָפּ־שאַפנ רײַבונגענ, קאָנפליקטנ און קאַמפּ אינ קאָלעריי און אינ אלע מעג־לעכע פאָרמענ?

ס׳איז גענוג אוועקצושטעלנ קלאָר אָט די פראַגע, אז מע זאָל אפּ איר קיינ אנדער ענטפער אכוצ א נעגאַטיוונ ניט קאָנענ געבנ. וואָרעמ באַם קאַפּיטאַליזמ איז נ י ט דענקבאַר קיינ אנדער גרונט אפּ צו צעטיילנ די ווירקונג־ספעריס, די אינטערעסנ, די קאָלאָניעס אאוו. ווי נאָר דער דיסקאָנט פונ דער ק ר א פ ט פונ די אָנטיילנעמער אינ דער כאַלוקע, פונ זייער אַל־געמיינ־עקאָנאָמישער, פינאַנציעלער, מיליטערישער קראַפט אאוו. און די קראַפט ענדערט זיך ניט אינ קיינ גלײַכער מאָס בא די דאָזיקע אָנטיילנעמער פונ דער כאַלוקע, ווײַל קיינ ג ל ײַ כ מ ע ס י ק ע אנטוויקלונג פונ איינצלנע אונטערנעמונגענ, טרעסטנ, אינדוסטריע־צווײַגנ, לענדער קאָנ באַם קאַפּיטא־ליזמ ניט זײַנ. מיט א האַלבנ יאָרהונדערט צוריק איז דײַטשלאַנד געווענ א נעבעכדיקע נישטיקײַט, אויב מע זאָל פאַרגלײַכנ זײַנ קאַפּיטאַליסטישע קראַפט מיט דער קראַפט פונ דעמ דעמלטיקנ ענגלאַנד; דאָס אייגענע איז אויכ געווענ יאַפּאַניע אינ פאַרגלײַכ מיט רוסלאַנד. צי קאָנ מענ דענ „מעשאַער זײַנ“, אז אינ צענ, צוואַנציק יאָר ארומ זאָל בלײַבנ א ו מ פאַרענ־דערט די קויכעס־פאַרהעלטענישנ צווישנ די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס? אבסאָליוט ניט.

דעריבער זײַנענ די „אינטער־אימפּעריאַליסטישע“ אָדער „אולטרא־אימ־פּעריאַליסטישע“ פאַרבאַנדנ — אלציינס אינ וואָס פאַר א פאָרמ די דאָזיקע פאַרבאַנדנ זאָלנ ניט געשאַפנ ווערנ, צי אינ א פאָרמ פונ איינ אימפּעריאַ־

ליסטישער קאָאַליציע קעגן א צווייטער אימפּעריאַליסטישער קאָאַליציע, צי אין א פאָרם פון אן אַלגעמיינעם פארבאנד פון אַלע אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס — די דאָזיקע פארבאנדן זיינען אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירקלעכקייט, און ניט אין דער באנאַלער קליינבירגערלעכער פאנטאזיע פון די ענגלישע גאַלאָכימאָדער פונעם דייטשישן „מארקסיסט" קאוטסקי, אומפארמיידלעך בלויז אן „אָטעם־איבערכאַפּ" צווישן מילכאָמעס. די פרידלעכע פארבאנדן גרייטן צו מילכאָמעס און וואַקסן, ווידעראַמאָל, ארויס פון מילכאָמעס, ווייל זיי באַדינגען איינער דעם צווייטן, ווייל זיי געבוירן די ענדערונג פון די פאָרמען פון פרידלעכן און ניט־פרידלעכן קאמף פון איין און דעם זעלביקן באָדן פון אימפּעריאַליסטישע פארבינדונגען און קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן דער אַלוועלטלעכער ווירטשאַפט און דער אַלוועלטלעכער פּאָליטיק. און דער כאָכעם קאוטסקי, קעדיי צו באַרויִקן די ארבעטער און שאָלעם מאַכן צווישן זיי מיט די סאָציאַל־שאָוויניסטן, וואָס זיינען אריבער אפן צאַד פון דער בורזשואַזיע, רייסט אָפּ איין רינג פונעם צווייטן אין דער איינהייטלעכער קייט, דעם הייַנטיקן פרידלעכן (און אולטרא־אימפּעריאַליסטישן — אפילע אולטרא־אולטרא־אימפּעריאַליסטישן) פארבאנד פון אַלע מעלוכעס אפּ „באַרויִקן" כינע (דערמאָנט זיך אָקאָרשט דאָס דערשטיקן דעם באָקסער־אופשטאַנד [28]) רייסט ער אָפּ פון דעם מאָרגעדיקן ניט־פרידלעכן קאָנפליקט, וועלכער גרייט צו אפּ איבערמאָרגן ווידער א „פרידלעכן" אַלגעמיינעם פארבאנד אפּ צו פאנאנדערטיילן, לאָמיר זאָגן, טערקיי א א וו. אָנשטאָט דער לעבעדיקער פארבינדונג צווישן די פּעריאָדן פון אימפּעריאַליסטישן פרידן און די פּעריאָדן פון אימפּעריאַליסטישע מילכאָמעס טראָגט קאוטסקי אונטער די ארבעטער א טויטע אבסטראקציע, קעדיי שאָלעם צו מאַכן צווישן זיי מיט זייערע טויטע פירער.

דער אמעריקאנער היל מערקט אָן אין דער פאָרעדע צו זיין „געשיכטע פון דער דיפּלאָמאַטיע אין דער צווישנפעלקערלעכער אנטוויקלונג פון אייראָפּע" אזוינע פּעריאָדן אין דער נייסטער געשיכטע פון דער דיפּלאָמאַטיע: 1) די ערע פון רעוואָליוציע; 2) די קאָנסטיטוציאָנעלע באַוועגונג; 3) די ערע פונעם „האַנדל־אימפּעריאַליזם" פון אונדזערע טעג. און איין שרייבער טיילט די געשיכטע פון דער „אַלוועלטלעכער פּאָליטיק" פון גרויס־בריטאַניע, אָנגעהויבן פון 1870 יאָר, אפּ פיר פּעריאָדן: 1) דער ערשטער אזיִאַטישער (דער קאמף קעגן רוסלאַנדס דראַנג אין מיטלאַזיע אין דער ריכטונג צו אינדיע צו); 2) דער אפריקאַנישער (אנערעך 1885 — 1902) — דער קאמף קעגן פראַנקרייך איבער דער צעטיילונג פון אפריקע („פאַשאָדאַ" — אין 1898 יאָר — אפּ א האָר פון א מילכאָמע מיט פראַנקרייך); 3) דער צווי-

טער אזיאַטישער (אָפּמאַך מיט יאַפּאַניע קעגן רוסלאַנד) און 4) דער „אייראָפּייִשער", — הויפּטזאַכלעך קעגן דײַטשלאַנד. „די פּאָליטישע צוזאַמענשטויסן צווישן די וואַנגאַרדן שפּילן זיך פאַנאַנדער אָפּן פינאַנציעלן באָדן" — האָט נאָך אין 1905 יאָר געשריבן דער באַנק-„טוער" ריסער, אָנווײַזנדיק, ווי דער פראַנצויזישער פינאַנץ־קאַפּיטאַל האָט מיט זײַנע אָפּעראַציעס אין איטאַליע צוגעגרייט אַ פּאָליטישן בונד פון די דאָזיקע לענדער, ווי ס'האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט דער קאַמף צווישן דײַטשלאַנד מיט ענגלאַנד איבער פּערסיע, דער קאַמף צווישן אַלע אייראָפּייִשע קאַפּיטאַלן פאַר געבן האַלוואָעס כינע און אַזוי. אָט דאָס איז די לעבעדיקע ווירקלעכקײַט פון די „אולטראַ־אימפּעריאַליסטישע" פרידלעכע פאַרבאַנדן אין זייער פעסטן צוזאַמענהאַנג מיט די פּשוט-אימפּעריאַליסטישע קאָנפליקטן.

קאַוטסקיס פאַרשמירן די סאַמע טיפסטע ווידערשפּרוכן פונעם אימפּעריאַליזם, וואָס דאָס פאַרוואַנדלט זיך אומפאַרמײַדלעך אין אַ צופּוצונג פונעם אימפּעריאַליזם, לאָזט איבער שפּורן אויך אויף זײַן קריטיק פון די פּאָליטישע אייגנשאַפטן פונעם אימפּעריאַליזם. דער אימפּעריאַליזם איז די עפּאָכע פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל און פון מאָנאָפּאָליעס, וואָס ברענגען אומעטום אַרײַן אַ שטרעבונג צו הערשאַפט און ניט צו פרײַהייט. רעאַקציע איבער דער גאַנצער ליניע בײַ פאַרשיידנערליי פּאָליטישע פּאָראָנדקעס, העכסטע פאַרשאַרפונג פון די ווידערשפּרוכן אויך אין דעם געביט, — דאָס איז דער רעזולטאַט פון די דאָזיקע טענדענצן. באַזונדערס ווערט אויך פאַרשאַרפט דער נאַציאָנאַלער דרוק און די שטרעבונג צו אַנעקסיעס, דה. די שטרעבונג צו ברעכן די נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט (ווײַל אַנעקסיע באַטײַט ניט עפּעס אַנדערש, ווי ברעכן די זעלבסטבאַשטימונג פון די נאַציעס). הילפערדינג פאַרצייכנט מיט רעכט דעם צוזאַמענהאַנג צווישן אימפּעריאַליזם מיט דער פאַרשאַרפונג פונעם נאַציאָנאַלן דרוק.

„וואָס אַנבאַלאַנגט די נײַ־אַנטדעקטע לענדער, — שרײַבט ער, — פאַרשטאַרקט דאָרטן דער אַרײַנגעפירטער קאַפּיטאַל די ווידערשפּרוכן און רופט אַרויס אַ קעסיידער וואַקסנדיקן ווידערשטאַנד פון די פעלקער, וועלכע דערוואַכן צום נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוווּסטזײַן קעגן די פרעמד־געקומענע; דער דאָזיקער ווידערשטאַנד קאָן גרינג אויסוואַקסן אין געפערלעכע מאַסנאַטלען קעגן דעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל. ס'ווערן ראַדיקאַל רעוואָלוציאָנירט די אַלטע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, ס'ווערט צעשטערט די טויזנטיאָריקע אַגראַרע אָפּגעזונדערטקייט פון די „אויסער־היסטאָרישע נאַציעס", זיי ווערן אַרײַנגעצויגן אין דער קאַפּיטאַליסטישער קעסל־גרוב. דער קאַפּיטאַליזם אַליין גיט ביסלעכווײַז די אײַנגענומענע פעלקער מיטלען און מעטאָדן, ווי זיך צו באַפרײַען. און זיי רוקן אַרויס דעם ציל, וואָס די אייראָפּייִשע פעלקער האָבן אַמאָל געהאַלטן פאַר דעם העכסטן: די שאַפונג פון אַ איינהייטלעכער נאַציאָנאַלער מעלוכע,

אלס געווער פונ עקאנאמישער אונ קולטורעלער פרייהייט. די דאזיקע באוועגונג צו אומאפהענגיקייט איז א געפאר פאר דעמ אייראפעיִשנ קאפיטאל אינ זיינע סאמע ווערטפולסטע געביטנ פונ עקספלואטאציע, אינ יענע געביטנ, וואס עפענענ פאר אימ די גלענצנדיקסטע פערספעקטיוונ, אונ דער אייראפעיִשער קאפיטאל קאנ אונטערהאלטנ זיינ הערשאפט ניט אנדערש, ווי פארגרעסערנדיק קעסיידער זיינע מיליטערישע קויכעס“.

דערצו דארפ מענ נאָכ צוגעבנ, אז ניט נאָר אינ די נײַ־אנטדעקטע, נאָר אויכ אינ די אלטע לענדער פירט דער אימפעריאליזמ צו אנעקסיעס, צו פארשטארקונג פונ דעמ נאציאָנאלנ דרוק, אונ דאָס הייסט, אויכ צו דער פארשארפונג פונעמ ווידערשטאנד. בייס קאוטסקי דערווידערט קעגנ דעמ, אז דער אימפעריאליזמ פארשטארקט די פאָליטישע רעאקציע, לאָזט ער אינ שאָטנ די פראגע, וואָס איז געוואָרנ באזונדערס אקטועל, — וועגנ דער אוממעגלעכקייט פונ אייניקייט מיט די אָפאָרטוניסטנ אינ דער עפאָכע פונ אימפעריאליזמ. בייס ער דערווידערט קעגנ אנעקסיעס, גיט ער צו זײַנע דערווידערונגענ אזא פאָרמ, וואָס איז ווייניקער פאר אלצ באליידיקנדיק פאר די אָפאָרטוניסטנ, אונ זיי קאָנענ זי גרינגער פאר אלצ אָנעמענ. ער ווענדט זיכ דירעקט צו דער דײַטשישער אאודיטאָריע, אונ פונדעסטוועגנ פארשמירט ער גראָד דאָס סאמע וויכטיקסטע אונ אקטועלסטע, למשל, דאָס, וואָס עלזאס-לאָטארינגיע איז דײַטשלאנדס אנעקסיע.[24] קעדיי אָפצושאצנ אָט דעמ „געדאנקענ־אָפנייג“ קאוטסקיס, וועלנ מיר ברענגענ אזא בײַשפיל. לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז א יאפאָנער פארורטיילט דאָס, וואָס די אמעריקאנער האָבנ אנעקסירט די פיליפינענ.[25] פרעגט זיכ, צי וועלנ פיל מענטשנ גלייבנ, אז ער טוט עס מאכמעס פײַנטשאפט צו אנעקסיעס ביכלאל אונ ניט מאכמעס דעמ, וואָס ער וויל אליינ אנעקסירנ די פיליפינענ? אונ צי וועט מענ ניט מוזנ מודע זײַנ, אז דעמ „קאמפ“ פונ דעמ יאפאָנער קעגנ אנעקסיעס וועט מענ קאָנענ האלטנ פאר אנ אופריכטיקנ אונ פאר א פאָליטיש-ערלעכנ אויסשליסלעכ בלויז דאנ, ווענ ער וועט ארויסטרעטנ קעגנ דעמ, וואָס יאפאָניע אנעקסירט קאָרייע,[26] ווענ ער וועט פאָדערנ, אז קאָרייע זאָל באקומענ די פרײַהייט אָפצוטיילנ זיכ פונ יאפאָניע?

סײַ קאוטסקיס טעאָרעטישער אנאליז פונעמ אימפעריאליזמ סײַ זײַנ עקאָנאָמישע, ווי אויכ זײַנ פאָליטישע קריטיק פונעמ אימפעריאליזמ, זײַנענ דורכגעדרונגענ דורכ אונ דורכ מיט א גײַסט, וואָס פאָרט זיכ בעשומויפנ ניט מיטנ מארקסיזמ, — מיטנ גײַסט פונ פארשמירנ אונ פארגלעטנ די סאמע קארדינאלע ווידערשפרוכנ, מיט דער שטרעבונג אומבאדינגט אײַנצוהיטנ די צעפאלנדיקע אייניקייט מיטנ אָפאָרטוניזמ אינ דער אייראָפעיִשער ארבעטער-באוועגונג.

# X. דאָס היסטאָרישע אָרט פונעם אימפעריאַליזם

מיר האָבן געזען, אז לויט זײַן עקאָנאָמישן מעהוס איז דער אימ־פעריאַליזם א מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַליזם. דאָס אַליין באַשטימט שוין דאָס היסטאָרישע אָרט פונעם אימפּעריאַליזם, ווײַל די מאָנאָפּאָליע, וואָס וואַקסט אויס אָפּט באַדן פון פרײַער קאָנקורענץ און טאַקע פון דער פרײַ־ער קאָנקורענץ, איז אַן איבערגאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג צו א העכערער געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישער אָרדענונג. באַזונדערס דאַרף מען פאַרצייכענען פיר הויפּט־מינים מאָנאָפּאָליעס, אָדער פיר הויפּט-אַנט־פּלעקונגען פונעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם, וואָס זײַנען כאַראַקטעריס־טיש פאַר דער עפּאָכע, וואָס מיר באַטראַכטן.

ערשטנס, איז די מאָנאָפּאָליע אויסגעוואַקסן פון דער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע אפּ גאָר א הויכער שטופע פון איר אַנטוויקלונג. דאָס זײַנען די מאָנאָפּאָליסטישע קאַפּיטאַליסטן-פאַרבאַנדן: קאַרטעלן, סינדיקאַטן, טרעסטן. מיר האָבן געזען, וואָס פאַר א קאָלאָסאַלע ראָליע זיי שפּילן אין דעם מאָדערנעםווירטשאַפטלעכן לעבן. צום אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן זיי באַקומען די פולשטענדיקע איבערהאַנט אין די פאָרגעשריטענע לענדער, און אויב די ערשטע שריט אפּן וועג פון קאַרטעלירונג האָבן פרײַ־ער דורכגעמאַכט די לענדער מיט א הויכן שוץ־טאַריף (דײַטשלאַנד, אמע־ריקע), האָט ענגלאַנד מיט זײַן סיסטעם פון פרײַען האַנדל בלויז עטוואָס שפּעטער באַוויזן דעם זעלביקן גרונט-פאַקט, אז די מאָנאָפּאָליעס ווערן גע־בוירן פון דער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע.

צווייטנס, האָבן די מאָנאָפּאָליעס געבראַכט צום פאַרשטאַרקן דאָס פאַר כאַפּן די וויכטיקסטע קוואַלן פון רויוואַרג, באַזונדערס פאַר דער גרונט־לעכער, און אמערסטן קאַרטעלירטער, אינדוסטריע פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער געזעלשאַפט: פאַר דער שטיינקוילן־אינדוסטריע און פאַר דער אײַזן־באַארבעטונג־אינדוסטריע. דאָס מאָנאָפּאָליסטישע באַזיצן די וויכטיקסטע קוואַלן פון רוימאַטעריאַלן האָט גוואַלדיק פאַרגרעסערט די מאַכט פון דעם גרויס־קאַפּיטאַל און האָט פאַרשאַרפט דעם ווידערשפּרוך צווישן דער קאַרטעליר־טער אינדוסטריע און דער ניט-קאַרטעלירטער.

דריטנס, איז די מאָנאָפּאָליע אויסגעוואַקסן פון די בענק. פון באַשײַ־דענע פאַרמיטלערישע אונטערנעמונגען האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין מאָ־נאָפּאָליסטן פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל. אַוועלכע דרײַ־פינף גרעסטע בענק פון וועלכער־ניט־איז סאַמע פאָרגעשריטענער קאַפּיטאַליסטישער נאַציע האָבן פאַרווירקלעכט די „פּערזענלעכע אוניע" צווישן דעם אינדוסטריעלן קאַפּי־

טאל מיטנ באנק־קאפיטאל, האָבנ קאָנצענטרירט אינ זייער רעשוס מיליארדנ אונ מיליארדנ, וואָס בילדנ דעמ גרעסטנ טייל קאפיטאלנ אונ געלט־האכנאָסעס פונ א גאנצנ לאנד. די פינאנצ־אָליגארכיע, וואָס ווארפט ארופ א געדיכטע נעצ פונ אָפּהענגיקייט-פארהעלטענישנ אפ אלע, אָנ אויסנאמ, עקאָנאָמישע אונ פּאָליטישע אנשטאלטנ פונ דער מאָדערנער בורזשואזער געזעלשאפט — אָט דאָס איז די בולטסטע אנטפּלעקונג פונ דער דאָזיקער מאָנאָפּאָליע.

פערטנס, איז די מאָנאָפּאָליע אויסגעוואָקסנ פונ דער קאָלאָניאלער פּאָליטיק. צו די פילצאָליקע „אלטע“ מאָטיוונ פונ דער קאָלאָניאלער פּאָליטיק האָט דער פינאנצ־קאפיטאל צוגעגעבנ דעמ קאמפ פאר די קוואלנ פונ רויווארג, פאר עקספּאָרטירנ קאפיטאל, פאר „ווירקונג-ספערעס“ — דאָס הייסט, פאר ספערעס פונ לוינבארע געשעפטנ, קאָנצעסיעס, מאָנאָפּאָליסטישע רעוואָכימ אאזוו. — ענדלעכ, פאר א ווירטשאפטלעכער טעריטאָריע ביכלאל. ווענ די אייראָפּייִשע מעלוכעס האָבנ, לעמאָשל, געהאט פארנומענ מיט זייערע קאָלאָניעס א צענטכיילעק פונ אפריקע, ווי דאָס איז געווענ נאָכ אינ 1876 יאָר, דאנ האָט די קאָלאָניאלע פּאָליטיק זיכ געקאָנט אנטוויקלענ ניט-מאָנאָפּאָליסטיש, לויטנ טיפּ פונ, אזוי צו זאָגנ, „פריי־פארכאפּערישנ“ פארנעמענ ערדנ. אָבער ווענ 9 צענטל אפריקע איז שוינ געווענ פארכאפּט (צומ 1900 י.), ווענ די גאנצע וועלט איז שוינ געווענ צעטיילט, — דאנ איז אומפארמייַדלעכ אָנגעקומענ די ערע פונ מאָנאָפּאָליסטישנ באזיצנ די קאָלאָניעס אונ, דאָס הייסט, פונ א באזונדערס פארשארפטנ קאמפ פאר צעטיילנ אונ איבערפארטיילנ די וועלט.

ס'איז אלגעמיינ באוווסט, אפ וויפל דער מאָנאָפּאָליסטישער קאפיטאליזמ האָט פארשארפט אלע ווידערשפּרוכנ פונעמ קאפיטאליזמ. ס'איז גענוג אָנצוווייַזנ אפ דעמ יאקרעס אונ אפ דעמ דרוק פונ די קארטעלנ. די דאָזיקע פארשארפונג פונ די ווידערשפּרוכנ איז די מעכטיקסטע טרייַבקראפט פונ דעמ היסטאָרישנ איבערגאנג־פּעריאָד, וועלכער האָט זיכ אָנגעהויבנ זינט דעמ ענדגילטיקנ ניצאָכנ פונ דעמ אלוועלטלעכנ פינאנצ־קאפיטאל.

די מאָנאָפּאָליעס, די אָליגארכיע, די שטרעבונגענ צו הערשאפט אָנשטאָט דער שטרעבונג צו פרייַהייַט, די עקספּלואטאציע פונ אלצ א גרעסערער צאָל קליינע אָדער שוואכע נאציעס מיצאד א קליינ הייפעלע רייַכסטע אָדער שטארקסטע נאציעס, — דאָס אלצ האָט געבוירנ יענע קענצייכנס פונעמ אימפּעריאליזמ, וואָס צווינגענ צו כאראקטעריזירנ אימ אלס פּאראזיטישנ אָדער פארפוילנדיקנ קאפיטאליזמ. אלצ בולטער אונ בולטער טרעט ארויס, אלס איינע פונ די טענדענצנ פונעמ אימפּעריאליזמ, די שאפונג פונ דער „ראנ

טיע־מעלוכע", פון א מעלוכע א פּראָצענטניק, וואָס איר בורזשואזיע לעבט אַלץ מער און מער פון קאַפּיטאַל־עקספּאָרט און פון „שערן קופּאָנעס". ס'וואָלט געווען א טעות צו מיינען, אז אָט די טענדענץ צו פאַרפוילונג שליסט אויס א גיכן וווּקס פונעם קאַפּיטאַליזם; ניין, איינצלנע אינדוסטריע־צווײַגן, איינצלנע שיכטן פון דער בורזשואזיע, איינצלנע לענדער אַנטפּלעקן אין דער עפּאָכע פונעם אימפּעריאַליזם, מיט א גרעסערער אָדער א קלענערער קראַפט, אַמאָל די און אַמאָל יענע פון די דאָזיקע טענדענצן. אין־גאַנצן גענומען, וואַקסט דער קאַפּיטאַליזם אָן אַן ערעך גיכער, איידער פריִער, אָבער דער דאָזיקער וווּקס ווערט ניט נאָר אַלץ מער אומגלײַכמעסיקער, נאָר די אומגלײַכמעסיקייט ווײַזט זיך ביפּראַט אַרויס אויך אין דעם, וואָס עס פאַרפוילן די שטאַרקסטע קאַפּיטאַל־רײַכסטע לענדער (ענגלאַנד).

ריסער, דער אויטער פון דער אויספאָרשונג וועגן די דײַטשישע גרויסע בענק, זאָגט וועגן דער גיכקייט פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דײַטשלאַנד: „דער ניט זייער לאַנגזאַמער פּראָגרעס פון דער פריִקער עפּאָכע (1848—1870) פאַרהאַלט זיך צו דער גיכקייט פון דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער ווירטשאַפט אין דײַטשלאַנד און ספּעציִעל פון זײַנע בענק אין דער געגעבענער עפּאָכע (1870—1905) אַן ערעך אַזוי, ווי די גיכקייט פון דער באַוועגונג פון א פּאָסט־קאַרעטע אין די גוטע אַלטע צײַטן פאַרהאַלט זיך צו דער געשווינדקייט פון א מאָדערנעם אויטאָמאָביל, וואָס פליט אַזוי, אַז ער ווערט געפערלעך סײַ פאַר דעם זאָרגלאָזן פוסגייער און סײַ פאַר די אַליין, וואָס זיצן אין אויטאָמאָביל". און אָט דער אויסערגעוויינלעך גיך אויסגעוואַקסענער פינאַנץ־קאַפּיטאַל, טאַקע דערפאַר, וואָס ער איז אַזוי גיך אויסגעוואַקסן, איז, פון זײַן זײַט, א באַלן איבערצוגיין צו א מער „רויִקן" באַזיצן קאָלאָניעס, וועלכע דאַרפן פאַרכאַפּט ווערן — און ניט בלויז מיט פרידלעכע מיטלען — בײַ די רײַכערע נאַציעס. און אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג געגאַנגען די לעצטע יאָרצענדליקער נאָך גיכער ווי אין דײַטשלאַנד, און טאַקע א ד א נ ק דעם זײַנען באַזונדערס העל אַרויסגעטראָטן די פּאַראַזיטישע שטריכן פונעם נײַסטן אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַליזם. פון דער אַנדערער זײַט, באַווײַזט דער פאַרגלײַך אַפילע פון דער רעפּובליקאַנישער אַמעריקאַנישער בורזשואזיע מיט דער מאָנאַרכיסטישער יאַפּאַנישער אָדער דײַטשישער, אז דער גרעסטער פּאָליטישער אונטערשייד ווערט ביז גאָר אָפּגעשוואַכט אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם — ניט דערפאַר, ווײַל ער איז ביכלאַל געווען ניט וויכטיק, נאָר דערפאַר, ווײַל אין אָט די אַלע פאַלן האַנדלט זיך עס וועגן א בורזשואזיע מיט באַשטימטע שטריכן פון פּאַראַזיטיזם.

דאָס, וואָס די קאַפּיטאַליסטנ פונ איינעמ פונ פילצאָליקע אינדוסטריע-צווייגנ, פונ איינעמ פונ א סאַך לענדער אאַז״וו. קריגנ א מאָנאָפּאָליסטיש-הויכנ רעווע, דאָס גיט זיי אנ עקאָנאָמישע מעגלעכקייט אונטערצוקויפנ איינצלנע צווישנשיכטנ ארבעטער, צייטנווייז אפילע א גאַנצ באַדייטנדיקע מינדערהייט, צוציענדיק זיי אפ דער זייט פונ דער בורזשואַזיע פונ דעמ געגעבענעמ צווייג אָדער פונ דער געגעבענער נאַציע קעגנ אַלע איבעריקע. אונ דער פאַרשטאַרקטער אַנטאַגאָניזם צווישנ די אימפּעריאַליסטישע נאַציעס איבער דער פאַנאַנדערטיילונג פונ דער וועלט מאַכט נאָך שטאַרקער די דאָזיקע שטרעבונג. אזוי אַז זיך דער צוזאַמענהאַנג צווישנ אימפּעריאַליזם מיטנ אָפּאָרטוניזם, דאָס האָט זיך פריער אונ בולטער ווי אומעטומ אַרויסגעוויזנ אינ ענגלאַנד, מאַכמעס דעמ, וואָס אייניקע אימפּעריאַליסטישע אַנטוויקלונג-שטריכנ האָבנ זיך דאָ געלאָזט מערקנ א סאַך פריער, איידער אינ אַנדערע לענדער. אייניקע שרייבער, צב. ל. מאַרטאָוו, האָבנ ליב צו מאַכנ זיך ניט ווויסנדיק פונ דעמ פאַקט, אַז דער אימפּעריאַליזם איז פאַרבונדנ מיטנ אָפּאָרטוניזם אינ דער ארבעטער-באַוועגונג — א פאַקט, וועלכער וואַרפט זיך איצט באַזונדערס שטאַרק אינ די אויגנ, — מיט דער הילפ פונ אַזעלכע מינימ „קאַזיאָנע אָפּטימיסטישע" כקירעס (אינ קאַוטסקיס אונ הויסמאַנס גייסט): די קעגנער פונעמ קאַפּיטאַליזם וואָלטנ קיינע פּערספּעקטיוונ ניט האָבנ, ווענ דאַפקע דער פאָרגעשריטענער קאַפּיטאַליזם זאָל ברענגענ צומ פאַרשטאַרקנ דעמ אָפּאָרטוניזם אָדער ווענ דאַפקע די אַמבעסטנ באַצאָלטע ארבעטער זאָלנ זיינ גענייגט צומ אָפּאָרטוניזם אאַז״וו. מע דאַרפ זיך ניט נאַרנ מיקויעך דער באַדייטונג פונ אַזא מינ „אָפּטימיזם": דאָס איז אָפּטימיזם בענעגייע דעמ אָפּאָרטוניזם, דאָס איז אַזא אָפּטימיזם, וואָס דינט אפ צו פאַרדעקנ דעמ אָפּאָרטוניזם. אינדערעמעסנ אָבער איז די באַזונדערע גיכקייט אונ באַזונדערע עקלהאַפטיקייט פונ דער אַנטוויקלונג פונעמ אָפּאָרטוניזם גאָר ניט קיינ גאַראַנטיע פונ זיינ פעסטנ זיג, פּונקט ווי די גיכע אַנטוויקלונג פונ א בייזנ געשוויר אפ א געזונטנ אָרגאַניזמ קאָנ בלויז העלפנ גיכער עפענענ דעמ געשוויר, גיכער באַפרייענ דעמ אָרגאַניזמ פונ אימ. געפערלעכער פאַר אַלצ זיינענ אינ דעמ פּראַט יענע מענטשנ, וואָס ווילנ ניט פאַרשטיינ, אַז דער קאַמפּ קעגנ אימפּעריאַליזם, ווענ ער איז ניט פאַרבונדנ אפנ ענגסטנ אויפנ מיטנ קאַמפּ קעגנ אָפּאָרטוניזם, איז א פּוסטע אונ ליגנערישע פראַזע.

פונ דעמ אַלצ, וואָס איז אויבנ געזאָגט געוואָרנ וועגנ דעמ עקאָנאָמישנ טאָך פונעמ אימפּעריאַליזם, דרינגט אַרויס, אַז מע דאַרפ אימ כאַראַקטערי-זירנ, ווי איבערגאַנג-קאַפּיטאַליזם, אָדער, ריכטיקער, ווי אָפּשטאַרבנ-

דיקנ קאפיטאליזמ. אינ דעמ פראט איז זייער באלערנדיק דאָס, וואָס די בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ, וועלכע באשרײַבנ דעמ נײַסטנ קאפיטאליזמ, באנוצנ גאנצ אָפט אזעלכע ווערטלעכ, ווי „איבערפלעכטונג", „דאָס פעלנ פונ איזאָלירטקײַט" אדג.; די בענק זײַנענ „אונטערנעמונגענ, וואָס טראָגנ ניט, לויט זייערע אויפגאבנ אונ לויט זייער אנטוויקלונג, קיינ ריינ פריוואט־ווירטשאפטלעכנ כאראקטער, נאָר זיי וואקסנ אלצ מער ארויס פונ דער ספערע פונ ריינ פריוואט־ווירטשאפטלעכער רעגולירונג". אונ דער זעלבער ריסער, וואָס אימ געהערנ טאקע די דאָזיקע לעצטע ווערטער, דערקלערט אינ א גאנצ ערנסטנ טאָנ, אז די „פּראָרויסזאָגונג" פונ די מארקסיסטנ וועגנ דער „פאר־געזעלשאפטלעכונג" איז „ניט מעקויעמ געוואָרנ"!

וואָס־זשע דריקט אויס אזוינס אָט דאָס ווערטעלע „איבערפלעכטונג"? פונ דעמ פראָצעס, וואָס קומט פאָר פאר אונדזערע אויגנ, כאפט עס אופ בלויז יענעמ שטריכ, וואָס ווארפט זיכ מער פונ אנדערע אינ די אויגנ. עס באווײַזט, אז דער באאָבאכטער ציילט איבער איינצלנע ביימער, נאָר ער זעט ניט דעמ וואלד. עס קאָפירט קנעכטיש דאָס אויסערלעכע, דאָס צופעליקע, דאָס כאאָטישע. עס דעקט אופ אינ דעמ באאָבאכטער א מענטשנ, וועלכער איז דערדריקט פונ דעמ רויענ מאטעריאל אונ קאָנ זיכ לאכלוטנ ניט פאנאנדערקלײַבנ אינ זײַנ זינ אונ אינ זײַנ באטײַט. „עס פלעכטנ זיכ צופעליק איבער" דאָס באזיצנ אקציעס, די פארהעלטענישנ צווישנ די פריוואט-אייגנטימער. אָבער דער אונטערשלאק פונ דער דאָזיקער איבערפלעכטונג, דאָס, וואָס בילדעט איר גרונט, זײַנענ די זיכ ענדערנדיקע געזעלשאפטלעכע פראָדוציר-פארהעלטענישנ. ווענ א גרויסע אונטערנעמונג פארוואנדלט זיכ אינ א גיגאנטישער אונטערנעמונג אונ אָרגאניזירט פלאנמעסיק, אפנ גרונט פונ א גענויעמ דיסקאָנט פונ די מאסנ-אָנגאבנ, די צושטעלונג פונעמ אָנפאנגלעכנ רוימאטעריאל אינ א מאסשטאב פונ $^{2}/_{3}$ אָדער $^{3}/_{4}$ פונ דעמ, וואָס איז נייטיק פאר צענדליקער מיליאָנענ באפעלקערונג; ווענ ס׳ווערט סיסטעמאטיש אָרגאניזירט די טראנספּאָרטירונג פונ דעמ דאָזיקנ רויווארג אינ די באקוועמסטע פראָדוציר-פונקטנ, וואָס זײַנענ צומאָל אפ הונדערטער אונ טויזנטער ווערסט אָפגעטיילט איינער פונ דעמ צווייטנ; ווענ איינ צענטער האָט צו שאפנ איבער אלע סטאדיעס פונ דער נאָכאנאנדיקער באארבעטונג פונעמ מאטעריאל, ביז עס באקומט זיכ א גאנצע ריי פארשיידענע מינימ פארטיקע פראָדוקטנ; ווענ די פארטיילונג פונ די דאָזיקע פראָדוקטנ ווערט דורכגעפירט לויט איינ פלאנ צווישנ צענדליקער אונ הונדערטער מיליאָנענ געברויכער (דער פארקויפ פונ נאפט אינ אמעריקע אונ אינ דײַטשלאנד דורכ דעמ אמעריקאנער „נאפט-טרעסט"); — דאנ ווערט קלאָר, אז מיר

האָבן דאָ צו טאָן מיט א פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון דער פּראָדוקציע, און קלאָר ניט מיט קיין פּאַשעטער „איבערפלעכטונג"; — אז די פּריוואַט-ווירטשאַפטלעכע און פּריוואַט-אייגנטימערישע פאַרהעלטענישן זיינען בלויז די שאָלעכץ, וואָס אַנטשפּרעכט שוין ניט דעם אינהאַלט און וואָס מוז אומפאַרמיידלעך אָנהייבן פאַרפוילט ווערן, אויב מע וועט קינסטלעך פאַרציִען איר באַזייטיקונג, א שאָלעכץ, וואָס קאָן לעפּיערעך א גאַנצע לאַנגע צייט זיך האַלטן אין א פאַרפוילנדיקן צושטאַנד (אפן ערגסטן פאַל, ווען די רעפוע קעגן דעם אָפּאָרטוניסטישן געשוויר וועט לאַנג ניט קומען), אָבער וואָס וועט פאָרט אומפאַרמיידלעך באַזייטיקט ווערן.

שולצע-געווערניץ, א באַגייסטערטער אָנהענגער פונעם דייטשישן אימפּעריאַליזם, רופט אויס:

„אויב די אָנפירונג מיט די דייטשישע בענק געפינט זיך אין דער אונטערשטער שורה אין די הענט פון א טוץ מענטשן, איז פאַר זייער טעטיקייט שוין איצט א סאַך וויכטיקער, איידער די טעטיקייט פונעם גרעסטן טייל מעלוכע-מיניסטאָרן" (דאָ לוינט זיך אים צו פאַרגעסן וועגן דער „איבערפלעכטונג" צווישן די באַנקלייט, מיניסטאָרן, אינדוסטריעלער, ראַנטיע...)... „אויב מע זאָל ביזן סאָף דורכטראַכטן די אַנטוויקלונג פון די טענדענצן, וועלכע מיר האָבן געזען, דאַן באַקומט זיך: דער געלט-קאַפּיטאַל פון דער נאַציע איז פאַראייניקט אין די בענק; די בענק זיינען צונויפגעבונדן איינער מיט דעם צווייטן אין א קאַרטעל; דער קאַפּיטאַל פון דער נאַציע, וועלכער זוכט אן אָנווענדונג, האָט אָנגענומען די פאָרם פון ווערטפּאַפּירן. דאַן ווערן פאַרווירקלעכט סען-סימאָנס געניאַלע ווערטער: „די איצטיקע אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע, וואָס אַנטשפּרעכט דעם פאַקט, וואָס די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן וויקלען זיך פאַנאַנדער אָן אן איינאַרטיקער רעגולירונג, דאַרף אָפּטרעטן איר אָרט דער אָרגאַניזירונג פון דער פּראָדוקציע. די פּראָדוקציע וועלן ריכטן ניט קיין איזאָלירטע אונטערנעמער, אומאָפּהענגיקע איינער פון דעם צווייטן, וואָס ווייסן ניט די עקאָנאָמישע באַדערפענישן פון די מענטשן; די אָנפירונג וועט זיך געפינען אין די הענט פון א געוויסן סאָציאַלן אַנשטאַלט. דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג-קאָמיטעט, וואָס האָט די מעגלעכקייט צו באַטראַכטן דעם ברייטן געביט פון סאָציאַלער עקאָנאָמיע פון א העכערן שטאַנדפּונקט, וועט זי רעגולירן אַזוי, ווי דאָס איז נוצלעך פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט, ער וועט איבערגעבן די פּראָדוציר-מיטלען אין פּאַסיקע הענט, און וועט באַזונדערס זאָרגן וועגן א שטענדיקער האַרמאָניע צווישן דער פּראָדוקציע מיט דעם געברויך. ס'זיינען פאַראַן אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן אין דעם קריַיז פון זייערע אויפגאַבן אַריינגענומען א געוויסע אָרגאַניזירונג פון דער ווירטשאַפטלעכער אַרבעט: דאָס זיינען די בענק". מיר זיינען נאָך ווייט פון צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע ווערטער סען-סימאָנס, אָבער מיר שטייען שוין אויפן וועג צו זייער פאַרווירקלעכונג: ס'איז מאַרקסיזם, אַנדערש איידער עס האָט זיך פאָרגעשטעלט מאַרקס, נאָר אַנדערש בלויז לויט דער פאָרם".

ניטאָ וואָס צו ריידן: א שיינע „אָפּלייקענונג" פון מארקסן, וועלכע מאכט א שריט צוריק — פון מארקס פּינקטלעכע וויסנשאפטלעכע אנאליז צו סענ־סימאָנס האשאָרע, וועלכע איז א געניאלע האשאָרע, אָבער דאָך ניט מער ווי א האשאָרע.

יאנוואר—יול 1916 יאָרי

# באמערקונגען

1 לענינ רופט אנ זײנ בוכ „אימפעריאליזמ, אלס העכסטע
סטאדיע פונ קאפיטאליזמ" „א פאפולערער עטיוד". אינדערע־
נעסנ פארנעמט אט דער בוכ אנ אויסשליסלעכ ארט אינ דער גאנצער מארקסיסטישער
ליטעראטור, וואס איז געווידמעט דעמ אימפעריאליזמ. שטייענדיק אינ איינ ריי מיט
די וויכטיקסטע קאפיטאלע ווערק לענינס, שליסט זיכ דער בוכ דירעקט אנ צו
מארקס „קאפיטאל". לענינס לערע וועגנ אימפעריאליזמ, וועלכע ווערט אינעמ בוכ
אנטוויקלט, איז א דירעקטע פארזעצונג פונ מארקס לערע וועגנ קאפיטאליזמ. מארקס
האט אויפגעדעקט די גרונטלעכע עקאנאמישע קלאסעווע ווידערשפרוכנ אונ די
אנטוויקלונג־געזעצנ פונעמ קאפיטאליזמ. דערמיט האט ער געגעבנ די וויסנשאפט־
לעכ־עקאנאמישע באגרינדונג פונ זײנ לערע וועגנ דער פראלעטארישער רעוואליוציע
אונ וועגנ דער דיקטאטור פונ פראלעטאריאט. אבער ניט מארקס אונ ניט ענגעלס
האבנ ניט דערלעבט ביזנ אויפבלי פונעמ אימפעריאליזמ. זיי זײנענ געווענ איידעס
בלויז פונ זײנע ערשטע שריט (דערהויפט אינ ענגלאנד). דעריבער האבנ זיי באר
אינ די סאמע אלגעמיינע שטריכנ געקאנט פארויסזענ די באזונדערקײטנ אונ פאלגנ
פונ אט דער נײער, העכסטער סטאדיע אינ דער אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ.
אינ דער אנטוויקלונג פונ די קאפיטאליסטישע פארייניקונגענ (אקציאנערע געזעל־
שאפטנ, טרעסטנ, סינדיקאטנ), אינ דער וואקסנדיקער צענטראליזאציע פונ דער פרא־
דוקציע, אינ דער קאנצענטראציע פונ דער פראדוקציע אינ די הענט פונ א קליינעמ
הײפל גרויסקאפיטאליסטנ („מאגנאטנ פונ קאפיטאל") אונ אינעמ וווּקס פונ זייער
מאנאפאליע, ד.ה. פונ זייער אויסשליסלעכער הערשאפט איבער דער
פאלקווירטשאפט, האבנ מארקס אונ ענגעלס שוינ אײנגעזענ דעמ אנקומ פונ יענער
עפאכע, ווענ ס'וועט ווערנ אוממעגלעכ די ווייטערדיקע קאפיטאליסטישע אנטוויקלונג
אונ ס'וועט קומענ דער קראכ פונ קאפיטאליזמ. מאקע אט די עפאכע האט עס
מארקס אינ זינענ, ווענ ער זאגט אינעמ ערשטנ באנד „קאפיטאל" (קאפיטל 24,
ז. 612—613, לויט דער אויסגאבע פונ פארטיי־פארלאג (רוסיש), 1932 יאר):
„באגלײכ מיט דער קעסיידערדיקער פארקלענערונג פונ דער צאל מאגנאטנ פונ קא־
פיטאל, וועלכע אוזורפירנ אונ מאנאפאליזירנ אלע פארצוגנ פונ דעמ דאזיקנ אי־
בערקערעניש־פראצעס (ד.ה. פונ דער איבערקערעניש, וואס דער קאפיטאליזמ שאפט
אינ דער טעכניק פונ דער פראדוקציע אונ אינ דער גאנצער פאלקווירטשאפט.
רעד.), וואקסט די מאסע דאלעס, דרוק, פארשקלאפונג, דעגענעראציע אונ עקס־
פלואטאציע, אבער צוזאמענ דערמיט וואקסט אויכ די אויפרעגונג פונ ארבעטער־
קלאס, וואס האלט זיכ קעסיידער אינ פארגרעסערנ, וואס ווערט אויסגעשולט, פאראי־
ניקט אונ ארגאניזירט פונ דעמ עצמ מעכאניזמ פונעמ קאפיטאליסטישנ פראדוציר־
פראצעס. די מאנאפאליע פונ קאפיטאל ווערט א פענטע פאר דעמ פראדוציר־אויפנ,
וואס האט הערגעוויכט אונ אויפגעבליט צוזאמענ מיט איר אונ אדאנק איר. די צענטרא־
ליזאציע פונ די פראדוציר־מיטלענ אונ די פארגעזעלשאפטלעכונג פונ דער ארבעט

דערגרייכנ אַזאַ ניוואָ, ווענ זיי קאָנענ זיכ ניט צונויפּפּאַסנ מיט זייער קאַפּיטאַליסטישנ הילוכ. דאָס היטל ווערט צעריסנ. עס שלאָגט די שאָ פונ קאַפּיטאַליסטישנ פּריוואַט־אייגנטומ. די עקספּראָפּריאַטאָרס ווערנ עקספּראָפּרירט". און דעמ זעלביקנ עטאַפּ אינ דער אַנטוויקלונג פונ קאַפּיטאַליזמ, אַלס העכסטנ און לעצטנ עטאַפּ זיינעמ, האָט אינ זינענ ענגעלס אינ זיינ בוכ „אַנטי־דיורינג" (טייל III: „סאָציאַליזמ", קאַפּיטל II, ז. 262—264, אויסגאַבע פונ מאַרקס־ענגעלס־אינסטיטוט, 1928 יאָר), ווענ ער רעדט וועגנ דער „מאָנאָפּאָליע" פונ די טרעסטנ. ער שרייבט דאָרטנ, אַז „קיינ איינ פאָלק וועט ניט מאַסקעמ זיינ צו דולדנ לאַנג אַ פּראָדוקציע, וואָס ווערט רעגולירט פונ טרעסטנ, ווענ די גאַנצע געזעלשאַפט ווערט אָפּנ עקספּלואַטירט פונ אַ קליינער באַנדע קופּאָנעמ־באַזיצער". ער זאָגט, אַז אַפילע דער איבערגאַנג פונ דער פּראָדוקציע אינ די הענט פונ דער קאַפּיטאַליסטישער מעלוכע (דה. מעלוכע־קאַפּיטאַליזמ אינ דער בורזשואַזער מעלוכע) וועט ניט ראַטעווענ דעמ קאַפּיטאַליזמ פונ אומקומ, ווייל פונ דעמ דאָזיקנ איבערגאַנג „וועלנ די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישנ ניט באַזייטיקט ווערנ, נאָר זיי וועלנ ווערנ נאָכ מער פאַרשאַרפט, אָבער די דאָזיקע פאַרשאַרפונג וועט שוינ זיינ דער לעצטער טראָט אינ זייער אַנטוויקלונג". דאָס זיינענ אָבער אַלצ געווענ סאַמע אַלגעמיינע פאָרויסזאָגונגענ. מאַרקס און ענגעלס האָבנ נאָכ ניט געקאָנט זענ די באַזונדערקייטנ פונ דער נייער עפּאָכע פונ מאָנאָפּאָליסטישנ קאַפּיטאַליזמ (אַנדערש געזאָגט — פונעמ אימפּעריאַליזמ) אינ זייער אַנטוויקלטנ צושטאַנד. אויפדעקנ די דאָזיקע באַזונדערקייטנ, באַווייזנ אינ וואָסערע נייע און דערביי סאַמע שאַרפע פאָרמענ אַנטוויקלענ זיכ אינ דער עפּאָכע פונ אימפּעריאַליזמ די עקאָנאָמישע און קלאַסעווע ווידערשפּרוכנ פונ קאַפּיטאַליזמ, ווי אַזוי זיי פאַרוואַנדלענ די דאָזיקע עפּאָכע אינ אַנ „ערעוו פונ סאָציאַליזמ", אינ אַנ עפּאָכע פונ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס, שאַפנדיק פאַר דעמ אַלע נייטיקע פאַרהאַנאָבעס — דאָס אַלצ איז באַשערט געווענ אָפּצוטאָנ לענינענ. ער האָט אויסגעפילט די דאָזיקע אויפגאַבע אינ זיינ בוכ „אימפּעריאַליזמ". לענינס לערע וועגנ אימפּעריאַליזמ, וואָס ער האָט אַנטוויקלט אינ אָט דעמ בוכ, איז געוואָרנ די באַזע פאַר דער גאַנצער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פונ דער מאַרקסיסטיש־לענינישער טעאָריע וועגנ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און דער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט אינ די יאָרנ פונ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע און נאָכ איר, באַזונדערס פאַר דער האַנאָכע, וואָס לענינ האָט אַרויסגערוקט, מיקויעכ דער מעגלעכקייט פונעמ ניצאָכנ פונ סאָציאַליזמ אינ איינצלנע, באַזונדער גענומענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דאָס לענינישע באַנעמענ דעמ „אימפּעריאַליזמ, אַלס העכסטע סטאַדיע פונ קאַפּיטאַליזמ", איז געליגט געוואָרנ אינ יעסאָד פונ די פּראָגראַמעס פונ אַלקפּ(ב) און קאָמינטערנ.

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, אינ געשטאַלט פונ אַזעלכע „טעאָרעטיקער" זיינענ, ווי הילפערדינג און קאָמפּ., באַגרינדעט זיינ סאָציאַל־פאַשיסטישע פּאָליטיק פונ פאַראַטנ דעמ אַרבעטער־קלאַס און דינענ דער בורזשואַזיע מיט דער טעאָריע פונ דעמ אַזויגערופענעמ „אָרגאַניזירטנ קאַפּיטאַליזמ", דה. פונ דעמ קאַפּיטאַליזמ, וואָס איז קלומערשט פיייק גראָד אינ דער עפּאָכע פונ אימפּעריאַליזמ צו באַזייטיקנ אַלע ווידערשפּרוכנ, וועלכע צערייסנ אימ, און שאַפנ אַ פּראָדוקציע, וואָס אַנטוויקלט זיכ פּלאַנמעסיק, אָנ קריזיסנ. אָפּ דער דאָזיקער טעאָריע בויט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל זיינ אָפּלייקענענ די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, זיינ קאַמפּ קעגנ אָט

דער רעוואָלוציע און זײַנ לערע, וואָס ער האָט גענאַשט באַמ אַלטנ, פּאַרמילכאָמעדיקנ רעוויזיאָניזמ (בערנשטײַניזמ) וועגנ אַרײַנוואַקסנ אינ סאָציאַליזמ דורכ מיטאַרבעט מיט דער בורזשואַזיע, דורכ דער אַזוי־גערופֿענער „פּאָליטישער און ווירטשאַפֿטלעכער דעמאָקראַטיע". אײנער פֿונ די קוועלנ פֿונ אָט דער טעאָריע פֿונ „אָרגאַניזירטנ קאַפּיטאַליזמ", איר אורשפּרינגלעכער אויסדרוק איז געווענ קאַוטסקיס טעאָריע פֿונ „אולטראַ־אימפּעריאַליזמ" („איבער־אימפּעריאַליזמ"), וועלכע איז אַנטשטאַנענ אינ אײנ צײַט מיט לעניִנס לערע וועגנ אימפּעריאַליזמ, אינ פּעריאָד פֿונ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע און וועלכע איז אויסגעבויט געוואָרנ אָפּ צו באַרעכטיקנ דעמ סאָציאַל־שאָוויניזמ. די דאָזיקע טעאָריע האָט פֿאָרויסגעזאָגט אַזאַ אַנטוויקלונג פֿונ אימפּעריאַליזמ, וואָס וועט באַזײַטיקנ די ווידערשפּרוכנ פֿונ קאַפּיטאַליזמ פֿרײַער פֿונ אַלצ אינ צווישנפֿעלקערלעכנ געביט דורכ א „פֿאַרײניקונג פֿונ די אימפּעריאַליזמענ פֿונ דער גאַנצער וועלט" און דורכ א פֿאַרניכטונג פֿונ די מילכאָמעס, דורכנ „אינטערנאַציאָנאַל־פֿאַרײניקטנ פֿינאַנצ־קאַפּיטאַל". אינ זײַנ בוכ „אימפּעריאַליזמ" (זע דעמ קאַפּיטל VII, ז. 82—93, און קאַפּיטל IX, ז. 103—117 פֿונ דעמ דאָזיקנ בוכ) און אינ זײַנער א צווײטער אַרבעט, וואָס ער האָט פֿרײַער אָנגעשריבנ, „דער קראַכ פֿונ צווײטנ אינטערנאַציאָנאַל" (זע די קאַפּיטלענ IV און V, ז. 181—192 פֿונעמ III באַנד פֿונ לעניִנס זעקסבענדיקער אויסגאַבע (ייִדיש)) האָט לעניִנ געגעבנ א פֿאַרניכטנדיקע קריטיק פֿונ דער דאָזיקער טעאָריע פֿונ „אולטראַ־אימפּעריאַליזמ", אַלס אַנ „אולטראַ־נאַרישקײַט", אַלס אַנ אַנטימאַרקסיסטישע, רעפֿאָרמיסטישע טעאָריע, וואָס פֿאַרטעמפּט די ווידערשפּרוכנ פֿונ קאַפּיטאַליזמ. מיט אָט דער קריטיק און מיט זײַנ גאַנצער לערע וועגנ אימפּעריאַליזמ, אַלס עפּאָכע פֿונ דער גרעסטער פֿאַרשאַרפֿונג פֿונ אַלע ווידערשפּרוכנ פֿונ קאַפּיטאַליזמ, האָט לעניִנ געגעבנ אַנ אומפֿאַרבײַטלעכ געווער אויכ פֿאַרנ קאַמפּ קעגנ דער הײַנטצײַטיקער אָפּאָרטוניסטישער טעאָריע וועגנ אָרגאַניזירטנ קאַפּיטאַליזמ, וואָס די פֿירער פֿונ צווײטנ אינטערנאַציאָנאַל פּראָפּאַגאַנדירנ.

דער טראָצקיזמ, וועלכער האָט, ווי דער כ' סטאַלינ ווײַזט אָנ (זע דעמ „בריוו אינ דער רעדאַקציע פֿונ „פּראָלעטאַרסקאַיאַ רעוואָליוציאַ"), אָנגעכאַפּט אינ 1905 יאָר באַ די דײַטשישע לינקע פֿונ יענער צײַט — באַ ראָזע לוקסעמבורג און פּאַרווסנ — די האַלב־מענשעוויסטישע טעאָריע וועגנ פּערמאַנענטער רעוואָלוציע, און אינ די יאָרנ פֿונ מילכאָמע באַ דער זעליקער ר. לוקסעמבורג — די האַלב־מענשעוויסטישע טעאָריע וועגנ אימפּעריאַליזמ און האָט פֿאַרוואַנדלט אָט די בײדע טעאָריעס אינ א געווער פֿונ קאַמפּ קעגנ דעמ לעניניזמ, — דער טראָצקיזמ, פּונקט ווי די דײַטשישע לינקע, האָט אינ זײַנ באַנעמענ דעמ אימפּעריאַליזמ דירעקט אָנגעשלאָסנ זיכ צומ קאַוטסקיאַניזמ. דאָס האָט פֿולקומ אַנטשפּראָכנ דעמ איבערגאַנג פֿונעמ טראָצקיזמ פֿונ דער צענטריסטישער, פֿאַרשטעלטער ליקווידאַטאָרסטווע אינ די יאָרנ 1908—1914 צומ סאָציאַל־שאָוויניזמ פֿונ קאַוטסקיאַנישנ טיפּ אינ די יאָרנ פֿונ מילכאָמע, וועלכער איז אויכ געווענ צענטריסטיש פֿאַרשטעלט. טראָצקי איז דאַנ אַרויסגעטראָטנ קעגנ לעניִנס לאָזונגענ צו פֿאַרוואַנדלענ די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע אינ א בירגערקריג און וועגנ דער מאַפּאָלע פֿונעמ אײגענעמ פֿאָטערלאַנד. קעגנ לעניִנס טעזיס וועגנ דער מעגלעכקײט זיג פֿונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און פֿונעמ סאָציאַליזמ אינ אײנ לאַנד, אָדער עטלעכע לענדער, האָט ער אַנטקעגנגעשטעלט דעמ קאַוטסקיאַנישנ לאָזונג וועגנ „פֿאַרײניקטע שטאַטנ פֿונ אײראָפּע", אָנ

מאַנאַרכיעס און שטענדיקע אַרמייענ, ד.ה. דעמ לאָזונג פונ אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישער פאַראייניקונג פונ אייראָפּע, וואָס איז לויט זיינ מיינונג געווענ אַנ אומבאַדינגטער טנאַי פאַרנ ניצחונ פונ דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. בײַ קאַוטסקינ איז אָט דער לאָזונג אַרויסגעדרונגענ פונ זיינ טעאָריע, אַז „דער אימפּעריאַליזמ פאַראייניקט די גאַנצע וועלט“, און בײַ טראָצקינ פונ זיינ האַנאַכע, אַז דער אימפּעריאַליזמ פילט אויס אַ „בעעמעס באַפרייערישע היסטאָרישע מיסיע, די אויסבויונג פונ אַ פאַראייניקטער וועלט־ווירטשאַפט, אומאָפּהענגיק פונ די נאַציאָנאַלע ראַמענ און די מעלוכישע טאַמאָזשנע־צאַמענ“ („די פּראָגראַמ פונ שאָלעמ“, דער בוכ „מילכאָמע און רעוואָלוציע“ ב. II, ז. 498), ד.ה. פונ אַנ איבערפראַזירונג פונ דער זעלביקער קאַוטסקיאַנישער טעאָריע וועגנ „אולטראַ־אימפּעריאַליזמ“. מיט דער דאָזיקער קאַוטסקיאַנישער „טעאָריע“, אַז דער אימפּעריאַליזמ גופע וועט „אויסבויענ אַנ אַלוועלטלעכ־פאַראייניקטע ווירטשאַפט“, האָט טראָצקי אינ די יאָרנ פונ מילכאָמע געמיינט צו פאַרשטאַרקנ די „טעאָריע וועגנ דער פּערמאַנענטער רעוואָלוציע“, שטעלנדיק דעמ טראָפּ אויפנ אָפּלייקענענ די מעגלעכקייט פונ אַ פולנ ניצחונ פונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און פונעמ סאָציאַליזמ אינ אַ וועלכנ־ניט־איז באַזונדער גענומענעמ לאַנד און אינ אונדזער לאַנד בִיפְרָט. דער טראָצקיסטישער קאַמפּ קעגנ לענינִיזמ איז אינ די יאָרנ פונ דער מילכאָמע געווענ אַ קאַמפּ אויפנ באָדנ פונ קאַוטסקיאַניזמ און אַזאַ איז ער פאַרבליבנ אינ דער עפּאָכע פונ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, האַרט ביז די יאָרנ 1925—1927, ווענ דער טראָצקיזמ האָט זיכ פאַרוואַנדלט פונ אַ פראַקציע פונ קאָמוניזמ, וואָס אַזאַ איז ער צײַטווײַליק געווענ זינט דעמ 1917 יאָר, אינ אַ פאָדערשטנ אַטריאַד פונ דער בורזשואַזער קאָנטררעוואָלוציע. די לענינישע לערע וועגנ אימפּעריאַליזמ און לענינס פאַרניכטנדיקע קריטיק פונעמ קאַוטסקיאַניזמ און פונ זיינ וואַריאַציע — דעמ טראָצקיזמ אינ די מילכאָמע־יאָרנ האָבנ געגעבנ אונדזער פּאַרטיי אַנ אומפאַרבײַטלעכ געווער אויפ צו צעשמעטערנ דעמ טראָצקיזמ אינ פּעריאָד פונ XIV—XV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרנ.

פונקט אַזאַ אומפאַרבײַטלעכ געווער האָבנ זיי געגעבנ אויכ פאַרנ קאַמפּ פונ דער פּאַרטיי קעגנ דעמ רעכטנ אָפּאָרטוניזמ, וואָס האָט זיכ אינ דער פּערזאָנ פונ נ' בוכאַרינ אַראָפּגעקײַקלט צו דער טעאָריע פונ „אָרגאַניזירטנ קאַפּיטאַליזמ“ אינעמ פאַרשטיינ דעמ מאָדערנעמ אימפּעריאַליזמ.

דאָס דאָזיקע אַראָפּקײַקלענ זיכ האָט זיכ אַנטפּלעקט בײַמ נ' בוכאַרינ צוערשט אינ זיינ ווערק „די וועלט־ווירטשאַפט און דער אימפּעריאַליזמ“, וואָס ער האָט אָנגעשריבנ נאָכ אינ 1915 יאָר, ווענ ער האָט זיכ גערעכנט פאַר אַנ „עקסט לינקנ“, און האָט זיכ אינ זיינע פּאָזיציעס, צוזאַמענ מיט נ' פּיאַטאַקאָוו, אָנגעשלאָסנ אָנ די לינקע פּוילישע און דײַטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטנ. אינ אָט דעמ ווערק, וואָס איז דאַנ צומ ערשטנ מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרנ אינ זשורנאַל „קאָמוניסט“ און וואָס איז דערנאָכ אינ 1915 און שפּעטער — אינ 1916 דערשינענ אינ אַ ביסל אַנ איבערגעאַרבעטער פאָרמ, אַלס באַזונדער בוכ, האָט בוכאַרינ אַנטוויקלט אַ טעאָריע וועגנ אימפּעריאַליזמ, וואָס האָט זיכ אונטערשיידט פונ דער לענינישער. דערלאָזנדיק די „אַבסטראַקט־טעאָרעטישע מעגלעכקייט“, אַז בײַמ אימפּעריאַליזמ זאָל זיכ אויסבילדנ „אַנ אײנהייטלעכנ אַלוועלטלעכנ ווירטשאַפט־אָרגאַניזאַציע“, אַנ „אַלגעמיינער אַלוועלטלעכער טרעסט“, האָט ער, עמעס, אָפּגעלייקנט די „רעאַלע וואַרשײַנלעכקייט פונ אַזאַ זאַכ“, דערווײַזנדיק, אַז די „סאָציאַל־פּאָליטישע סיבעס וואָלטנ ניט געקאָנט

הערלאָזנ" צו אזא טרעסט, אונ אפ אזא אופנ האָט ער אָפּגעלײקנט אויכ די רעאלע מעגלעכקײטנ פונ קאוטסקיאנישנ „אובער־אימפּעריאליזמ". נאָר דאָס האָט אימ אבסאָלוט ניט געשטערט, ארויסטרײבנדיק דעמ „אָרגאניזירטנ קאפּיטאליזמ" פונ אײנ טיר, ארײנ־צולאָזנ אימ דורכ דער צװײטער; אָפּלײקענענדיק, אז דער „אָרגאניזירטער קאפּיטאליזמ" קאָנ פארווירקלעכט ווערנ אינ צווישנפעלקערלעכנ מאסשטאב, איז ער אינ דער דאָזיקער אָפּלײקענונג גופא ארויסגעגאנגענ פונ דער אנערקענונג, אז אינ יעדנ באזונדערנ קאפּיטאליסטישנ לאנד איז דער „אָרגאניזירטער קאפּיטאליזמ" יאָ מעגלעכ. ער האָט באהויפּט, אז דאנק אימפּעריאליזמ נעמט אָנ די „נאציאָנאלע ווירטשאפט" פונ יעדנ אזא לאנד די פאָרמ פונ א „פאראײנ פונ פאראײנענ" אונ ווערט פארוואנדלט אינ א מעלוכיש־קאפּיטאליסטישנ טרעסט, אז אינ די ראמענ פונ דער „נאציאָנאלער ווירטשאפט" ווערט „דערפירט די קאָנקורענצ ביז א מינימומ" אונ דערצו טרעט די „נאציאָנאלע ווירטשאפט" ארויס „אפ דער ארענע פונ וועלט־מארק ווי א אײנארטיק, אָרגאניזירט אונ עקאָנאָמיש אויסערגעווײנלעכ שטארק גאנצעס", די דאָזיקע „נאציאָנאלע ווירטשאפטנ" האָט ער אָנגערופנ „גיגאנטישע צונויפגעשמאָלצענע אונ אָרגאניזירטע עקאָנאָמישע קערפּערשאפטנ". („די וועלט־ווירטשאפט אונ דער אימפּעריאליזמ", אויסגאבע פונ 1927 יאָר, זײט 115). שוינ אינ דעמ דאָזיקנ ווערק בוכארינס זײנענ דעריבער די עקאָנאָמישע ווידערשפּרוכנ פונ קאפּיטאליזמ אינ דער אימפּעריאליסטישער עפּאָכע פארשוואונדנ אינ יעדנ באזונדער גענומענעמ אימפּעריאליסטישנ לאנד אונ זײנענ אריבערגעטראָגנ געוואָרנ אויסשליסלעכ „אפ דער ארענע פונעמ וועלט־מארק". דער גאנצער קאָנקרעטער פּראָצעס פונ עקאָנאָמישער אנטוויקלונג באמ אימפּעריאליזמ האָט זיכ בא אימ אויסגעלאָזט צו דער אנטוויקלונג פונ אָט די ווידערשפּרוכנ בלויז „דורכנ פארשארפטנ קאמפּ צווישנ די מעלוכיש־קאפּיטאליסטישע טרעסטנ", צווישנ די דאָזיקע „עקאָנאָמישע קערפּערשאפטנ", וואָס זײנענ „אָרגאניזירט" אינעווייניק אינ יעדנ אימפּעריאליסטישנ לאנד, צו דער אומפארמײדלעכער רײ „מילכאָמעס", וואָס דרינגענ דערפונ ארויס, אונ וואָס בלויז זײ קאָנענ געבוירנ די אלוועלטלעכע פּראָלעטארישע רעוואָלוציע. די דאָזיקע טעאָריע פונ אָרגאניזירטנ קאפּיטאליזמ אינעווייניק אינ די אימפּעריאליסטישע לענדער אונ פונ אריבערטראָגנ אלע ווידערשפּרוכנ פונ אימפּעריאליזמ אינ געביט פונ די צווישנפעלקערלעכע באציִונגענ האָט דער כ' בוכארינ, שוינ אלס פירער פונ רעכטנ אָפּאָרטוניזמ, אנטוויקלט אינ דער אָנווענדונג צומ הײנטצײטיקנ אימפּעריאליזמ אינ זײנע ארטיקלענ אינ „פּראווּדא" פונ 26 מײ אונ 30 יונ 1929 יאָר („אײניקע פּראָבלעמענ פונ הײנטצײטיקנ קאפּיטאליזמ בא די טעאָרעטיקער פונ דער בורזשואזיע" אונ די „טעאָריע פונ אָרגאניזירטער ווירטשאפטלאָזיקײט"). אינ די דאָזיקע ארטיקלענ, ווי אינ זײנ בוכ „די וועלט־ווירטשאפט אונ דער אימפּעריאליזמ", רעדט ווידער דער כ' בוכארינ וועגנ אָרגאניזירטנ קאפּיטאליזמ אינעווייניק אינ די באזונדערע אימפּעריאליסטישע לענדער אינ דער פאָרמ פונ „מעלוכישנ קאפּיטאליזמ", וואָס, לויט זײנ מײנונג, באטײט עס, אז „ס'ווערט אָפּגעשטארבנ די קאָנקורענצ אינעווייניק אינ יעדנ קאפּיטאליסטישנ לאנד אונ אז ס'ווערט ביז גאָר פארשארפט די קאָנקורענצ צווישנ די קאפּיטאליסטישע לענדער". ווידער לאָזט ער אויס אלע ווידערשפּרוכנ פונ אימפּעריאליזמ צומ קאמפּ צווישנ די אימפּעריאליסטישע לענדער „אפ דער ארענע פונעמ וועלט־מארק", אונ אלע מעגלעכקײטנ פונ אנ אלוועלטלעכער רעוואָלוציע פארבינדט ער מיט די אימפּעריאליסטישע

מילכאָמעס, וואָס דרינגענ ארויס פונ דאָזיקנ קאמפ. בוכארינס „מעלוכע־קאפּיטאליזמ“ אונ די אימפּעריאליסטישע לענדער, זײַנ טעאָריע וועגנ דעמ „אָפּשטארבנ פונ דער קאָנקורענצ“ אינעווייניק אינ די דאָזיקע לענדער באטײַט ניט קיינ אנדער זאכ, נאָר אז ס'איז מעגלעכ אנ אָנקריזיסדיקע, פּלאנמעסיקע אנטוויקלונג פונ קאפּיטאליזמ אינעווייניק אינ באזונדערע קאפּיטאליסטישע לענדער אונ, דאָס הייסט, ניט קיינ פארשארפונג, נאָר א פארטעמפּונג פונ די ווידערשפּרוכנ פונ קאפּיטאליזמ אינ אָט די לענדער. עס איז גאנצ באשײַמפּערלעכ דער אָפּארטוניזמ פונ אָט דער טעאָריע, איר גאָר נאָענטע קרוווּעשאפט צו די בקיהעס פונ די „טעאָרעטיקער“ פונעמ II אינטערנאציאָנאל וועגנ אָרגאניזירטנ קאפּיטאליזמ, אפ וויפל דאָ רעדט זיכ וועגנ דער „אָפּשטארבונג פונ דער קאָנקורענצ“ אונ וועגנ אנ אָנקריזיסדיקנ קאפּיטאליזמ אינעווייניק אינ די אימפּעריאליסטישע לענדער; ס'איז גאנצ באשײַמפּערלעכ, פארקערט, איר אבסאָלוטע אומקאָמפּראָמיסלעכקײַט מיט דער לענינישער לערע וועגנ דער אימפּעריאליסטישער עפּאָכע, אלס עפּאָכע, ווענ ס'ווערנ אויסערגעוויינלעכ פארשארפט ניט נאָר די צווישנפעלקערלעכע ווידערשפּרוכנ פונ קאפּיטאליזמ, נאָר אויכ די אינערלעכע ווידערשפּרוכנ אינ יעדנ אימפּעריאליסטישנ לאנד. אינ זײַנ בוכ „אימפּעריאליזמ“ קריטיקירט לענינ זייער שארפ די אָנשוויונגענ פונ קאוטסקינ אונ פונ די בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ, אונ אלע רייד וועגנ דעמ, אז אינ דער עפּאָכע פונ אימפּעריאליזמ איז מעגלעכ אנ אָנקריזיסדיקע, פּלאנמעסיקע ווירטשאפט, ווארפט לענינ אָפּ, ווי א „באָבע־מעַיסע“ פונ די בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ, וואָס פוצנ צו דעמ קאפּיטאליזמ אומ יעדנ פּרײַז“ (זע אינ דעמ דאָזיקנ בוכ ז. 24). ער שטעלט פעסט, אז אינ דער דאָזיקער עפּאָכע, פארקערט, „פארשטארקט אונ פארשארפט זיכ די כאאָטישקײַט, וואָס איז אייגנטימלעכ דער גאנצער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע אינגאנצנ גענומענ“, ניט געקוקט אפנ וווּקס פונ די פאראייניקונגענ פונ די קאפּיטאליסטנ, ניט געקוקט אפ דער שטרעבונג פונעמ מאָנאָפּאָליסטישנ קאפּיטאליזמ צו פארניכטנ די פרײַע קאָנקורענצ אינעווייניק אינ יעדנ לאנד. די אנטשפּרעכיקע ערטער אינ לענינס בוכ זײַנענ ווי לעכאַטכילע געצילט קעגנ דעמ הײַנטצײַטיקנ רעכטנ אָפּארטוניזמ אונ מיט זײַנ צוגאנג צומ איצטיקנ פעריאָד פונ אימפּעריאליזמ.

לענינס בוכ „אימפּעריאליזמ“ איז דער יעסאָד פונ דער לענינישער לערע וועגנ דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע, אינ דער זעלביקער צײַט איז ער דער בעסטער שליסל אפ צו פארשטיינ לענינס פּאָזיציעס אונ לאָזונגענ אינ פעריאָד פונ דער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע אונ אינ פעריאָד פונ קאמפ פאר דער פּראָלעטארישער דיקטאטור אינ רוסלאנד (1917 יאָר). גלײַכצײַטיק דינט דער בוכ אלס שליסל פארנ קאמפ „אפ צוויי פראָנטנ“, וואָס לענינ האָט געפירט קעגנ אלע וואריאציעס פונ סאָציאל־שאָוויניזמ, פונ אײנ זײַט, אונ קעגנ דעמ „לינקנ“ אָפּנייג אינ די רײַענ פונ די באָלשעוויקעס אינ יענער צײַט (בוכארינ—פּיאטאקאָוו גרופּע אא.) — פונ דער אנדערער זײַט.

2 די אויסלענדישע ארטיקלענ לענינס איבער די פראגנ, וועגנ וועלכע ער רעדט דאָ, האָבנ זיכ געדרוקט אינ „סאָציאל־דעמאָקראט“ (דער צענטראלער אָרגאנ פונ רסדאפּ(ב)), אינ „קאָמוניסט“ אונ אינ „סבאָרניק סאָציאל־דעמאָקראטא“, וואָס זײַנענ דערשינענ אינ דער שווייצ. אינ 1917 י. זײַנענ זיי דערשינענ אינעמ זאמלבוכ „קעגנ שטראָמ“. צו דער דאָזיקער צווייטער אויסגאבע שיקט עס לענינ אפ דעמ לייענער. אינ לענינס ווערק זײַנענ די דאָזיקע ארטיקלענ אָפּגעדרוקט אינ XVIII

אונ XIX ב. א טייל פונ אָט די אַרטיקלענ, דערונטער איינער פונ די סאַמע וויכטיקסטע — „דער קראַכ פונ II אינטערנאַציאָנאַל", ווערנ געגעבנ אינעמ באַנד III פונ לענינס זעקסבענדיקער אויסגאַבע (יידיש) (ז. 162—223).

3 דאָס דאָזיקע פאָרוואָרט איז צומ ערשטנ מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרנ אינ א יאָר אַרומ נאָכ דעמ, ווי עס איז אָנגעשריבנ געוואָרנ. געדרוקט האָט עס זיכ אינ זשורנאַל „קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל", נומער 18 אינ 1921 יאָר אונטערנ נאָמענ „קאַפּיטאַליזמ אונ אימפּעריאַליזמ". אינ דער דייטשישער אונ פראַנצויזישער אויסגאַבעס פונ לענינס בוכ „אימפּעריאַליזמ, אַלס העכסטע סטאַדיע פונ קאַפּיטאַליזמ" אינ 1920 יאָר איז דאָס דאָזיקע פאָרוואָרט ניטאָ.

4 דעמ „בריסקער שאָלעמ" האָט די ראַטנ-רעגירונג געשלאָסנ מיט די רעגירונגענ פונ דייטשלאַנד, עסטרייכ-אונגאַרנ, בולגאַריע אונ טערקיי. דעמ שאָלעמ-אָפּמאַכ האָט די סאָוועטישע דעלעגאַציע אונטערגעשריבנ אינ בריסק אַפּ דער שאָלעמ-קאָנפערענצ דעמ 3—1 מאַרט 1918 יאָר. דעמ שאָלעמ האָט ראַטיפיצירט (באַשטעטיקט) דער VI אויסעראָרדנטלעכער ראַטנ-צוזאַמענפאָר דעמ 15-טנ מאַרט, נאָכ דעמ ווי דער VII פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומענ דעמ פאָרשלאָג פונ לענינענ אונ פונ צק וועגנ שליסנ דעמ שאָלעמ. פאַר דעמ האָט מענ געפירט מיט דייטשלאַנד דויערנדיקע אונטערהאַנדלונגענ, וואָס האָבנ זיכ געצויגנ פונ 2-טנ דעקאַבער (19 נאָיאַבער) 1917 יאָר. גלייכצייטיק איז געגאַנגענ א לאַנגדויערנדיקער קאַמפּ אינ דער פּאַרטיי אונ אינ צק קעגנ די „לינקע קאָמוניסטנ" מיט בוכארינענ אינ דער שפּיצ אונ קעגנ טראָצקינ. לענינ איז קאַטעגאָריש באַשטאַנענ, אַז מע זאָל שליסנ דעמ דאָזיקנ שאָלעמ, קעדיי, „אָפּגעבנדיק טעריטאָריע, אויסשפּילנ צייט", דערשלאָגנ זיכ אַנ „אָטעמ-איבעררייס", פאַרפעסטיקנ די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, אָרגאַניזירנ די רויטע אַרמיי, איבערברעכנ דעמ סאַבאָטאַזש אונ דעמ ווידערשטאַנד פונ דער קאָנטררעוואָליוציע אינ לאַנד אונ אויסנוצנ אַפּ אַזא אופנ די ערשטע אונ איינציקע פּראָלעטאַרישע מעלוכע, אַלס פעסטונג אונ געצייג פאַר דער אַנטוויקלונג פונ דער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

די גרופּע „לינקע קאָמוניסטנ" האָט געפירט א קאַמפּ קעגנ לענינענ, האַלטנדיק, אַז שליסנ דעמ שאָלעמ איז א פאַראַט צו דער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע. די מאָסקווער געגנטלעכע ביוראָ פונ דער פּאַרטיי, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט נ. בוכארינ, האָט אָנגענומענ א רעזאָלוציע, וואָס אינ איר איז ארויסגערוקט געוואָרנ א „מעשוגנעדיקע אונ ווילדע", ווי לענינ האָט געזאָגט, האַנאָכע, אַז „אינ די אינטערעסנ פונ דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָליוציע איז צוועקמעסיק איינצוגיינ אַפּ פאַרלירנ די ראַטנ-מאַכט", וועלכע ווערט קלומערשט נאָכנ שליסנ דעמ שאָלעמ א „פאָרמעלע". אינ דער זעלביקער רעזאָלוציע האָט די מאָסקווער ביוראָ אויסגעדריקט אומצוטרוי דעמ צק אינ דער שפּיצ מיט לענינענ. טראָצקי ווידער איז געשטאַנענ אַפּ א פּאָזיציע, וואָס איז געווענ נאָענט צו דער פּאָזיציע פונ די „לינקע קאָמוניסטנ", — ער האָט פאַרטיידיקט א פּאָליטיק, וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרנ אינ דער פאָרמולע: „די מילכאָמע ניט פירנ, קיינ שאָלעמ ניט שליסנ".

דעמ שטאַנדפּונקט פונ די „לינקע קאָמוניסטנ" אונ פונ טראָצקינ האָט לענינ זייער שאַרפ קריטיקירט סיי אינ זיינע מינדלעכע ארויסטרעטונגענ, באַזונדערס אַפּנ VII פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר, סיי אינ דער פּרעסע. דער ווידערשטאַנד פונ די

„לינקע קאָמוניסטנ“ אונ טראָצקיס פּאָזיציע האָבנ שטאַרק פאַרצויגנ דאָס שליסנ דעמ שאָלעמ אונ עס איז שוינ אויסגעקומענ צו שליסנ אימ אויפ א סאך אומגינסטיקערע באַדינגונגענ, אײדער מע האָט עס געקאָנט טאָנ אינ דעקאַבער 1917 יאָר. לויטנ בריסקער שאָלעמ-אָפּמאַך איז פונ באַשטאַנד פונ דער ראַטנ-טעריטאָריע ארויסגעפאַלנ לעטלאַנד, עסטלאַנד אונ א טייל ווייסרוסלאַנד. דײַטשלאַנד האָט אײַנגעהאַלטנ פאַר זיכ דעמ טייל פּוילנ אונ ליטע, וואָס עס האָט פאַרנומענ בײַמ דער מילכאָמע, אונ די ראַטנ-רעגירונג האָט זיכ פאַרפליכטעט צו „באַפרײַענ“ צוזאַמענ מיט לעטלאַנד אונ עסטלאַנד אויכ אוקראַיִנע אונ פינלאַנד. אינ נאָיאַבער 1918 יאָר, אינ צוזאַמענהאַנג מיט דער רעוואָליוציע אינ דײַטשלאַנד, האָט די ראַטנ-רעגירונג אַנולירט דעמ בריסקער שאָלעמ.

5 ד ע ר  װ ע ר ס א ל ע ר  ש אָ ל ע מ (א נאָמענ נאָכ דער שטאָט ווערסאַל, לעבנ פּאַריזש, אינ פראַנקרײַכ) איז געשלאָסנ געוואָרנ אינ רעזולטאַט פונ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע פונ די יאָרנ 1914—1918 צווישנ דײַטשלאַנד אונ זײַנע פאַרבינדעטע, פונ אײנ זײַט, אונ די מעלוכעס, וואָס האָבנ געקעמפט קעגנ אימ (ענגלאַנד, פראַנקרײַכ, די פאַראייניקטע שטאַטנ פונ צאָפנ-אַמעריקע, סערביע, איטאַליע, יאַפּאַניע) — פונ דער צווייטער זײַט.

אויב דער בריסקער שאָלעמ האָט באַוויזנ די פאַרכאַפּעריִשע, רויבעריִשע מילכאָמע-צילנ מיצאַד דײַטשלאַנד, האָט דער ווערסאַלער שאָלעמ באַשטעטיקט די רויבעריִשע מילכאָמע-צילנ פונ פראַנקרײַכ, ענגלאַנד אונ זייערע פאַרבינדעטע. לויטנ ווערסאַלער אָפּמאַכ, וואָס איז אונטערגעשריבנ געוואָרנ פונ די צדאָדימ דעמ 28-טנ יונ 1919 יאָר נאָכנ וואָפנשטילשטאַנד, וועלכער האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ נאָיאַבער 1918 יאָר, זײַנענ בײַ דײַטשלאַנד אונ עסטרײַכ אָפּגענומענ געוואָרנ א רײ אייראָפּעיִשע טעריטאָריעס זייערע. בײַ דײַטשלאַנד האָט מענ אָפּגענומענ אונ צעטיילט צווישנ די אַנטאַנטע-לענדער אַלע זײַנע קאָלאָניעס. דײַטשלאַנד איז קימאַט אינגאַנצנ אַנטוואָפנט געוואָרנ אונ הערבײַ איז די באַוואָפענונג זײַנע, דערונטער אויכ דער קריג-פלאָט, אַריבערגעגאַנגענ צו די זיגער. אַפ דײַטשלאַנד האָט מענ אַרופגעלייגט אַנ אומגעהייערע הויכע קאָנטריבוציע, וועלכע האָט געדאַרפט אויסגעצאָלט ווערנ טיילווײַז מיט גאָלד אונ טיילווײַז אינ נאַטור — מיט קוילנ, בוי-מאַטעריאַלנ, מאַשינעס, פאַרב-שטאָפנ אאַז״וו. די דאָזיקע קאָנטריבוציע („רעפּאַראַציעס“) לייגט זיכ, ווי באַוווּסט, מיט דער גאַנצער לאַסט אירער אויפ אַרבעטער-קלאַס אונ די איבעריקע אַרבעטנדיקע מאַסנ אינ דײַטשלאַנד, וועלכע זײַנענ דערפירט געוואָרנ ביז אומגעהערטנ דאַלעס. לויט דער „פאַרשטענדיקונג“ אינ לאָזאַנ (1932) איז באַדינגלעכ באַשלאָסנ געוואָרנ, אַז דײַטשלאַנד וועט מער, אייגנטלעכ, קיינ רעפּאַראַציעס ניט צאָלנ, אויב די כויוועס, וואָס די פאַרבינדעטע זײַנענ שולדיק אַמעריקע וועלנ אויכ אָפּגעשריבנ ווערנ. אַמעריקע וויל אָבער ניט הערנ וועגנ אַנולירנ די כויוועס, וואָס מע קומט איר. זי איז נאָר מאַסקעמ צו אונטערהאַנדלענ מיט יעדנ פונ אירע באַלכויוועס באַזונדער וועגנ פאַרבײַטנ די אָפּצאָלנ מיט מעזומענ געלט אויפ אַנדערע מינימ אָפּצאָלונגענ.

6 ד י  ק אָ מ ו נ אַ ר נ — דער פּאַריזשער פּראָלעטאַריאַט צוזאַמענ מיט דער שטאָטישער אָרעמשאַפט אונ א טייל קליינבירגערטומ, וואָס איז געגאַנגענ נאָכ אימ, האָט אינ 1871 געמאַכט אַנ אויפשטאַנד, פאַרכאַפּט די מאַכט אונ אָרגאַניזירט די פּאַריזשער קאָמונע. דאָס איז געווענ די ערשטע רעגירונג פונ פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. דער פּאַריזשער פּראָלעטאַריאַט האָט העלדיש געקעמפט פאַר דער קאָמונע קעגנ דער בורזשו-

אזיע; די „ווערסאלער“ — זײַנענ געווענ די בורזשואזיע צוזאמענ מיט איר רעגי־רונג, וואָס איז אנטלאָפנ קײנ ווערסאל (א שטאָט לעבנ פאריזש), אחוצ האָבנ זײ צונויפגעצויגנ דאָס קאָנטררעוואָלוציאָנערע מיליטער, גערופנ צו הילפ די דײַטשישע ארמײ, אָפּגעשניטנ אזויארומ פאריזש פונ גאנצ פראנקרײַכ אונ דערטרונקענ די פאריזשער קאָמונע אינ ארבעטער־בלוט.

7 **די שפאניש־אמעריקאנישע מילכאָמע פונ 1898 יאָר** איז געפירט געוואָרנ צווישנ די צאָפנ־אמעריקאנישע פאראײניקטע שטאטנ אונ שפאניע פאר פארכאפנ די אנטילישע, פיליפינער אונ אנדערע אינדזלענ אינ אטלאנטישנ אונ שטילנ אָקעאנענ, מיטנ טערעצ, אז אמעריקע איז אויסנ צו „באפרײַענ“ די דאָזיקע אינדזלענ פונ שפאנישנ יאָכ. די דאָזיקע מילכאָמע איז אײנע פונ די אילוסטראציעס צו לענינס האנאָכע וועגנ דעמ קאמפ פונ די אימפעריאליסטישע לענדער פאר איבער־פארטײלנ די וועלט. די גרעסטע אנטילישע אינדזלענ (קובא, פּאָרטאָ־ריקאָ) זײַנענ א באזע אָפ צו באהערשנ אונ קאָנטראָלירנ מעקסיקע, די רעפובליקנ פונ צענטראל־אמעריקע אונ די צאָפנדיקע העלפט דאָרעמ־אמעריקע. אויסער דעמ האָבנ די פאראײניקטע שטאטנ מיטנ פארכאפנ די דאָזיקע אינדזלענ אינ אטלאנטישנ אָקעאנ באקומענ דעמ שליסל צומ פאנאמער קאנאל (זע די 14־טע באמערקונג צומ דאָזיקנ בוכ), וואָס פאראײניקט די צוויי אָקעאנענ (דעמ אטלאנטישנ אונ דעמ שטילנ). די פיליפינער אינדזלענ ווידער זײַנענ פאר די פאראײניקטע שטאטנ געווענ אזא באזע אינ שטילנ אָקעאנ אָפ ארײַנצודרינגענ אינ כינע אונ אינדאָ־כינע, אָפ אײַנצושטעלנ א קאָנטראָל איבער יאָפּאָניע אונ אויסטראליע אונ איבער דער באוועגונג פונ די אײראָפּײשע שיפנ אינ מיזרעכ־אזיע. די דאָזיקע אומשטענדנ האָבנ געשפילט א באשליסנדיקע ראָליע פארנ קריג־אויסברוכ צווישנ די פאראײניקטע שטאטנ אונ שפאניע.

די שפאניש־אמעריקאנישע מילכאָמע האָט זיכ פארענדיקט מיטנ פאריזשער שאָלעמ־אָפּמאכ דעמ 10־טנ דעקאבער 1898 יאָר. לויטנ דאָזיקנ אָפּמאכ האָט שפאניע גע־מוזט אָפּגעבנ די אינדזלענ קובא, גואמ, פּאָרטאָ־ריקאָ אונ די פיליפינענ. קובא איז פּראָקלאמירט געוואָרנ פאר „אומאָפּהענגיק“. אָבער ווענ די שפאניער האָבנ זי פארלאָזנ, זײַנענ די אמעריקאנישע מיליטער־טײלנ דאָרטנ פארבליבנ אונ מיט זײער הילפ האָבנ די פאראײניקטע שטאטנ אָנגעהויבנ באלעבאטעווענ אפנ אינדזל קובא, ווי אינ אנ אײגענער קאָלאָניע. דערנאָכ איז קובא דורכ געזעצגעבערישע אקטנ אונ דורכ אָפּמאכנ מיט איר אינ 1901 אונ אינ די שפּעטערדיקע יאָרנ פאָרמעל פארוואנדלט געוואָרנ אינ א קאָלאָניע פונ די פאראײניקטע שטאטנ. קעדײ צו פארוואנדלענ אינ זײער א קאָלאָניע די פיליפינער אינדזלענ, וואָס די שפאניער האָבנ פארלאָזנ לויטנ אָפּמאכ פונ 1898 יאָר, האָבנ די פאראײניקטע שטאטנ געדארפט פירנ א נײַע מילכאָמע מיט די פיליפינער גופע. די דאָזיקע מילכאָמע האָט זיכ געענדיקט אינ 1901 יאָר מיט דעמ, וואָס די פיליפינער זײַנענ „באררויקט“ געוואָרנ (זע די 25־טע באמערקונג צומ דאָזיקנ בוכ).

8 **די ענגליש־בורישע מילכאָמע אינ די יאָרנ 1899—1902** האָט ענגלאנד געפירט אינ דאָרעמ־אפריקע קעגנ די בורישע רעפובליקנ טראנסוואל אונ אָראנזש. די עלטער־זײדעס פונ די בורנ (פונ האָלענדישנ וואָרט בארעס — אָפ ײדיש פויער) זײַנענ געקומענ פונ האָלאנד, האָבנ זיכ באזעצט אינ דאָרעמ־אפריקע נאָכ אינ XVII יאָרהונדערט אונ האָבנ אינ XIX יאָרהונדערט געשאפנ די צוויי אָנגערופענע רעפובליקנ, וועלכע זײַנענ געווענ אומאָפּהענגיק סײַ פונ האָלאנד אונ סײַ פונ אנדערע

אייראָפּייִשע מעלוכעס. ענגלאנד, וואָס האָט ביכלעכווײַז ארומגערינגלט אָט די רעפּוב־
ליקנ מיט זײַנע קאָלאָניעס, האָט ניט איינ מאָל געפּרוווט פארוואנדלענ אויכ זיי אינ
זײַנער א קאָלאָניע. סאָפ XIX יאָרהונדערט האָט מענ דאָרטנ אָנגעהויבנ צו באאר־
בעטנ די גאָלד־אונ דימענט־אויצרעס. ענגלאנד איז צוערשט באפאלנ טראנסוואל אונ
דערנאָכ אָנגעהויבנ פאָרמעל א מילכאָמע קעגנ די ביידע רעפּובליקנ, וועלכע האָבנ גע־
שלאָסנ צווישנ זיכ א קריג־בונד. די מילכאָמע האָט געדויערט מיט א פארענדערלעכנ
דערפאָלג קימאט 4 יאָר. די גאנצע בורישע באפעלקערונג האָט סאכאקל באטראָפנ
645000 מאנ. פאר דער צײַט פונ דער מילכאָמע האָט ענגלאנד קעגנ זיי געשיקט אונ
מאָבילוזירט אינ די ענגלישע דאָרעמ־אפריקאנישע קאָלאָניעס 500000 סאָלדאטנ אונ
אָפיצערנ. די ענגלישע אימפּעריאליסטנ, וועלכע זײַנענ געווענ פארינטערעסירט צו בא־
קומענ א גוטנ מארק פאר זייער קאפּיטאל, האָבנ זיכ אָנ ראכמאָנעס אָפּגערעכנט מיטנ
מיליטער־אונ מיט דער באפעלקערונג פונ די בורישע רעפּובליקנ. אינ רעזולטאט פונ
דער מילכאָמע זײַנענ די בורישע רעפּובליקנ אָנגעשלאָסנ געוואָרנ צו גרויסבריטאניע.
די מילכאָמע האָט אָפּגעקאָסט דער ענגלישער בורזשואזיע בא 2 מיליארד רובל.

9 ריידנדיק וועגנ הילפערדינגס טאָעס אינ דער געלט־טעאָריע, האָט לענינ אינ
אויג דעריקער דעמ קאפּיטל II פונ „פינאנצ־קאפּיטאל“. אינ דעמ דאָזיקנ קא־
פּיטל פּרוווט זיכ הילפערדינג „פארטייפערנ“ אונ „פאריכטנ“ מארקסנ, פארופנדיק
זיכ אָפּ פאקטנ פונ דער עסטרײַכישער אונ דער אינדישער עקאָנאָמיק. אינ דעמ
„ארייַנפיר“ צו דער „קריטיק פונ דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע“ אונ אינעמ קא־
פּיטל III פונעמ באנד I „קאפּיטאל“ האָט מארקס דעפינירט דעמ ווערט פונ פּאפּירע־
נעמ געלט, ארויסגייענדיק פונעמ ווערט פונ מעטאלענעמ געלט (גאָלד), בענעגייע צו
וועלכע דאָס פּאפּיר־געלט איז א מינ פארטרעטער. די געזעצנ פונ דער צירקוליאציע
פונ פּאפּיר־געלט קאָנ מענ, לויט מארקסנ, פארשטיינ אָפּנ באָדנ פונ די געזעצנ פונ דער
גאָלד־צירקוליאציע. הילפערדינג אָבער, פונקט פארקערט ווי בא מארקסנ, באהויפּט,
אז „בא א ריינער פּאפּיר־געלט־צירקוליאציע... ווערט דאָס פּאפּיר־געלט... פול־
שטענדיק אומאָפּהענגיק פונעמ ווערט פונ גאָלד אונ שפּי־
גלט אלייִנ דירעקט אָפּ דעמ ווערט פונ די סכוירעס“ (אונדזער
קורסיוו. רעד.). (זע ז. 20 „פינאנצ־קאפּיטאל“, 5־טע אויסגאבע).

ווײַטער, אינ די קאפּיטלענ III אונ VIII פונ דער געגעבענער ארבעט זײַנער
(ז. 41—42 אונ 93 פונ דאָזיקנ בוכ) אונ אויבנ, אינ דעמ פאָרוואָרט צו דער פראנ־
צויזישער אונ דײַטשישער אויפלאגעס (ז. 9 פונ דאָזיקנ בוכ), ווײַזט לענינ אָנ, אבוצ
הילפערדינגס רעוויזיע פונ מארקס געלט־טעאָריע, אויכ אָפּ אנדערע „בעסרוינעס“
פונ הילפערדינגסט „פינאנצ־קאפּיטאל“. לענינ קאָנסטאטירט באזונדערס, אז אינ אזא
וויכטיקער פראגע, ווי דער פּאראזיטיזמ אונ די פארפוילונג פונ קאפּיטאליזמ אינ
דער אימפּעריאליסטישער עפּאָכע, האָט דער „מארקסיסט הילפערדינג“ „געמאכט
א טריט צוריק אינ פארגלײַכ מיטנ ניט־מארקסיסט האָבסאָנ“. אונ „די באוווסטע בײַ־
גונג צו שאָלעמ מאכנ צווישנ מארקסיזמ אונ אָפּאָרטוניזמ“, וועגנ וואָס לענינ
רעדט אָפּ דער זעלביקער זײַט, האָט פונ דעמ געוועזענעמ „מארקסיסט“ הילפערדינג
געמאכט טכילעס פאר קאוטסקיס א מיטקעמפער אונ פאר אײנעמ פונ די אָנגעזעענ־
סטע פארשטייער פונ דער בורזשואזער, רעפאָרמיסטישער פּאָליטיק (זע ז. 9 פונ דאָ־
זיקנ בוכ), דערנאָכ, צוזאמענ מיט קאוטסקינ, פאר אײנעמ פונ די אָנגעזע־
ענסטע טעאָרעטיקער אונ פירער פונ מאָדערנעם סאָציאַל־פאשיזמ. ס׳פארשטייט זיכ,

דאס האט געבראכט אויכ דערצו, אז ער האט זיכ פולקומ אפגעזאגט פונ דעמ, וואס
איז ווערטפול אונ מארקסיסטיש אינ זײַנ בוכ „פינאנצ־קאפיטאל“. הילפערדינג
איז געווארנ אונ איז איצט דער פרײַדיקער פונ דער סאציאל־פאשיסטישער טעא־
ריע וועגנ אימפעריאליזמ, וואס לויט איר איז דער הײַנטצײַטיקער אימפעריאליזמ
אנ ארגאניזירטער קאפיטאליזמ, וועלכער וואקסט דירעקט ארײַנ אינ סאציאליזמ אפנ
באדנ פונ פאליטישער אונ ווירטשאפטלעכער מיטארבעט צווישנ דער בורזשואזיע אונ
דעמ פראלעטאריאט.

10 גרינדער־רעווע אדער גרינדער־פראפיט באקומענ געווײנלעכ די אק־
ציאנערנ באמ ארגאניזירנ אדער רעארגאניזירנ די קאפיטאליסטישע אקציאנערע אונ־
טערנעמונגענ. דער גרינדער־פראפיט בילדעט זיכ אויס אפ אזא אופנ: ס'ווערנ, לע־
מאשל, ארויסגעלאזנ 100 טויזנט אקציעס, יעדע אקציע צו 100 רובל — סאכאקל
אפ א סומע פונ צענ מיליאנ רובל. די גרינדער קאנענ גלײַכ קויפנ אלע אקציעס
מיטאמאל אונ ארײַנלייגנ צענ מיליאנ אינ דער אונטערנעמונג. לאמיר זאגנ, אז דער
דורכשניטלעכער רעווע באטרעפט 10 פראצ. דעמלט וועט דער קאפיטאל פונ צענ מי־
ליאנ „קאסטנ“ 11 מיליאנ רובל אונ יעדע אקציע וועט, אנשטאט 100 רובל, פאר־
קויפט ווערנ פאר 110 רובל. אויב די לאגע איז א שטאנדהאפטיקע, קאנענ די גרינ־
דער אפזעצנ אפ דער בירזשע די אקציעס לויטנ געהעכערטנ פרײַז אונ באקומענ אפ
אזא אופנ אנ איבעריקנ מיליאנ רובל, וואס דאס שטעלט מיט זיכ פאר דעמ גרינ־
דער־פארדינסט. די קוינומ פונ אט די אקציעס, דערהויפט די קליינע, ווענ עס ווערט
ערגער די לאגע, באצאלנ פאר זייער לײַכטגלויביקײַט מיט זייער פארמעגנ.

עס עקזיסטירנ פארשיידענע מיטלענ אפ צו באקומענ גרינדער־פראפיט. די אונטער־
נעמונגענ ווערנ אפט געגרינדעט פונ בורזשואזע געשעפטס־לײַט אויסשליסלעכ צוליב
דעמ גרינדער־פראפיט.

11 „פראדוגאל“ — פארקירצטער נאמענ פונעמ סינדיקאט „רוסישע געזעל־
שאפט פונ האנדל מיט מינעראלנ הײַצווארג פונ דאנעצער באסיינ“. ארגאניזירט האט
זיכ דער סינדיקאט אינ 1906 יאר. אינ זײַנ באשטאנד זײַנענ ארײַנ 18 גרויסע
קוילנ־אונטערנעמונגענ, וועלכע זײַנענ קימאט אלע געווענ פארבונדנ מיטנ פראנצוי־
זישנ קאפיטאל; 90—100 פראצ. פונ גרונט־קאפיטאל פונ אט די ריזנ־אונטערנעמונ־
גענ האבנ געהערט צו פראנצויזישע געשעפטס־לײַט. פאר דער מילכאמע האט דער סינ־
דיקאט „פראדוגאל“ אויפגעהויבנ די פרײַזנ אפ קוילנ אפנ פראדוציר־פלאצ אפ 67
פראצ. אונ אפנ מאסקווער מארק — אפ 162 פראצ. העכער ווי אינ יוזאווער ראיאנ
(דאנבאס). קעדיי צו העכערנ די פרײַזנ פלעגט דער סינדיקאט פארהאלטנ די פרא־
דוקציע אונ אזויארומ ארויסרופנ א קוילנ־הונגער.

12 „פראדאמעטא“ — פארקירצטער נאמענ פונעמ סינדיקאט „געזעלשאפט
צו פארקויפנ די פאבריקאטנ פונ די רוסישע מעטאלורגישע זאוואדנ“. דער פונדאמענט
פונ דעמ דאזיקנ סינדיקאט איז פארלייגט געווארנ אינ אקטיאבער 1901 יאר אפנ
XXVI צוזאמענפאר פונ די דאריעמדרוסלענדישע בארג־אינדוסטריעלער, וועלכער האט
באהאנדלט די סיבעס פונ קריזיס אונ די מאסמיטלענ, וואס זײַנענ נייטיק אפ אויס־
צולעבנ אימ. אינ טאכ איז דער „פראדאמעטא“ געווענ א פארייניקונג פונ 5 סינדי־
קאטנ: 1) צו פארקויפנ בלעכ־אײַזנ, 2) באלקעס אונ שוועלנ, 3) באנדאזשנ אונ
אקסנ, 4) טשוהונענע טרויבנ אונ 5) סארטירטנ אײַזנ.

אינ באשטאנד פונ „פראדאמעטא“ זײַנענ ארײַנ די גרעסטע מעטאלורגישע אונ־

טערנעמונגענ פונ דאָרעמ־רוסלאנד מיט א גרונט־קאפיטאל פונ 6 ביז 41 מיליאָנ רובל. הערבנ האָט די אָנפירנדיקע ראָליע אינ די דאָזיקע אונטערנעמונגענ געהערט די אויסלענדישע קאפיטאליסטנ, דערהויפט די פראנצויזישע, וועלכע האָבנ אָנגעפירט מיט דער ארבעט פונ די אונטערנעמונגענ דורכ די גרעסטע פעטערבורגער בענק.

דער סינדיקאט פלעגט איינשטעלנ הויכע פרייזנ אפנ אינערלעכנ מארק (אפ 20—30 פראָצענט העכער ווי אפנ אויסערלעכנ מארק), פארקלענערנדיק דעמ אָנבאָט; אינ 1911 יאָר איז דערגאנגענ ביז א טשוהונ־הונגער.

13 די „צעוואסערונג" פונ קאפיטאל באשטייט אינ דעמ, וואָס דער ווירקלעכער קאפיטאל ווערט אָפּגעשאצט אינ אנ אויסערגעוויינלעכ־גוזמעדיקער סומע (לאָמיר זאָגנ, א קאפיטאל פונ 5 מיליאָנ רובל ווערט אָפּגעשאצט אינ 50 מיליאָנ), אונ אפ דער דאָזיקער סומע ווערנ ארויסגעלאָזנ אונ פארקויפט אקציעס. אזא מאכינאציע גיט די מעגלעכקייט די רעדלפירער פונ דער אונטערנעמונג אויסצונארנ קאלאָסאלע געלטער. א באשטימטע צייט (ביזנ ערשטנ באנקראָט) צאָלנ זיי אויס די קונים פונ זייערע אקציעס דעמ געוויינלעכנ פראָצענט. נאָכנ באנקראָט וואָרעמענ די רעדל־פירער אָנ די הענט אפ די קאפיטאלנ, וואָס זיי האָבנ צונויפגעזאמלט מיט דער הילפ פונ דער באשריבענער מאכינאציע, אונ די ברייטע מאסע אקציאָנערנ ווערט רוינירט.

14 די פראנצויזישע פאנאמע איז געווענ פארבונדנ מיטנ גראָבנ דעמ קאנאל, וואָס פארייניקט דעמ שטילנ אָקעאנ מיטנ אטלאנטישנ דורכנ פאנאמער לאנדצונג, וואָס פארבינדט צאָפנ־ אונ דאָרעמ־אמעריקע. די ארבעט באמ דאָזיקנ קאנאל האָט אָנגעהויבנ צומ ערשטנ מאָל אינ 1882 יאָר די פראנצויזישע קאמפאניע לעסעפס, וועלכע האָט אינ 1888 יאָר באנקראָטירט. די צאָפנ־אמעריקאנישע פארייניקטע שטאטנ האָבנ פארענדיקט די בויונג פונ קאנאל ערשט אינ 1913 יאָר. אינ צוזאמענהאנג מיטנ באנקראָט פונ דער פראנצויזישער קאמפאניע לעסעפס זיינענ אויפגעדעקט געוואָרנ קאָ־לאָסאלע גנייוועס, באבארנ, פעלשונגענ אונ אנדערע שווינדלערייענ, וואָס אינ זיי האָבנ זיכ באטייליקט, צוזאמענ מיט די אָנפירער פונ דער קאמפאניע לעסעפס, אָנגע־זעענע פאָליטישע טוער (קלעמאנסאָ, לובע אאז"וו). פונ יענער צייט אָנ ווערט דאָס וואָרט „פאנאמע" באנוצט ווענ מע דארפ אָנרופנ א גרויסע שווינדלערישע מאכינאציע.

15 באגדאד—א שטאָט באמ טייכ טיגר אינ אראביע. דייטשלאנד האָט פראָ־יעקטירט א גראנדיעזע אייזנבאנ־ליניע, וואָס איז באוווּסט אונטערנ נאָמענ „די דריי ב": בערלינ — ביזאנטיומ (ביזאנצ, קאנסטאנטינאָפּאָל) — באגדאד. דעמ דאָזיקנ פראָיעקט מיינט לענינ, ווענ ער רעדט וועגנ דער בויונג פונ דער באגדאדער אייזנבאנ. זי האָט געדארפט העלפנ דייטשלאנד פארפעסטיקנ זיינ הערשאפט אינ קליינ־אזיע אונ אפנ אראבישנ אינדזל אונ אָפּראמענ דעמ וועג פאר זיינ עקאָנאָמישער ווירקונג אפ אינדיע אונ עגיפטנ. אזא אייזנבאנ וואָלט געווענ א גרויסע געפאר פאר ענג־לאנדס הערשאפט אינ די דאָזיקע לענדער. אלס קעגנגעוויכט קעגנ דעמ דייטשישנ פלאנ, וואָס איז ארויסגעריסנ געוואָרנ דורכ דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע אינ די יאָרנ 1914—1918, האָבנ עקזיסטירט נאָכ צוויי פראָיעקטנ פונ גראנדיעזע וועגנ: 1) דער ענגלישער פראָיעקט פונ די „דריי ק" — קאפשטאט (דאָרעמ־אפריקע)—קאיר (עגיפטנ)—קאלקוטע (אינדיע) אונ 2) א רוסישער פראָיעקט פונ די „צוויי פ" (פעטערבורג—פערסישער אייגוס).

16 דער האנדל־אָפּמאכ צווישנ פראנקרייכ אונ רוסלאנד פונ 16 סענטיאבער 1905 יאָר איז געשלאָסנ געוואָרנ אינ אזא מאָמענט, ווענ די צא־

דישע זעלבסטהערשונג איז געשטאנענ פאר דער געפאר פונ דער צעפלאקערטער רוסישער רעוואָלוציע אונ איז געווענ געצוווּנגענ צו ווענדנ זיכ צו פראנקרײַכ נאָכ א גרויסער געלט־הלוואָע, קעדיי צו פארפעסטיקנ זײַנע פּאָזיציעס אונ דערשטיקנ די רעוואָליוציע. דער אָפּמאכ האָט פאָרויסגעזענ א ברייטנ אימפּאָרט פונ פראנצויזישע סכוירעס קיינ רוסלאנד. דער סכומ נעמענ פונ די פראנצויזישע סכוירעס, וואָס זײַנענ ארײַנגעפירט געוואָרנ קיינ רוסלאנד, איז בערערעכ אינ דרײַ מאָל געווענ גרעסער פונ דעמ סכומ נעמענ פונ רוסישע סכוירעס, וואָס מע האָט ארײַנגעלאָזט אינ פראנקרײַכ. רוסלאנד פלעגט ארויספירנ אויסשליסלעכ רויוואַרג (ברויט, לעדער, וואַלד, נאַפט), פראנקרײַכ — באארבעטע פאבריקאטנ (שפּײַז־פּראָדוקטנ, פּארפומעריע, אווטאָמאָבילנ אדג.). די טאמאָזשנע־אָפּצאָלנ אפ די פראנצויזישע סכוירעס זײַנענ געווענ פארהעלטנישמעסיק נידעריקער ווי די אָפּצאָלנ אפ די רוסישע סכוירעס.

17 דער האנדל־אָפּמאכ צווישנ פראנקרײַכ אונ יאפּאָניע פונ 19 אווגוסט 1911־טנ יאָר איז געשלאָסנ געוואָרנ אזוי, אז ער האָט געגעבנ א בעפירעשנ פאָרצוג פראנקרײַכ, ווײַל: 1) די פראנצויזנ האָבנ באקומענ לגאָטעס אינ אלע יאפּאָנישע קאָלאָניעס אונ די יאפּאָניער — נאָר אינ איינ פראנצויזישער קאָלאָניע (אַלזשיר), וועלכע קויפט קימאט ניט דערצו די זײַד, וואָס יאפּאָניע עקספּאָרטירט; 2) פראנקרײַכ האָט זיכ לויטנ דאָזיקנ אָפּמאכ דערשלאָגנ לגאָטעס באמ ארײַנפירנ א גאנצע ריי סכוירעס קיינ יאפּאָניע, ווי לעמאָשל: סארדינענ, פארשיידענע ווײַנענ, זייפ, קאָלערליי פּארפומעריעס, אווטאָמאָבילנ, מאשינעס אאוו. אינ דער צײַט, ווענ יאפּאָניע האָט באקומענ לגאָטעס אפ ארײַנפירנ קיינ פראנקרײַכ בלויז זײַד־רויוואַרג.

18 א גרענעצ־אָפּצאָל־מילכאָמע איז א פארביטערטער עקאָנאָמישער קאמפ צווישנ צוויי אָדער עטלעכע לענדער. דער דאָזיקער קאמפ קומט פאָר דורכ העכערנ די טאמאָזשנע־אָפּצאָלנ אפ די סכוירעס פונ א צווייטנ לאנד. אָט דאָס לאנד ווידער פארגרעסערט די טאמאָזשנע־אָפּצאָלנ אפ די סכוירעס פונעמ ערשטנ לאנד, דאָס רופט ווידער ארויס א נײַע העכערונג פונ די אָפּצאָלנ מיצאד דעמ ערשטנ. דער דאָזיקער געראנגל קאָנ זיכ אויסלאָזנ מיט פארמאכנ די גרענעצ. דער טאמאָזשנע־קאמפ איז א גרויזאמער אָנזאָג פונ מילכאָמע צווישנ די קאפּיטאליסטישע לענדער.

דער טאמאָזשנע־קאמפ צווישנ עסטרײַכ אונ סערביע האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ דער ערשטער העלפט פונ 1906 יאָר. דער פאָרמעלער אויסרייד דערצו איז געווענ די פארשטענדיקונג צווישנ סערביע אונ בולגאריע, וועלכע האָט אָנגערירט די אינטערעסנ פונ עסטרײַכ, וואָס האָט פּראָטעסטירט אונ פארמאכט די גרענעצ. דאָס האָט געגעבנ א שטארקנ קלאפּ די אינטערעסנ פונ דער האנדל־בורזשואזיע אונ פונ די פּריציִמ אינ סערביע, וועלכע פלעגנ פארקויפנ זייער פי קיינ עסטרײַכ.

אינ דער צווייטער העלפט פונ 1906־טנ יאָר האָט זיכ דער קאמפ באנײַט. עסטרײַכ האָט געפאָדערט, אז סערביע זאָל עפענענ איר מארק פאר דער עסטרײַכישער קריג־אינדוסטריע.

19 דעמ „אימפּעריאליזמ פונ אוראלטנ רוימ“, וואָס האָט געפירט א פארכאפּערישע, דעראָבערישע פּאָליטיק אונ מיט געווער באהערשט א גאנצע ריי לענדער פונ אייראָפּע, אזיע אונ אפריקע, קאָנ מענ ניט צונויפמישנ מיטנ מאָדערנעמ אימפּעריאליזמ, ווי מע קאָנ ניט, אשטייגער, צונויפמישנ דעמ וווּכערישנ קאפּיטאל, וואָס האָט עקזיסטירט ביזנ קאפּיטאליזמ, מיט דעמ וווּכערישנ קאפּיטאל, דעמ באנק־קאפּיטאל

אינ דער עפאכע פונ אימפעריאליזמ· דער אונטערשייד צווישנ דער פארקאפיטאליסטישער, דערקאפיטאליסטישער פאליטיק פונעמ אוראלטנ רוימ אונ דער פארקאפיטאליסטישער פאליטיק פונ היינטצייטיקנ אימפעריאליזמ באשטייט אינ דעמ, וואס אינעמ אוראלטנ רוימ איז עס געווענ א פאליטיק פונעמ גרויסנ ערדבאזיצ אונ פונעמ האנדל־קאפיטאל, וואס זייער הערשאפט האט זיכ באזירט אפנ עקספלואטירנ די שקלאפנ, אונ באמ היינטצייטיקנ אימפעריאליזמ — איז עס א פאליטיק פונעמ פינאנציעלנ קאפיטאל, דה· פונ פאריי־ניקטנ, צונויפגעוואקסענעמ באנקישנ אונ אינדוסטריעלנ קאפיטאל, וואס זיינ הער־שאפט באזירט זיכ אפנ עקספלואטירנ די לוינ־ארבעט פונ די ארבעטער· דער דאזיקער ביישפיל באווייזט, אגעווארנע, אפ וויפל ניט ריכטיק ס'איז צו פארשטיינ אונטערנ היינטצייטיקנ אימפעריאליזמ בלויז די „פאליטיק“ אונ ניט די גאנצע סיסטעמ פונ דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט·

20 רייד נדיק וועגנ דער וויכטיקער באדייטונג, וואס באגדאד האט פאר ענגלאנד, אלס שטיצ־פונקט קעגנ דייטשלאנד, האט לענינ אינ אויג די וויכטיקייט זיינע פארנ קאמפ פונעמ ענגלישנ אימפעריאליזמ פונ יענער צייט קעגנ די פארקאפיטאליסטישע פלע־נער פונ דייטשלאנד בענעגייע קליינאזיע, פערסישנ האלב־אינדזל, אינדיע אונ עגיפטנ, באזונדערס קעגנ פארווירקלעכנ דעמ דייטשישנ פלאנ אויסצובויענ די באגדאדער אײַ־זנבאנ (זע די באמערקונג 15 צומ דאזיקנ בוכ)·

21 אינעמ דאזיקנ פארווארט האט ענגעלס צווישנ אנדערנ געשריבנ: „...קאלומאנ עס האט געדויערט ענגלאנדס אינדוסטריעלע מאנאפאליע, האט דער ענגלישער ארבע־טער־קלאס אינ א געוויסער מאס אנטיילגענומענ אינ די פארצוגנ פונ דער דאזיקער מאנאפאליע· די דאזיקע פארצוגנ פלעגנ פארטיילט ווערנ צווישנ די ארבעטער זייער ניט גלייכמעסיק: די פריווילעגירטע מינדערהייט האט אײַנגעשלונגענ א באדייטנדיקנ טייל, נאר אפנ כיילעק פונ די ברייטע מאסנ פלעגט צייטנווייז אויכ עפעס אנקומענ... מיטנ פאלנ פונ דער מאנאפאליע פארשווינדט די דאזיקע פריווילעגירטע לאגע פונ ענגלישנ ארבעטער־קלאס...“ (זע פ· ענגעלס „די לאגע פונעמ ארבעטער־קלאס אינ ענגלאנד אינ 1844 יאר“ (רוסיש), מעלוכע־פארלאג 1928, זייט 63)·

22 ענגעלס רעדט וועגנ דעמ (בוכשטעבלעכ מיט די ווערטער, וואס לענינ ברענגט אינ דער באמערקונג צומ קאפיטל VI, טייל 1, ב· III פונ מארקס „קאפיטאל“, זע די אויסגאבע פונ מעלוכע־פארלאג פונ 1923 יאר, זייט 97·

23 דער באקסער־אופשטאנד — דער אופשטאנד פונ די פויערימ אונ צאפנ־כינע פרילינג 1900 יאר קעגנ די אויסלענדישע אימפעריאליסטנ· דעמ אופשטאנד האט אונטערגעשטיצט די כינעזישע בורזשואזיע, וואס האט אויסגענוצט די פויערשע באוועגונג, אפ צו מאכנ א דרוק אפ דער דעמאלטיקער מאנארכיסטישער רעגירונג אינ כינע· אינ דער דאזיקער באוועגונג זיינענ אפנ באדנ פונ הונגער נאכ עטלעכע אומ־געראטעניש־יארנ, וואס זיינענ געווענ פארנ אופשטאנד, ארײַנגעצויגנ געווארנ ברייטע פויערשע מאסנ· די געזעלשאפטנ, וואס האבנ אנגעפירט מיט דער באוועגונג,—אי כע־ציואנ (די פויסט אינ נאמענ פונ גערעכטיקייט אונ הארמאניע), דא צויאנ־גוי (די געזעלשאפט פונ גרויסנ פויסט) אונ אנדערע — האבנ אונ זייערע טיטולנ גע־האט דאס ווארט „פויסט“, פונדאנענ שטאמט דער נאמענ „באקסער“· די אלוועלטלעכע בורזשואזיע איז ארויסגעטראטנ אינ א אייניקייטלעכנ פראנט קעגנ די אופשטענדלער אונ האט זיי צעקלאפט מיט געמיינזאמע קויכעס פונ אמעריקאנישע, רוסישע, מיי־רעוו־איראפיישע אונ יאפאנישע מיליטער־טיילנ· נאכנ דערשטיקנ דעמ אופשטאנד

האָבנ די „גרויסמאכטנ“ ארויסגעשטעלט כינע רויבערישע פאָדערונגענ וועגנ פארברײ־טערטע קאָנצעסיעס אינ די גרעסטע שטעט (פעקינ, טיאנצזינ, שאנכײ אא.), וועגנ געבנ די אויסלענדער דאָס רעכט צו האלטנ א באוואָפנטע וואכ, וועגנ איינצאָלנ א קאָלאָסאלע קאָנטריבוציע פונ עטלעכע הונדערט מיליאָנ רובל. פססר האָט זיכ אָפגעזאָגט פונ דער קאָנטריבוציע, וואָס איז אויסגעפאלנ אפנ כײלעק פונ צארישנ רוסלאנד. דער דאָזיקער אָפזאָג איז א בולעטער אויסדרוק פונ דער פאָליטיק, וואָס עס פירט דער פראָלעטאריאט אונ זײַנ פארטיי, וועלכע קעמפנ פארנ פארניכטנ יעטווידער אימפעריאליסטישנ דרוק, דערונטער אויכ דעמ נאציאָנאלנ אונ נאציאָנאל־קאפיטאליסטישנ דרוק.

24 **עליזאס־לאָטארינגיע** האָט מיט זיכ פאָרגעשטעלט צוויי פראָווינצנ (עלזאס אונ לאָטארינגיע), וואָס האָבנ געהערט צו פראנקרײַכ ביז דער מילכאָמע צווישנ פראנקרײַכ מיט פרויסנ אינ די יאָרנ 1870—1871. אינ רעזולטאט פונ אָט דער מילכאָמע איז עלזאס־לאָטארינגיע אָנגעשלאָסנ געוואָרנ צו דײַטשלאנד, אונ אינ רעזולטאט פונ דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע האָט זי זיכ ווידער אומגעקערט צו פראנקרײַכ. וועגנ דער עלזאס־לאָטארינגישער פראגע זאָגט לענינ, אז דאָס איז א „וויכטיקע ברענענדיקע טאָג־פראגע“, ווײַל עלזאס־לאָטארינגיע איז געווענ איינע פונ די מילכאָמע־אָביעקטנ צווישנ די אימפעריאליסטנ פונ דײַטשלאנד אונ פראנקרײַכ, אונ די דײַטשישע סאָציאל־שאָוויניסטנ, וועלכע האָבנ פארטיידיקט זייער „אייגענע“ בורזשואזיע, האָבנ פארשוויגנ דעמ פאקט, אז דײַטשלאנד האָט פארכאפט עלזאס־לאָטארינגיע אינ 1871 יאָר.

25 **די אנעקסיע פונ די פיליפינער אינדזלענ** (אפ שטילנ אָקעאנ) האָבנ די פשא דורכגעפירט מיט א באוואָפנטער קראפט. נאָכ דער מילכאָמע מיט שפאניע אינ 1898 יאָר (זע די באמערקונג 7 צומ דאָזיקנ בוכ) האָבנ די אינדזלענ לויטנ פרידנ־אָפמאכ געדארפט איבערגיינ פונ שפאניע צו די פארייניקטע שטאטנ. פאר דעמ ניצאָנ, וואָס די פארייניקטע שטאטנ האָבנ אָפגעהאלטנ איבער שפאניע אפ די פיליפינער אינדזלענ, האָבנ אָבער די שטאטנ אינ א גרויסער מאָס געהאט צו פארדאנקענ די פיליפינער, וואָס האָבנ ארויסגעשטעלט אנ ארמיי פונ 30 טויזנט מאנ אונטער דער אָנפירונג פונעמ פיליפינישנ רעוואָלוציאָנער אגווינאלדאָ, וועמענ די פארייניקטע שטאטנ האָבנ אָפגענארט אונ צוגעצויגנ אפ זייער זײַט. ווענ די מילכאָמע מיט שפאניע האָט זיכ געענדיקט אונ די שפאניער זײַנענ אוועק פונ די פיליפינער אינדזלענ, האָט אגווינאלדאָ פראָקלאמירט די אינדזלענ פאר אנ אומאָפהענגיקער רעפובליק. דאָס איז געווענ אנ ענטפער אפ דער דערקלערונג פונ דער רעגירונג פונ די פארייניקטע שטאטנ, אז זי נעמט אפ זיכ די פארוואלטונג מיט די אינדזלענ. די פארייניקטע שטאטנ האָבנ געשיקט קעגנ די פיליפינער אנ ארמיי פונ 140 טויזנט מאנ. דער קאמפ פונ די פיליפינער האָט געדויערט בא צוויי יאָר. סאָפ־קאָלסאָפ זײַנענ זיי צעקלאָפט געוואָרנ, זייער פירער אגווינאלדאָ איז געפאנגענ גע־וואָרנ אונ דערנאָכ האָט מענ זיכ אָנגעהויבנ צערעכענענ מיט די רעוואָלוציאָנערנ (טויטשטראָפ, צענדליקער יאָרנ טפיסע). דער קאמפ פונ די פיליפינער קעגנ די פארייניקטע שטאטנ פאר אומאָפהענגיקייט האָט געקאָסט די פיליפינער, לויט די ציפערנ פונ די אמעריקאנער גופע, 600 טויזנט מענטשנ. ווי דער דעמאָלטיקער פרעזידענט פונ די פארייניקטע שטאטנ, מאק קינלי, האָט פארזיכערט, האָט מענ מיט די דאָזיקע מיטלענ אויסגעפירט בלויז גאָטס ווילנ. „די פיליפינער, פונקט ווי קובא אונ פאָר־

טאָ=ריקאָ (זע די באַמערקונג 7 צו דעמ דאָזיקנ בוכ. ר ע ד.), זײַנענ אונדז אָנ־
פאַרטרויט פונ דעמ אויבערשטנ. האָט דענ דאָס לאַנד געקאָנט אויס־
מײַדנ צו אויספילנ אַזאַ פליכט?..." די דאָזיקע „פליכט" פאַרנ אויבערשטנס ווילנ
האָט מאַק קינלי פאָרמולירט אַזוי: „די פיליפינער אינדזלענ זײַנענ אַפ שטענדיק
אונדזערע. האַרט לעבנ די פיליפינער געפינענ זיכ די אומענדלעכע מערק פונ כינע.—
מיר וועלנ זיכ ניט אָפּזאָגנ ניט פונ דעמ און ניט פונ יענעמ".

26 קאָרייע — א מעלוכע אַפנ ווײַטנ מיזרעכ אינ אַזיע, וואָס ליגט אַפנ קאָ־
רייִשנ האַלב=אינדזל. אינ משך פונ א לאַנגער צײַט איז צווישנ יאַפאָניע און כינע
פאָרגעקומענ א פאַרביטערטער קאַמפ פאַר קאָרייע. אינ די 90=ער יאָרנ פונ פאָריקנ
יאָרהונדערט האָט זיכ דער קאַמפ פאַר דער עקספלואַטאַציע פונ קאָרייע פאַנאַנדערגע־
וויקלט צווישנ יאַפאָניע און רוסלאַנד. נאָכ דער רוסיש=יאַפאָנישער מילכאָמע (אינ די
יאָרנ 1904—1905) האָט יאַפאָניע אַנעקסירט קאָרייע און פאַרכאַפט אינ אירע הענט
די אָנפירונג מיט די פינאַנצנ, די פאָטשט, טעלעגראַפ, טעלעפאָנ און אויסערלעכע
באַציִונגענ.

# א י נ ה א ל ט


| | זײַט |
|---|---|
| פ אָ ר ו אָ ר ט | 3 |
| פאָרוואָרט צו דער פראנצויזישער אונ דײַטשישער אופלאגע | 4 |
| I. די קאָנצענטראציע פונ דער פראָדוקציע אונ די מאָנאָפּאָליעס | 1[illegible] |
| II. די באַנק אונ זייער נײַע ראָליע | 25 |
| III. דער פינאנצ־קאפּיטאל אונ די פינאנצ־אָליגארכיע | 41 |
| IV. עקספּאָרט פונ קאפּיטאל | 56 |
| V. די צעטיילונג פונ דער וועלט צווישנ די פאַרבאנדנ פונ קאפּיטאליסטנ | 61 |
| VI. די צעטיילונג פונ דער וועלט צווישנ די גרויסמאכטנ | 70 |
| VII. דער אימפּעריאליזמ אלס באַזונדערע סטאדיע פונעמ קאפּיטאליזמ | 82 |
| VIII. פּאראזיטיזמ אונ פאַרפוילונג פונעמ קאפּיטאליזמ | 93 |
| IX. די קריטיק פונעמ אימפּעריאליזמ | 103 |
| ב אַ מ ע ר ק ו נ ג ע נ | 125 |

Редактор перевода — Л. Гольдберг.
Техред. — М. Погостер. Корректор — М. Иткин. Сдано в набор 23|XII—34 г.
Подписано к печати 11|III — 35 г.
ф. б. 82X110 1/32. 9 п. л. Уп. Главлита Б—2360. Тираж 5.000.

Тип. „Эмес“, Москва, Покровка 9.
Зак. № 646.